STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07372

DRAY DOYRES

Ber Margulies

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דרייַ דורות

לידער פון בערל בראָדער (מרגליות)
פעליטאָנען פון ים הציוני (יצחק מרגליות)
פּאָעמען און לידער פון בער מרגליות

מיט אַ פאָרוואָרט פון דר. יוסף טענענבוים

צוזאַמענגעשטעלט און געשריבן פון
בער מרגליות

געווידמעט צו די 100 יאָר בראָדער זינגער (1857—1957)
אויך צום 100טן געבורטסטאָג פון אונזער פאָטער ים הציוני (1855)

די ארויסגעבער
קרעסעל, בערל און שמשן מרגליות

ניו יאָרק
1957

Copyright by
BER MARGULIES
Brooklyn 29, N. Y.

Printed by Futuro Press, Inc.
476 Broadway, New York 13, N. Y.
200

אַרײַנפֿיר

דער חורבן פֿון גאַליציע בפֿרט, וואָס האָט מיט אַ מאָל אָפּגיהאַקט אַלע קליינע און גרעסערע שטעט און זיי אָוועקגענומען אַלס יידיש־פֿונקציאָנירנדיקע קולטור צענטערס, האָבן ביי אונדז אין אַמעריקע ווי אויך אין דער גאַנצער יידישער וועלט אַרויסגערופֿן אַ רעאַקציע, וואָס דריקט זיך אויס אין אַ דאָפּלטער בענקשאַפֿט צו דעם אַלעם וואָס מיר האָבן פֿאַרלוירן.

עס איז דערפֿאַר קיין וואונדער נישט וואָס מיר די איבערגעבליבענע האָבן זיך גענומען איופֿצוקלייבן אַ יעדעס שטיקל שמות וואָס מיר קענען אַרויסראַטעווען פֿון דעם בראַנד.

אונטער דעם איינפֿלוס פֿון אַזעלכע געדאַנקען בין איך צוגעטראָטן צו־זאַמענצונעמען מיין פֿאַטערס פֿעליעטאָנען, וועלכע זיינען געדרוקט געוואָרן אין פֿאַרשיידענע צייטשריפֿטן, צעוואָרפֿן אין פֿאַרשיידענע צייטן צווישן 40 ביז 80 יאָר צוריק.

און זוכנדיק אין די אַרכיוון פֿון דער 42טער סטריט ביבליאָטעק, האָב איך זיך אָנגעשטויסן, פּונקט ווי צופֿעליק, אויף אַ סך פֿון מיין זיידנס לידער, וואָס האָבן זיך ממש געבעטען איך זאָל זיי אָפּהיטן פֿון פֿאַרלוירן גיין.

און אַזוי איז עס געשען, אַז איך, וואָס האָב שוין זייט 40 יאָר גאָר ניט געשריבן, און אַפֿילו פֿאַרגעסן אין גאַנצן, אַז איך האָב אין מיינע יונגע יאָרן זיך אַמאָל אָפּגעגעבען מיט שרייבעריי, האָב זיך דווקא גענומען צו דער אַרבעט אָנצושרייבן אַ בוך מיט דעם צוועק, און אויך מיט דעם וואַ־רעמען געפֿיל אַרויסצוראַטעווען און צוגלייך נישט צו לאָזן אונטערגיין אַזוי פֿיל ליטעראַרישע פּערל, וואָס געפֿינען זיך צעוואָרפֿן אין פֿאַרשיידענע טיילן פֿון מיין פֿאָטערס און מיין זיידנס שריפֿטן.

אויף אַזאַ אופֿן איז שטופֿנווייז געבוירן געוואָרן דאָס בוך די דריי דורות.

איך וויל דערמאָנען צום גוטן אונדזערע לאַנדסלייט, סיי זלאָטשעווער, סיי סאָסעווער, וואָס האָבן מיך פֿון אַלע זייטן דערמוטיקט גלייך ביים אָנהויב.

אַם מייסטן וויל איך באַדאַנקען מיין יוגנט־פֿריינד ד״ר יוסף טינענבוים, וואָס האָט באַלד דערפֿילט בחוש די נויטיקייט מיך צו דערמוטיקן.

זיין פֿאָרוואָרט איז אַ גאָר לייטזעליקער און ווערדיקער ביטראַג צו דעם אינהאַלט פֿון די דריי דורות.

אַ גאַר באַזונדערן יישר־כוח האָט זיך פֿאַרדינט מיין פֿרוי בערטאַ, וואָס האָט מיר פֿיל מיטגעהאָלפֿן ביי דער אַרבעט אַרום די אַרכיוון און די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף דער וואַך אַז דאָס בוך זאָל אַרויסקומען לייכט פֿאַר־שטענדלעך...

אַ דאַנק פֿאַרדינט אויך מיין ברודער שמשון פֿאַר זיין מיט־רעדאַגירן און זיין ברייטהאַרציגער מיטהילף.

דער מחבר

ניו יאָרק, פֿעב. 1957.

פאָרוואָרט

דריי דורות — דריי — אפשר די וויכטיקסטע פון אונדזער געשיכטע; גאַנץ באַשטימט פון דער ניי־צייטיקער יידישער געשיכטע. — דורות פון אויפבוי און פון קאַטאַסטראָפע. דריי דורות פון אויפשוואונג פון יידיש און העברעאיש — פון צוויי לשונות. איינער אַן אַלטער און אַצינד באַנייטער, און איינער אַ יונגער און גאָר פאַריונגטער. אַ וועלט איז אויפגעגאַנגען און אַ וועלט איז אונטערגעגאַנגען, און אַ נייע זון איז אויפגעגאַנגען אין מיטן די פינצטערע, אומעטיקע הימלען, די זון פון אַ באַפרייטער מדינת־ישראל. און אינמיטן די דריי, אָדער אפשר מער, גורלדיקע, מעשים־באַלאָדענע און מיט שרעק, בלוט און פיין אָנגעוויטיקטע דורות, פינקלען דריי קליינינקע פינטעלעך, צוויי אָדער דריי פערלדיקע שטערנדלעך — די דריי דורות מרגליות. און אויב איך שרייב וועגן זיי, איז ניט נאָר מחמת איך בין פערזענלעך צוגעבונדן צו די פוסטריט פון וויניקטסנס צוויי פון זיי, נאָר טאַקע ווייל יעדער איינער פון זיי שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַזונדערע תקופה — דריי וועגצייכנס אויפן גרויסן שליאַך פון די לעצטע הונדערט יאָר.

לאָמיר אָנהויבן פונעם ערשטן מרגליות — דעם זיידן: אַ בלאָנדזשענדיקער שטערן וואָס האָט איבערגעלאָזט אַזוי פיל ליכט און וואַרעמקייט — בערל בראָדער.

יאָ, ס'איז געווען אין בראָד, אין מזרח גאַליציע, וואו די השכלה האָט געשלאָגן אירע וואָרצלען אין אָנהויב פונעם 19טן יאָרהונדערט. גרויסע נעמען, אַ גרויסער פאַרנעם, אַ קולט, אָדער בעסער געזאָגט, די אויסלעבונג פון אַן אַלטן נוסח אין אַ נייער תקופה פון אַ שטורם־און־דראַנג פעריאָד פונעם מזרח־אייראָפעאישן יידנטום. געקומען איז די זון פון „וועסטן", פון בערלין, אָבער ס'איז געווען אַ קרומע זון, אַ פרעמדע זון. אין בראָד און אין זשולקיוו, אין טאַרנאָפּאָל און אין לעמבערג, וואו די השכלה האָט זיך אָנגעהויבן פאַר־שפּרייטן, האָט אויפגעבליט אַ נייע צוויט פון אַן אויפקלערונג, וואָס איז געווען אי יידיש אי נאַציאָנאַל; אַן עמאַנציפּאַציע אָן בגידה, אַן אמת יידישע עמאַנ־ציפּאַציע, קראָכמאַל, ראַפּאָפּאָרט, מיזעס, ערטער און די עפּיגאָנען זייערע האָבן געבויט נייע וועגן און געשמידט נייע רינגען אין דער אייביקער קייט פון נצח־ישראל. אָבער נאָך עפּעס איז געווען אין דער גאַליצישער השכלה אויף וועלכער בערלין וואָלט קיינמאָל ניט איינגעגאַנגען. די „בערלינער", די מאספים־השכלה, האָבן באַנוצט אַ געשליפענעם העברעאיש אַלס קאָנקורענט קעגן דעם פאַרהאַסטן יידיש—די שפּחה וואָס האָט געוואָלט ווערן אַ בעל־הביתטע. אין בראָד און אין די אַנדערע שטעט, וואו די השכלה האָט אויפ־

געשלאָגן אירע געצעלטן, האָבן די משכילים ניט נאָר פאַרגעזעצט די טראַדי־ציעס פון הבראיזאַצי, נאָר, זיינדיק אַ פאָלקסבאַוועגונג, האָבן זיי מיט ליבע זיך געטוליעט צום פאָלק־לשון און געשריבן אַ זאַפטיקן, גוטן מאַמע־לשון. אַפילו דער „טאַרנאָפּאָלער" יוסף פּערל, האָט איבערזעצט זיין „מגילה טמירין" אין אַ פּרעכטיקן יידיש.

צווישן די „בראָדער" משכילים וואָס האָבן אויפגעהויבן די יידישע פאָן און זי ניט געלאָזט פאַלן, זיינען געווען מענדל לעפין, יעקב שמואל ביק, אייזיק עוזר רוטענבערג און ישעיה מאיר פינקעלשטיין. דער לעצטער האָט אַ סך בייגעטראָגן צו דער אויפלעבונג פון יידיש אַלס ליטעראַרישע שפּראַך און אַליין געשריבן פיינע סאַטירן, פּערזן, און דריי דראַמעס, וועמענס מחבר־שאַפט איז אָבער לעצטנס באַשטריטן געוואָרן. עס זיינען נאָך געווען אַנדערע, אָבער דער אמת ספּעציפיש־גאַליצישער בייטראַג צו דער יידישער פּאָעזיע און פאָלקלאָר אין דער תקופה פון השכלה שטאַמט פון די בדחנים און זינ־גערס, און דער „מייסטערזינגער" וואָס האָט אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל אויף דער תקופה איז געווען בערל בראָדער.

בערל בראָדער איז געווען אַ פּיאָנער; שוין גאָר ניט קיין בדחן, נאָר אַן אמתער פאָלקסזינגער, וואָס האָט געקענט זינגען „ווי דער פויגל זינגט אין די גרינע צווייגן". אַ געבוירענער טאַלאַנט, וואָס האָט, טראָץ זיין באַגרענעצטער בילדונג, אַליין קאָמפּאָנירט און אויך אַדאַפּטירט סלאַוויש־רומענישע פאָלקס־ניגונים, צו זיינע אייגענע פּערזן און גראַמען.

ער איז געווען אַ פּיאָנער און ניט קיין נאָכמאַכער. ער האָט ניט געלאַכט און געוויצלט זיך, נאָר ממש געקרעכצט און האַרציק באַדויערט דעם האָ־רעפּאַשניק און די אָרעמסטע און פאַרוואָגלטסטע צווישן דעם עמך. זיינע טעמעס זיינען ניט געווען קיין לצנישע אָדער געוויצלטע פּאַסקווילן אויף די חסידים, ווי לויט די מאָדע איז געווען, נאָר דורכאויס סאָציאַלע. און ניט נאָר האָט ער אַליין געגראַמט און געזונגען, נאָר ער איז אויך געווען דער גרינדער פון אַ גאַנצער שול — „די בראָדער זינגערס". ער האָט באַשאַפן אַ נייעם טיפּ — דעם „יידישן קאַבאַרעט" און האָט צונויפגעשטעלט אַ וואַנדער־טרופּע — „די בראָדער זינגערס" — וואָס זיינען אַרומגעפאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך פון גאַליציע, רוסלאַנד און רומעניע. אַ פּאָר פון די אַנדערע, וואָס בראָד, דער צענטער פון פאָלקסגעזאַנג, האָט זיי צוגעצויגן פון אַנדערע שטעט און וואָס זיינען געווען אונטער בערלס איינפלוס, איז ווערט צו דערמאָנען: יעקב דוד יאַנסקי, אפרים בראָדער, יאָסל בראָדער *), אָבער בערל איז געווען דער לייכטנדיקער שטערן. און פּונקט ווי בערל, איז זיין זון יצחק מרגליות (ים הציוני) געווען אַ באַנייער און קעמפער פאַרן אָרעמען און אַרבעטער.

יצחק מרגליות איז מיר, פאַרשטייט זיך, נעענטער, גאָר באָענט, כמעט ווי אַן אייגענער.

*) „תולדות יהודי ברודי", ירושלים 1955, ז' 227־230.

און איך וויל דאָ ריידן ניט וועגן יצחק מרגליות דעם ערשטן און ערשט־קלאַסיקן יידישן פעליעטאָניסט (ער האָט באַניית און אַריינגעפירט דעם קלאַסישן ווינער „בייע־פרייע־פרעסע־פעליעטאָן אין דער יידישער ליטעראַטור), און ניט וועגן יצחק מרגליות וואָס איז, פונקט ווי זיין זיידע דער פידקאַמענער ר׳ יצחק, געווען אַ תלמיד־חכם, נאָר וועגן יצחק מרגליות דעם לערער און דערציער; און ער איז געווען ביידע צו מיר. איך פערזענלעך פאַרדאַנק אים זייער אַ סך. ער איז ממש געווען אַ מחנך הדור, און איך קען קיינמאָל ניט פאַרגעסן זיינע שפּאַציר־גענג שבת נאָכמיטאָג מיט „זיינע באַליבטע שילערס״, וועלכע ער פלעגט ממש אינספּירירן מיט זיינע וואונדערבאַרע דיסקורסן און שמועסן. — אין וואַלד אָדער אויפן שפּאַציר. ער האָט אין אונדז אַלעמען — די יונגוואַרג פון סאָסאָווער באַראָן־הירש שולע — אָנגעצונדן אַ בענקעניש נאָך דער גרויסער וועלט, ווייט ווייט פון די סאָסאָווער בערגלעך און וועלדער, און געעפנט ביי האָריזאָנטן פאַר אונדזערע אויגן, געוועקט אַ חשק צו לערנען, צו וויסן, צו דענקען און אָנגעהויכט אונדז מיט אַ האַרציקער פאָלקסליבע.

די ים־הציונים מעשהלעך און משלים זיינען געווען ניט נאָר ים פון וואונדערבאַרע פאַרבן פון אַלץ וואָס איז איידל און גרויס און הויך, הימליש און ערדיש, נאָר ער אַליין איז געווען אַן אמתער ים הציוני, אַ טיפער, ברייטער ים פון ציוניסטישע געפילן, וואָס האָט אונדז אַלעמען אַרומגעכאַפּט אין אַ צערטלעכן כוואַליע־שפּיל פון ציוניסטישע האָפנונגען.

אָבער יצחק מרגליות איז ניט נאָר געווען בלויז מיין לערער און מדריך נאָר אויך מיין פריינד. איך פלעג מיך צו אים ווענדן מיט אַלע מיינע פּראָבלעמען און זאָרגן. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם באַזוך פון מיין מאַמען ביי אים און ווי ער האָט זי געזוכט צו איבערצייגן אַז זי דאַרף טאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך און מיך שיקן שטודירן אין גימנאַזיע. און דאָס איז ניט געווען דאָס ערשטע אָדער לעצטע מאָל וואָס מיין פאַרערטער לערער האָט פאַר מיר געטראַכט און געווירקט.

און דער דריטער — דער לעצטער פון די „דריי דורות״ — מיין פערזענלעכער יוגנט־פריינד בערל מרגליות. מיר פלעגן אינאיינעם חלומען, טראַכטן, שפּילן זיך — און בערל האָט אויך באַהאַלטן און בסוד געשריבן יידישע לידער, אַביסל קינדעריש — אָבער מיר זיינען טאַקע געווען ניט מער ווי קינדער. בערל האָט נאָך עפּעס געירשנט פונעם טאַטן און זיידן, נאָך וועלכן ער טראָגט זיין נאָמען, אַחוץ די נייגונג צו שרייבן פערזן און פאָעטיזירן.

ער האָט אויך געירשנט זיין זיידנס רחמנות מיטן אָרעמאַן. און אין דער יוגנט איז ער געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

זינט יענער צייט זיינען פאַרלאָפן פיל יאָרן, אונדזערע וועגן האָבן זיך

צעשיידט אין פון אַ סך פון אונדזערע חלומות האָבן זיך אויסגעלאָזט קאַלטע האַלעוועשקעס — טויטע קוילן, אַן אַ פייער.

אָבער עס פרייט מיך וואָס בערל קען נאָך אַלץ חלומען, און דער בוך „דריי דורות" איז אַ באַווייז, אַז די טיף איינגעפונדעוועטע ירושה לעבט אין בערלען און זוכט אַן אויסוועג פון די פאַרבאָרגענישן און טיפענישן פון זיין נשמה.

„דריי דורות" — אַ דאָקומענט פון אונדזער פאַרגאַנגענעם לעבן.

דר. יוסף טענענבוים

I

מיין זיידע בערל בראָדער

בערל בראָדער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1817 אין פּאָדקאַמין ער איז דאָרט באַקאַנט געווען אַלס אַ ריידעוודיקער און וויציקער מענטש. אין בראָד, וואו ער האָט געאַרבעט אַלס בערשטלמאַכער, האָט מען אים גערופן „בערל דער ווערטלזאָגער". זיינע שרייבערישע און זינגערישע צייטן האָבן זיך אָנגעפאַנגען באַלד נאָך זיין חתונה, ווען ער איז אַלט געווען אַרום 25 יאָר.

ווען ער איז אין זיין 40טן לעבנסיאָר געפאָרן קיין רוסלאַנד, האָט ער שוין מיט זיך מיטגענומען אַ גרויסן נאָמען אַלס „בראָדער זינגער". אַרום יענער צייט, אין 1857, איז די טרופּע „בראָדערזינגער" געשאַפן געוואָרן. זי איז דאַן באַשטאַנען פון אים און זיינע פריינד אפרים און קאַווקע, וואָס זיינען פריער געווען משוררים ביי אַ חזן.

פון דער דאָזיקער צייט ציילט זיך אויך דער ערשטער פּרואוו צו שאַפן אַ יידיש טעאַטער אין גאַליציע.

אין 1860 איז אַרויסגעגאַנגען בערל בראָדערס ערשט ביכל לידער א"נ „שירי זמרה", וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין פּרעסבורג און איז באַשטאַנען פון אַרום 30 לידער.

אַ צווייטע אויסגאַבע פון בלויז 26 לידער איז דערשינען אין לעמבערג אונטערן זעלבן נאָמען. און נאָך אַן אויפלאַגע — אין וואַרשע, אין יאָר 1882, מיט דער הילף פון זיינע פריינד, וואָס ער האָט געהאַט איבעראַל, וואו ער פלעגט נאָר קומען.

עס איז כדאי צו דערמאָנען אַז לויט ד"ר געלבער (פאַרלאַג לעוויט, געשריבן אין דייטש) זיינען מאַנכע זייער גוטע לידער פאַרלוירן געגאַנגען, ווייל ער האָט זיי אַפילו נישט פאַרשריבן, נאָר פון שטייגרייף געזונגען ביי אַ גלעזל וויין אָדער מעד און ביי פאַרשידענע אַנדערע געלעגנהייטן, וואָס ער פלעגט זינגען זיינענדיק באַשטענדיק אין דעם גאַסטהויז „פּינקוס" פון בראָד, וואו עס פלעגט זיך צוזאַמענקומען יעדן אָוונט אַ גרויסער עולם אים צו הערן.

ש. ניגער, אין „צוקונפט" פון יאַנ. 1925, ז' 41, אונטער דעם טיטול „וועלוול זבאַרזשער" שרייבט:

„בערל בראָדער האַלט מען פאַר דעם ערשטן יידישן פאָלקסזינגער אין גאַליציע".

אויך שרייבט א. ליטווין אונטער דעם קעפל „יידישע פאָלקסזינגער", „צוקונפט", דעצ. 1914, ז' 12/1249:

„בערל בראָדער איז געווען טיף אָריגינעל, ער שפיגלט אָפּ דאָס לעבן פון די סאַמע אונטערשטע שיכטן פון דעם פאָלק. אויך איז ער געווען דער ערשטער וואָס האָט פאַראייניקט אין זיין פּערזאָן אי דעם זינגער, אי דעם שוישפּילער".

א. ליטווין דערציילט דאָרט אויך אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד וועגן בערלען מיט זיין שוואָגער פּיוול:

פּיוול האָט ליב געהאַט זיינע לידער און ער פלעגט אָפט קומען אַהין... מיט זיין וויב קרעסעל, (נאָך וועלכער מיין שוועסטער קאַראָליין האָט איר נאָמען באַקומען). פּיוול איז געווען אַ בעלזער חסיד און איז אַלע מאָל געגאַנגען איינגעבויגן. איינמאָל האָט בערל אַ זאָג געטאָן צו זיין וויב: — „פרומע, איך וועל היינט מאַכן אַז מיר זאָלן האָבן צוויי פּיוולס, דו זאָלסט נאָר שוויגן און זיך צוקוקן צום גרייטן". — ווען פּיוול איז, ווי זייער אָפט, געקומען צו בערלען צו גאַסט צוזאַמען מיט זיין וויב קרעסעל, האָט עמיצער באַלד אַהיים גערופן קרעסלען. ווען זי איז אַריינגעקומען צו זיך אין שטוב, טרעפט זי שוין פּיוולען אין דער היים און פאַרוואונדערט פרעגט זי אים ווי אַזוי ער איז אַזוי שנעל אַהיים געקומען. זי האָט דאָך אים איבערגעלאָזט ביי בערלען. ענטפערט ער איר, הוסטנדיק ווי תמיד: — זעסט דאָך, איך קאָן שנעלער גיין פון דיר. — נאָך אַ ווײַלע דערמאָנט ער זיך, אַז ער וויל נאָך אַ מאָל צוגיין צו בערלען, און זיי גייען ביידע ווידער אַהין. ווען זיי קומען אַריין אין שטוב, טרעפן זיי דאָרט פּיוולען זיצן געמיטלעך און שמועסן מיט פרימען, ווען ער קוקט זיך אַרום דערזעט ער אַריינקומען נאָך אַ פּיוול צוזאַמען מיט קרעסלען. פרומע האָט זיך נישט געקאָנט לאַנג איינהאַלטן און האָט לאַכדיק באַלד אַלץ דערציילט".

א. ליטווין, דערציילנדיק די געשיכטע באַמערקט דערביי אַז ער האָט דאָס געהערט דערציילן פון בערלס זון פערזענלעך. ווייל איך האָב קיינמאָל דעם עפּיזאָד פון מיין טאַטן נישט געהערט, מוז איך אָננעמען אַז ליטווין האָט זיך געטראָפן און האָט גערעדט מיט מיין פאָטערס ברודער, ברוך, וואָס איז אַוועק פון דער היים אַלס קינד און פון וועלכן קיינער פון אונדז האָט די גאַנצע צייט ניט געהערט און ניט געוואוסט וואו ער איז אַהינגעקומען. אויסער דעם האָט מיין פאָטער געהאַט נאָך אַ ברודער, יאָסל, און אַ שוועסטער, לאה, לײַדער גיט א. ליטווין ניט אָן וואו דאָס געשפּרעך און דאָס באַגעגעניש איז פאָרגעקומען. איך האָב אָבער געהערט דערציילן (נישט באַשטעטיקט) אַז ברוך זאָל האָבן געהאַט אָנגעשריבן אַ העברעאיש ווערק.

אין דעם זעלבן אַרטיקל דערציילט א. ליטווין:

„אין בראָד איז געווען אַ באַליבטער מאַן וואָס מען האָט אים גערופן

'נפתלי דער גראַמען זאַגער'. ווען ער האָט געהערט אַז אין פּאָדקאַמין, וואָס איז אײנגאַנצן 3 מייל פון בראָד, איז גאָר פאַראַן נאָך אַ גראַמען מייסטער, איז ער אַריבערגעפאָרן אַהין און אַרויסגערופן בערלען אויף 'אַ דועל' און זיי האָבן אַ גאַנצע נאַכט געקעמפּט. די גאַנצע שטאָט האָט זיך צוגעהערט. נאַטירלעך האָבן זיי זיך ניט באַנוצט מיט געווײנלעכע שווערדן, נאָר מיט גראַמען. דער זיגער איז געווען, נאַטירלעך, בערל בראָדער".

לויט ליטווינען איז בערל געשטאָרבן אין פּליעשטש, אַ קליין שטעטל אין רומעניע.

מעסטנדיק בערלס לידער לויט זייער אינהאַלט, און וואָס ער האָט געוואָלט דורך די לידער זיינע דערציילן און זאָגן צום פאָלק, מוז מען קומען צו דער איבערצייגונג אַז ביי בערלען איז ניט געווען די הויפּטזאַך צו אונטערהאַלטן דעם עולם.

בערל איז קיינמאָל ניט געגאַנגען צו קיין חתונות. אדרבא ער האָט זיך געפילט מער ווי א לערער און קיינמאָל ניט ווי אַ קאָמיקער. עס האָבן אים אינטערעסירט די טראַגישע זייטן פון זיינע טיפּן, און אויך די מאָראַלישע פאָלגן פון זייער לעבן.

אין זיין „אַנטאָלאָגיע פינף הונדערט יאָר יידישע פּאָעזיע" (פאַרלאַג „דאָס יידישע בוך" ערשטער באַנד, 1917 ז' 152) באַמערקט א. באַסין, אַז בערל איז ניט צופרידן געווען מיט מאַנכע רומענישע פלעצער אין דער ערשטער צייט פון זיין אַרומפאָרן, ווייל זיי האָבן ביי אים פאַרלאַנגט ער זאָל זיי אונ־טערהאַלטן מיט קאָמישע זאַכן.

אונטער דעם טיטול „וועגן בערל בראָדער" שרייבט מ. באַסין:

„ער איז דער ערשטער יידישער זינגער פון דעם קרייז „פאָלקס־ווייך־קעלער־זינגער". ער איז איינער פון די ערשטע פערזענלעכקייטן מיט וועמען דאָס יידישע טעאַטער האָט זיך אָנגעהויבן. ער האָט זיינע לידער פאָרגע־זונגען מיט אַליין פאַרפאַסטע מעלאָדיעס..."

אויף אַן ענלעכן שטייגער באַשרייבט אים מאַניע פעטשעניג אין די ליטעראַרישע בלעטער, נומ. 55 : „בערל בראָדער צו דער ביאָגראַפיע פון איין אַלטן פאָלקסדיכטער". ער פאַררעכנט אים צו דעם ערשטן מינען־זינגער וואָס פלעגט תמיד אין זינען האָבן דעם סאָציאַלן עלעמענט. ער פלעגט תמיד פריי־דיקן, אַז מען זאָל זיך ניט שעמען מיט מלאכות ווייל אַלע פּרנסות זיינען אַ קריעת־ים סוף. זיינע לידער דרייען זיך אַרײן אין דעם „האַנס־סאַקסישן רינגאַל וועג." אַ וועלטלעכער פאָלקסזינגער וואָס איז אַרויס פון די ענגע כלי־קודש־ראַמען און גענומען שמועסן פריי.

„ער האָט גענומען פון פאָלק", שרייבט מ. פעטשעניג, „און געגעבן צום פאָלק. זיינע נגונים זיינען אויסשליסלעך יידיש געשריבן און געזונגען מיטן מויל פון פאָלק — וואָס האָבן אויך אויף שפּעטער משפיע געווען אויף זיין זון דעם שרייבער „ים הציוני".

און ווייטער שרייבט ער . „ים הצוני" איז אַ אינטערעסאַנטער טיפּ פאַר זיך : איין אַלטער קעמפער פאַר יידיש אין גאַליציע.

לויט די אויבן ציטירטע באַטראַכטונגען איז גיכער אָנצונעמען אַז בערל קען ריכטיקער פאַרגליכן ווערן צו די דעמאָלטדיקע בעל־דרשנס וואָס האָבן זיך געהאַלטן אַלס די אַפּהיטער פון דער מאָראַל און זיטלעכקייט פון דעם פאָלק. צוגלייך מיט דעם מגיד וואָס האָט פאַרטראָטן אַ העכערע שטעלע ווי דער געוויינלעכער בעל־דרשן, אָבער זיי ביידע האָבן געדרשנט און געזאָגט מוסר צום מייסטן אויף דעם רעליגיעזן געביט; זיי האָבן אין זינען געהאַט די פרומקייט. אָבער בערל, ווי ס׳ווייזט אויס, האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף פרומקייט, כאָטש ער אַליין איז געווען אַ אמת־גלויביקער און פרומער מענטש. די פראַגע פון פרומקייט האָט ער איבערגעלאָזט אויף די כלי־קודש יידן. ווי ער זאָגט אין דעם ליד פון דעם וועכטער.

„נאָר מיט איינעם טרייסט איך זיך *)
וואָס עס לאָזט מיר נישט צו קיין דרימעל
גאָט׳ס ווערק זע איך
און בעטראַכט דעם הימעל״.

אָדער אַ סטאָרף פון דעם ליד פון דעם גאָלדענעם מאָרגן:

„דער טאָג, אונזער בעסטער פריינד,
קריגט פון גאָט זיין זיסן שיין.
צו גיטען זאָל ער האָבען צוגעשיינט
זאָל עס אונס היינט געגליקט זיין.
די קוואקע לערנט די הינדעל עסען,
רופט זי אַלעמול אויף איין אַנדער אָרט צו זיך,
און איהר מענשען ווילט אין זיסען גאָט פערגעסען
צו פיל שלאָף איז איין פאַלשער ריח.״

באַשרייבנדיק ווען עס איז, איז עס אַלע מאָל געווען דער מענטש איז אים, זיינע ליידן און זיינע קריוודעס אַלס מענטש וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט בולטער ווי אַלץ. עס האָט אים אַממייסטן אינטערעסירט די נויט און ליידן, וואָס זיינע טיפּן האָבן זיך אויסגעשטאַנען דורך זייערע פּרנסות.

און נאָך אַן אינטערעסאַנטע כאַראַקטעריסטיק: ווען ער באַזינגט די נויטן פון זיינע העלדן, דאַכט זיך אייך אַז ער זינגט עס פון זיך, אַז דאָס האָט אַלץ מיט אים אַליין פּאַסירט. עס ווייזט זיך אייך אויס, אַז ער אַליין איז דער טרעגער, אָדער דער וועכטער, אָדער דער באַהעלפער, און ער דערציילט אייך אין דעם ליד זיינע פּערזענלעכע ליידן. מיט דעם: „איך, נעבעך, אָרע־מער וועכטער״, גלייך ביים אָנהויב פון יעדן ליד, פאַרזעצט ער אייך אין אַ שטימונג, אַז איר גלויבט אַז ער איז עס וואָס ליידט און ער באַקלאָגט זיך, און דערציילט אייך זיינע אייגענע צרות.

*) די לידער ווערן געזעצט מיט דער אָרטאָגראַפיע פון יענער צייט.

און עס הערט זיך דייטלעך אַרויס דאָס געפיל פון אחריות פאַר דעם פאָלק, און ער באַקלאָגט זיך אין דעם ליד פון „בערל פון בראָד":

„פאַרוואָס זאָל מיך נישט פערדריסען
אַז איך מעג האָבן ווי גוט געקלערט
וויל קיינער פערנעמען מיין שמיסען
ווי טיעף דאָס האָט דעם ווערט".

אָדער ביים ליד פון די גזרה־חתונות, וואו מען דערקענט אַז די גאַנצע זאַך איז אים צואווידער, און עס פאַרדריסט אים, ער ווייסט אַז עס קען נישט האָבן קיין גוטן סוף ער פאַרברעכט די הענט גלייך ביים אָנהויב:

„וואָס זאָגט איהר אויף דער צייט
וואָס אויף דער וועלט איז היינט געשעהען,
ווי איינס דעם אַנדערען האָט אָבגענאַרט
מיט די חתונות וואָס איז געוועז.

מען האָט נאָר געזעהען שריימלאַך פליהען
וואָס זיי האָבען נישט געוויסט קיין וועלט,
מען האָט אַסענטירט אַ טאָג פיפצעהן פאָהר
אָהן קליידער אין אָהן געלד.

מען האָט נאָר געזעהען שטריימלאַך פליהען
חתן־כלה זענען געגאַנגען מיט מוזיק בעוואַכט,
אין ראַצימעראַינעס ייפּעס אונגעטון
גלייך עס וואָלט געווען הושענא־רבה ביי נאַכט."

די מחותנים האָבען מיט די הענט געפּאַטשט
אין האַרץ איז געווען גרויסע צרות,
דערנאָך האָבען זיך אַלע צופּאַטשט —
עס האָט געטויגט אויף טישאַנצע כפּרות.

אויף כלי־זמר איז געווען אַ וועלט
חזנים און דיינים האָבען אויך נישט דערלעגט,
כלי־זמרים האָבען פערדינט פיל געלד
און דיינים האָבן אויף גט'ן נאָכגעפרעגט.

דאָס וועט אייביג בלייבען?
עס וועט ניט פעהלען די מיינסטע הור,
דיינים וועלען גט'ן שרייבען,
פאַר אַ קערב'ל וועט זיין אַ אַם אויף אַ יאָר."

אין דער בהלה־צייט פון 1846־1842, ווען מיט דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן האָט מען זיי אָנגעהויבן נעמען צו מיליטער־דינסט, און ווייל קיין פאַרהייראַטע מענער האָט מען ניט גענומען, האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג ביים פאָלק צו מאַכן מאַסן־חתונות. אויף דעם זאָגט עס בערל סאַרקאַסטיש: „מען האָט אַסענטירט פיפצעהן אין איין טאָג."

כאָטש מיר געפינען ניט ביי בערל בראָדער קיין איין ליד וואָס זאָל אונדזייטען עפּעס וועגן ליבע, געפינען מיר אָבער זייער שיינע באַטראַכטונגען וועגן דער נאַטור און אַן אמת שיינעם קוק אויף דער וועלט, וואָס דערמאָנט אין אַ פּאָעטישער נשמה. צ"ב דאָס ליד פון דעם גאָלדענעם מאָרגן:

„אַך מענשען מיט געזינט שטעהט אויף
צום זיסען, גאָלדענעם מאָרגען,
אויף גאָט וואַרפט אייער לאַסט אַרויף,
וועט איהר קיינמאָל נישט דאַרפען זאָרגען.

רעפרעין:
הערט דעם גאָלדענעם מאָרגען גרויס און קליין
און דאַנקט דעם לעבעדיקען גאָט
ווען די זון הויבט נאָר אָן אויפצוגעין
דאָרף זיין ליבען געבאָט.

איהר מענשען נעמט אייך איין ביישפּיל
פון פייגאָלע וואָס אין דער לופט שוועבט,
אויף דעם צווייגעל זאָרגט עס נישט פיעל
ביז עס דעם זיסען מאָרגען דערלעבט,
גאַנץ פריה ווען דער פויגעל אַרויס שוועבט,
בעשערט עס גאָט איין פליגאָלע גלייך צום מויל
איהר מענשען: פערלאָזט זיך אויף גאָט וואָס אייביג לעבט
שטעהט אויף און זאָרגט ניט, און זייט אויך ניט פויל.

רעפרעין:
הערט דעם גאָלדענעם פרימאָרגען... אאז"וו.

דער האָהן האָט שוין פון לאַנג
דאָס ערשטע מול אָפּגעקרייעט.
דעם לייב טוט אויך שוין באַנק
וואָס דער טוג האָט זיך שוין צושפּרייט.
דער ווייסער טאָג האָט שוין פערדעקט
מיט זיין שיין דעם מאָרגען שטערן
און איהר מענשען ליגט אויסגעשטרעקט,
איהר וועט דעם זיסען מאָרגען נישט הערען.

רעפרעין:
הערט דעם גאָלדענעם פרימאָרגען... אאַז"וו.

דער בוזשיק איז שוין פון דער נעסט אַרופּגעפלויגען
צו זיכען שפּייז צווישען גרינעם גרוז,
איהר מענשען רייסט אויף אייערע אויגען —
עס דאַרף זיין צו אַלעם איין מאָס.

רעפרעין:
דאָס פייגאַלע דערזעט איין וואָרם
און דער האָהן שטעט גרוט דערנעבען
קוואקעט דער האָהן מיט שטאַרקען שטורם
מיז דאָס פייגאַלע אַוועק שוועבען.
באַשערט עס גאָט אַ וואָרם אָדער אַ פליגעל
גלייך צים מויל אוהן שרעק
איהר מענשען דאָס איז קעגען אייך אַ שפּיגעל
זאָלסט ניט מיינען, יענער נעמט דיינס אַוועק.

רעפרעין:
הערט דעם גאָלדענעם פרימאָרגען... אאַז"וו.

אַך מאָרגען מיט דיין אָנקימען
דער טוי דערקוויקט גאָר די ערד.
אַך ווי שיין איז דאָס איין אָנגענומען
דאָס געזאַנג פין פויגעל אַז מען הערט,
דאָס גרוז איז ביים קאָליר ריין גרין
אין דער קאַנאַריק סוויפּטשעט,
עס הויבט אויך אָן זומען די ביהן
אין דאָס קליינע הינדעל פּיסטשעט.

רעפרעין:
הערט דעם גאָלדענעם פרימאָרגען... אאַז"וו.

דער בוזשיק איז אויס דעם נעסט געפלויגען
אין די נאַכטיגאַל גיט אַרויס איר קלאַנג,
איהר מענשען רייסט אויף אייערע אויגען
דאַנקט אין הויבט גאָט מיט געזאַנק.

די מאָראַלישע זייט איז בערלען שטאַרק אָנגעגאַנגען. ער האָט געהאָט אַ ווייך האַרץ וואָס האָט זיך אָפּגערופען אויף אַלע ליידן און קריוודעס וואָס זיינען פאָרגעקומען אַרום אים.

ער האָט באַזונגען דעם בעל־מלאכה ניט דערפאַר ווייל ער האָט אָנגעהערט

צו דעם אַרבעטער־קלאַס, ווי מאַנכע באַהויפּטן, ווייל ער איז געווען אַליין אַ בעל־מלאכה און געאַרבעט ביי ברעשטלעך, נאָר דערפאַר ווייל דער אַרבעטער האָט אַמייסטן געליטן, ווייל ער איז געווען געקריוודעט און תמיד פאַרזאָרגט. אַ באַווייז דערויף איז דער פאַקט אַליין, אַז צווישן זיינע געקריוודעטע זיינען פאַראַן: דער געפאַלענער עושר, דער פראָצענטניק, דער באַהעלפער, און אַ סך וואָס האָבן גאָר ניט צו טאָן מיט אַרבעט, אָבער זיינען באַלאַסטיקט מיט נויט און אָרעמקייט. ווי געזאָגט, עס האָט אים ווי געטאָן דאָס האַרץ פאַר אַלע וואָס האָבן געליטן און ניט געקאָנט זיין צופרידן פון זייער לעבן. עס האָט אים פאַרדראָסן די אומגערעכטיקייט פון דעם לעבן און אויך די שלעכטע באַציאונג פון מענטש צו מענטשן. ווי ער באַקלאָגט זיך אין דעם ליד פון דעם בעל־דרשן:

„איך נעבאַך בעל־דרשן\
איך מיטשע מיך אויף דער וועלט.\
פיל פרושים אויף איין פרשי\
און יעדער זאָגט איך מיין דאָס געלד.\
איך קום אין שטודט אַריין צי פורען\
איז מען מיך מכבד צי דרשענען אין שיל,\
פערדרעהט מען מיר מיינע יאָרען\
אין דער קאָפּ ווערט מיר ווי אין מיהל.

אַז איך פוהר אַרויס אויף דער וועלט\
אין די גבאים שלעפען זיך מיר נוך\
מיינען זיי אַז איך דאַרף קיין געלד.\
אַז מען זיצט תפוס גיט מען קעסט אין קוואַרטיר\
אויף דער קאַנטע טרינקען זיי אָהן צוהל\
אין זענען שיקער די גאַנצע טעג,\
דערנאָך מיז איך צולען אויף אַ מאָל —\
איך האָב גאָר ניט אַזויפיל אין מיין פערמעג.

מען נעמט מיך אין אַ קליין שטעטל אַריין —\
אורים זענען זיי אַלע אין דער קליינער שטאָדט\
אַז פאַר הינגער שרייען זיי אַלע געוואַלט,\
איך מיז וואַרטען ביז מען פערדינגט די בוד —\
פין דעם ערשט קריג איך מיין געהאַלט.״

אָדער אַן אַנדער ליד וואָס באַקלאָגט זיך אויך אויף דער באַציאונג פון מענטש צו מענטש:

„דאָס ליד פין איין וואָכענגעלדער"

(אָדער „פון דעם פראָצענטניק")

איך נעבאַך וואָכענגעלדער,
די וועלט שרייט עס געהט מיר גיט,
פאַר צרות ווער איך אַלע טוג עלטער
ווייל מען שעלט מיך פאַר מיין בליט.

אַז איינער מיינט זיך אַ הויז צי קויפען
אין דאָס געלד ווערט אין דער היים פערצערט,
האָב איך שוין דאָס לאַנגע לויפען
אין דער קאָפּ ליגט מיר אין דער ערד.

אַז מען קימט פין מיטלשטאַנד
צו מיר לייען געלד,
אין צי מוהנען זאָגט ער איז איין שאַנד,
עס זאָל נישט וויסען די גאַנצע וועלט.

מוהן נישט — איז פאַר מיר שלעכט
מוהן יאָ — איז פאַר איהם נישט שעהן,
פאַר איהם זיינען די געשעפטען רעכט,
מיר מוז עס צי מיין קאָפּ אויסגייען.

אַז איינער קימט צי מיר געלד נעמען
וואָס מיט מיין בליט צולט ער יעדען אָב,
דערנאָך וויל ער מיך נישט קענען,
דארך דער טובה פין מיין גאָב.

אַז איינער טוט אַ שידוך מיט זיין קינד
אין צי קוקען איז ניטו אויף וואָס —
האָב איך שוין דאָס לויפען געשווינד
איהם צי דערקוויקען מיט מיין ביסעל מעות.

צוויי וואָכען צוהלט ער מיר
אין צען וואָכען בלייבט ער שטעהען
איך קום נאָר אויף דער טיער
זאָגט ער אויף קולעס זאָל איך געהן.

געליגען האָב איך איהם גוטע געלד
און געשריבען נאָטען נאָר,

דערנאָך שעלט ער מיך, בעקים די קעלט
און איז מיך מסלק מיט אַ שוואַרץ יאָר.

אַז איינער האַנדעלט מיט מיר אויף טערמין,
טריקענט מיר אויס מיין מח.
וואָרים אין דער צייט, וואָס עס וועט זיך טין
ווער איך אָן מיין כוח.

היינטיגען טוג האַנדעלט ער מיט מיר
אין מאָרגען פורט ער אויף דער וועלט.
דאָרט זאָגט ער, וואָס פרעג איך נאָך דיר
פיגעס וועל איך איהם געבען, אָבער בישט קיין געלד.

אַז איינער קומט צי מיר געלד לייען
וואָס פון בויט שלעפּ איך אַרויס,
דערנאָך הויבט ער אָן צו שרייען
איך ציה איהם די נשמה אַרויס.

אַז איך הויב אָן מונען מיין בליט
הויבט זיך אָן דאָס לויפען געשווינד,
פאַר צרות ווערט מיר אַזש ניט גיט,
אין האַרצען בלייבט אַ גרויסע ווינד.

און דאָ איז דאָס ליד פון דעם חזן, וואו ער באַקלאָגט זיך אויף זיינע ברויטגעבערס:

דאָס ליד פין דעם חזן

איך נעבאַך געמיינער חזן,
איך מעג זינגען ווי גיט אין וואויל,
מאַכט חוזק אויס מיר איין בלאָזין
וועמען קען איך פאַרמאַכען דאָס מויל.

איך מעג מיך דאַווקע ווי מיטשען
מיט דעם זינגען נאָך באַמיהען,
וויל מיר איינער פאָרט דערקיטשען —
וועמען קען איך עפּעס טיען.

איך מעג זינגען דאָס שענסטע שטיק,
איך לעג אַריין אַביסעל כוח,

דאָס איז כמעט אײן רײנע מוזיק,
איך צעטרוג מיר נעבאַך מײן מוח.

אין האַרצען האָב איך גנבעך אײן ווינד,
פרימע לײט רעדען פּאָרט.
איך שרײַ דאָס איז פאַר גאָט אַ זינד
צו זינגען צווײ מאָל אײן וואָרט.

איז מײן שרײַען גאָר אימזיסט,
אין מען מאַכט אויס מײן זינגען בלאָטע,

דאָס באַרירט דעם מענשען ווײניג וואָס
ביים עמוד מײן ביטער אונרײַסען.
דאָס עכטע דאַוונט דער בעל־הבית,
קדוש מאַכט ער פאַר דעם אונבײַסען.

מיר שטעכט דאָס מעגט איהר גלויבען
זיין, אין שיהל אַרײַנקימען וואַר,
אויף איהם זאָגט יעדער, ער איז אַ מבין
אין איך בלייב נעבאַך דער נאַר.

אײן חזן אויף ער עלטער ווער שמיסט
באַדויערט מיך נעבאַך קײנער,
זיי שרײַען אַז ער היסט,
מען פערשעלט מיר מײנע בײנער.

דאָס טיט זיי נישט געפעלען
אַז איך האָב אַמול געזינגען שיין,
אַ נייעם חזן טיען זיי וועלען,
שרײַען, דער חזן האָט קיין ציין.

„דאָס ליד פון דעם וועכטער" איז אין זיין צייט געווען זייער פּאָפּולער און איז געזונגען געוואָרן אין די גאַסן און אין די הויפן. די מעלאָדיע איז צופּאַסיק מיט זיינע אויסגעצויגענע טענער, — וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די גאַסנלידער, וואָס די בלינדע פלעגן זינגען אויף די גאַסן פאַר די הייזער.

איך דערמאָן זיך, ווי אַ צינד, אַז דער טאַטע האָט מיך מיטגענומען קיין זלאַטשעוו, וואו מיר האָבן אויפגעזוכט דעם „בלינדן יאָסעלע" פון וועלכן מען פלעגט דערציילן, אַז ער קען אַלע לידער פון בערל בראָדער. איך בין דעמאָלט געווען, דאַכט זיך, אַרום 8 יאָר אַלט. ביי אַ גלעזל ביר און אַ פּאָר וואורשטלעך האָט ער דעמאָלט אויסגעזונגען אַ סך לידער, און מיט מאָדנע גרימאַסן האָט

ער פאַרענדיקט יעדן סטראָף פון דעם וועכטער מיט אַן אויסגעצויגענעם „ווער דאָרט: — איך נעבאַך אורימער וועכטער", און האָט פאַרגלייזט זיינע אויסגעלאָשענע אויגן ביים ענדע פון יעדן רעפרעין.

דאָס ליד פון דעם וועכטער

איך נעבאַך אורימער וועכטער,
איך ליג אין דרויסן און טראַכט —
פין אַלע מענטשן איז מיר שלעכטער,
ווייל ביי מיר איז נישט די נאַכט.

פאַרוואָס זאָל איך זיין אַזוי זינדיג,
פון דעם שלוף נישט האָבען קיין נחמה?
איך ליג אין דרויסען בעשטענדיג,
איך נעבאַך זינדיגע נשמה.

ביי טאָג בין איך איין טרעגער
אין ביי נאַכט איין וואָרטעווניק,
ווי איז נאָך פעראַנען ערגער
אַלץ אויף צי זיין שטיק אויף שטיק.

שלוף זיסער, די טייערער ברידער,
מענשען שטאַרקסטי מיט דיין קראַפט,
ריה איך אויס מיינע גלידער,
האָב איך אין מיר נייע זאַפט.

ב׳כדיי אויף דער ערד די האַרטע
וואָלט איך מיך דערקוויקט מיט דיר,
איך מיז געהען אויף דער וואַרטע
פערוואָגעלט ביסטי שלאָף פין מיר.

און זומער ווער שמיסט, אין שלאַגס רעגען,
און אויך דער דינער מיט דעם בליטץ —
דער דינער איז אויף אַלע וועגען
מכלשכן דאָ ווי איך זיטץ.

ווינטער ווער שמיסט, אין גרויסע פרעסט,
ווער איך נעבאַך פערפרוירען,
דאָ האָב איך שוין וויסטע קעסט,
פערקאָוועט ווערען מיינע אויערען.

נאָר מיט איינעם טרייסט איך זיך
וואָס איך קאָן נישט טין קיין דרימעל,
גאָט׳ס ווערק זעה איך,
אין בעטראַכט דעם הימעל.

עס איז נאָך פינסטער אין אַלע ווינקלען,
און אין מזרח שיינט שוין לעכט,
איך זעה די שטערן פינקלען
אין מזרח־זייט טוגט שוין רעכט.

די לבנה מיט די שטערן,
דער הימעל איז ביי ריינעם קאָליר,
אַלע חיות אין די נעסטען אַריין זיך מערן,
זיי לויפן פאַרביי פאַר מיר.

דער האָהן לאָזט הערען זיין קלאַנג,
און פון דעם הימעל פאַלט דער טוי,
די נאַכטיגאַל לאָזט הערען איהר געזאַנג
און איך מיז שרייען: ווער דאָוה...!

ווער דאָרט!...

איך נעבאַך אורימער וועכטער,
איך ליג אין דרויסען אין טראַכט:
פין אַלע מענשען איז מיר שלעכטער,
פערוואָגעלט פין מיר איז די נאַכט.

(דער לעצטער סטראָף ווערט ווידערהאָלט נאָך יעדן סטראָף אַלס רעפרעין.)

אינטערעסאַנט ביז גאָר איז „דאָס ליד פון דעם גרעבער״, וואו ער פילאָזאָפירט סאַרקאַסטיש און גלייכצייטיק מיט פאַרדראָס איבער דעם מענטשן אין אַלגעמיין, וואָס איז אוממעכטיק קעגן טויט: ווען דער טויט גיט אַ רוף, מוז מען גיין. און דער גרעבער לאַכט זיך אויס פון דעם מענטשן וואָס איז ביים לעבן שטאָלץ געווען און געגרויסט זיך קעגן אַנדערע, פאַרגעסנדיק דערביי אַז אַנטקעגן דעם טויט זיינען אַלע גלייך: אָרעם צי רייך, שיין אָדער מיעוס. עס זעט אויס, אַז דער גרעבער נעמט נקמה פון דעם געשטאָרבענעם, ווייל ער האָט זיך נישט אויפגעפירט ווי עס דאַרף צו זיין.

דאָס ליד פון דעם גרעבער

מענטש דו מענטש, אַז דו האָסט געלעבט
ביסטו קעגען מיר געווען שטאָלץ,
אַז דיינע יאָרען האָבען אָוועקגעשוועבט
ליגסטו ווי אַ שטיק האָלץ.

דו האָסט געשעמט זיך מיט מיר
דאָרך דיין פיעל האָב,
צינד ליגסטו און גיסט זיך קיין ריר
ווען איך דיין קבר גראָב.

פין דעם גרעסטען עשירות,
פין דער געמאָלטער שטיב,
פין די אויסגעמעבעלטע דירה
אַהער אין דעם פינסטערען גריב.

איך לאַך דאָך אויס די גאַנצע וועלט
פין גרויס ביס קליין,
אַפילו דער מיט פיל געלד
מוז אין מיין דירה אַריין.

גרוב דו גרוב, דו בייזע זאַך,
ביסט פון אַלעם אויף דער וועלט אָם ערגסטען
הען פאַר אָרים הען פאַר רייך,
אַפילו פאַר דעם שטאַרקסטען.

ווען איינער איז שוין ביי דעם גרעסטען גליק
און דאָס בעסטע איז ביי אים גרינג,
קימט דער טויט אין איין אויגענבליק
און די גריב פאַרדעקט אַלסדינק.

וואָס זענען דאָס פאַראַ ביינער
וואָס איך האָב דאָ געפינען ?
עס איז געווען אַ מענש אַ שיינער
וואָס ער האָט זיך איבערגענימען.

ער איז געגאַנגען אויסגעצויגען,
ער זאָל אויסווייזען העכער,
היינט אויף דעם אָרט פין די אויגען
זענען צוויי טיפע לעכער.

היינט איז ער מיט אַ יעדען שלום
זיין שטאָלצקייט האָט ער שוין פערלוירען
ברידער, די וועלט איז נאָר ווי אַ חלום,
דער מענש איז צים שטאַרבען געבוירען.

די איינציקע פּרנסות מיט וועלכע בערל איז צופרידן זיינען די שוסטערשע און שניידערשע. ער נעמט זיי ביידן אַריין אין איין קאַטעגאָריע, כאָטש זיי זיינען אַזוי פאַרשידן איינס פון דעם אַנדערן. איך נעם אָן אַז עס איז דערפאַר, ווייל די קוואַליטעט פון דעם מענטשן וואָס נעמט יך צו זיין אַ שניידער, איז אַזוי ענלעך צום טיפּ מענטש וואָס נעמט זיך גערוי לעך צו שוסטעריי. ווי עס ווייזט אויס האָט בערל געגעבן דעם טאָן, דורך זיין ליד, צו אַלע שפּעטערדיקע פאָלקסלידער וועגן שניידער און שוסטער, וועלכע זיינען אַמייסטן צופרידענע, און גרויסן זיך מיט זייער הלבשה און לאַטישקייט.

ווי צום ביישפּיל: „מיט אַ נאָדל און אָן אַ נאָדל, ניי איך זיך בכבוד גדול״; אָדער אַן אַנדער ליד פון דעם זעלבן מין: „בין איך מיר אַ שניידערל אַ גוטער, ניי איך מיר פאַר דעם רבין איין פוטער״. איר זעט ממש ווי ער דרייט זיך אַרום מיט די הענט אין די קעשענעס און שוי פּט נחת פון זיך אַליין.

דער שניידער און דער שוסטער

שענד נישט מעך, איך שענד נישט דעך
מיר זענען ביידע פין איין צעך.

דער שניידער:

אַבי אַ מח מיט געהירן
קען מען שוין די מלאכה פירען
בין איך מיר אַ מענש אַ לייט,
און מאַך אַ כוסה אַלע צייט.

דער שוסטער:

אַ מלאכה איז ציקער זיס
אין אַ בענקעל אויף דריי פיס,
אַבי איך שנייד צו צו דער פאָהר
אין גרייט אוהן אַ ביסעל חזר־האָר
זיצען די ייגגען אוף דעם בענקעל,
אין „מאַטיקעל״ איז פיל אין שענקעל
שניידעריי איז זייער שיין,
בורוויס קען מען אויך נישט גיין,
לאָזען מיר לעבען ביידע גיט,
מיר וועלען טרינקען בלויס אָקאַוויט.

אברהם גאָלדפאַדען, וועלכער האָט, ווייזט אויס, פּערזענלעך ניט געקענט בערלען, האָט אים באַצייכנט מיט די ווערטער „ערנסט און טרויעריק". ער האָט, אָבער, ווייזט אויס, זיך יאָ געזען מיט מאַנכע פון די „בראָדערזינגער" וואָס פלעגן אַרומפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, און האָבן שפּעטער אָנגענומען אַ נייע מעטאָדע פון אונטערהאַלטן דעם עולם; זיי האָבן ביים זינגען בערלס לידער טאַקע ערנסט און טרויעריק געזונגען מיט מימיק און האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר דער געגעבענער פּערזאָן אין ליד (זיך קאָסטומירט). „יי האָבן געמאַכט אָנשטעל" — ווי מען האָט דאָס דעמאָלט גערופן.

בערל האָט, ווייזט אויס, זיין גאַנץ לעבן געזוכט אַן ענטפער אויף די אַלע פראַגן וואָס ער האָט זיך געשטעלט. זיין וואַנדערן פון אָרט צו אָרט איז געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון זיין אומרואיקער נשמה. ער האָט ניט גע־צווייפלט אפשר אַז עס איז ערגעץ וואו פאַראַן דער ענטפער, און ער רעדט צו דער וועלט און האָט צו איר טענות אין דעם פאָלגנדן ליד:

ליד ווי אַ חכם שמועסט צו דער וועלט

צי ביסטי דען צו דעם געשטעלט געוואָרען
דער נאַר זאָל תמיד נאַר באַגליקען,
אויף דעם קליגען ביסטי אין צאָרן
און טיסט איהם נעבאַך אינטערדריקען?

וועלט, וועלט, פאַרוואָס אָרט דיך נישט
ווי דער נאַר מיינט אַז ער איז קליג,
און דעם חכם האַלט ער, ווי פערמישט,
ווייל ער האָט נעבאַך גאָר קיין גליק.
אוי געוואַלד, עס וויל דיך גאָרנישט באַריהרען,
אָרימקייט און עלענט פין דעם קליגען,
הפנים אַז די ווילסט אַזוי איינפירען
צ׳ים נאַר זאָל געהערען דאָס גאַנצע פערגעניגען.

וועלט, וועלט, וואָס מאַכסטי זיך פערשלופען
און האַלסט פערשלאָסען דיינע ברעמען
און ווילסט דעם נאַר ניט שטראָפען,
נאַר דעם קליגען לאָזטי נעבאַך פערשעמען.
דעם נאַר האָסטי מיט גליק בעהאַנגען:
שטאָלצירט ער און מיינט דאָס איז זיין קראַפט,
און דער קליגער קאָן צו דעם נישט דערלאַנגען,
ווייל עס פעלט דאַצי די בריעשאַפט.

וועלט, וועלט, ווייניסטו ניט
זון אין לבנה פערלעשט אייער ליכט,
ווען דער נאַר פאַרגיסט דעם קליגענס בליט,
מאַכט גרין דעם פנים וואָס איז וואָס?
דער נאַר ווייסט ניט ווי דעם קאָפּ צו טרוגען
אין דער חכם גייט אין צענען איינגעבויגען,
פאַרוואָס זאָל דער קליגער אומגעהן ווי דערשלוגען
אין דער נאַר זאָל האָבען הויך געפלויגען?

וועלט, וועלט, מעגסט שין איינטערגיין,
זזון אין לבנה פערלעשט אייער ליכט,
אין שטערען זאָלען נישט מער שטיין
ווייל איהר זענט ביי מיר גאַרנישט גערעכט,
דאָס פאַלשקייט זאָל ווערען אויסגעריסען,
שריי איך געוואַלט פין דעם האַרץ אַרויס,
אַז פין דעם אמת ווילט איהר ניט וויסען —
שריי איך, וועלט, וועלט לאָז דיך אויס...

וועלט, וועלט, ווי גרויס די ביסט,
ווער קען דען דערגעהען דיין עק,
האָט דען דיך גאָט בעשאַפען אימזיסט?
מינסטאָם צו דעם ריינעם אמת'ן צוועק!

דער פרימיטיווער קינסטלער אין בערלען האָט זיך צוגענענטערט צו דעם וועלט־שמערץ, וואָס באַרירט אַלע פּאָעטן און אַרטיסטן. ער האָט אין דעם ליד אויסגעגאָסן זיין האַרץ אויף דעם אייביקן פּראָבלעם פון גוט און שלעכט, און ער פילט אַזוי שטאַרק די אומגערעכטיקייט, אַז ער באַשליסט אַז די וועלט דאַרף נישט לעבן ווען זי האָט נישט קיין העכערן צוועק.

עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט וואָס בערל האָט אין אַלץ צוערשט נעזען די שאָטנדיקע זייט, ווי ער זינגט אין דעם ליד פון פּאַסטעך.

ליד פין דעם פּאַסטעך

איך נעבאַך בידנע פּאַסטעך,
איך לעב דאָך גאָר ניט אויף דער וועלט:
מע דערזעט פין דער היים ווען יעדער פרייט זיך
ליג איך בעשטענדיג אין פעלד.
קעגען מיר לעבט זיך יעדער באַריט
און האָט זיך בכבוד זיין ברויט,
אין איך בין פין די שאָף אַזוי מיד
אַז איך בלייב ליגען ווי טויט.

דער טאָג טרייבט מיך פֿין דער היים אַרויס
אויף דעם האַרץ ליגט נאָך דער שלאָף:
אַלע פֿעלדער לויף איך אויס
אין מיז נאָר פּאַסען די שאָף,
אומגליקליך בין איך אויף דער וועלט
איך ריה נישט איין מינוט;
זינט איך בין צים פּאַסטעך געשטעלט
זענען פֿאַרשלאָסען געוואָרען מיינע שריט.

אַז איך לייג מיך אַנידער פֿין מיין מי
אין דאָס האַרץ איז פֿיל מיט שרעק,
קימט איינער אין דער צייט ווען איך ריה,
אין גאַנווועט מיר אַ שעפּאַלע אַוועק.
איך כאַפּ מיך אויף ווען עס הייבט אָן צי שייערן
פֿערשעלט איך די נאַכט פֿין מיין שלוף;
אוי, וואָס האָב איך בעדאַרפֿט צי ריען,
עס איז מיר אויסגעגאַנגען אַ גאָט׳ס שטרוף.

צי פּאַשען די שאָף (האָט) דאָס אַ ווערט?
ווי קען איך שוין לעבען רעכט?
אַז די שאָף פֿערבלאָנדזען צווישען די בערג,
דעמעלט איז מיר זייער שלעכט.
שלעכט איז מיר אָן איין עק
אַז זיי גייען אויף אַ פֿרעמד פֿעלד אַרויס;
מע נעמט ביי מיר די שעפּאַלאַך אַוועק
אין מיך וואַרפֿט מען אַרויס.

צי טוגען אין פֿעלד וואָס איז מיין ווערט,
אין מיין געמיט איז מיר צעבראָכען,
צי ליגען אין פֿעלד אויף דער הוילער ערד
אין אַליין אַביסעל יושקע צי קאָכען.
אינמיטען גיב איך אַכטינג אויף די שאָף
און אין דעם קאָכען האָב איך פֿערגעסען:
שפּרינגט מיר אַ שעפּעלע אויף דעם פֿייער אַרויף
אין קערט מיר אויס דאָס עסען.

זומער גאַנץ פֿריה ווען אין דרויסען איז שיין,
ווען יעדער שפּאַצירען גייט,
ליג איך אין פֿעלד גאָר אַליין,
האָב איך אויך אַביסעל פֿרייד.

כאָטש די לופט דערקוויקט מיך, פין אַ יעדען מעהר
אין איך שעפּ קרעפטען אין מיר אַריין,
אין דאָך זיסער גאָט בעט איך דיך זעהר
איך זאָל קיין פאַסטעך זיין.

צווישן די אַרכיוון אין דער ביבליאָטעק אויף 42טער סטריט און פינפטער עווענױ האָב איך געפונען אַ בוך „מיטטיילונגען דער יודישען פאָלקסקונדע״, אין דייטש, יאָרגאַנג 23־25 אין וועלכן ס׳איז געדרוקט אַ גע־זעגענונגס ליד פון בערל בראָדער, ווייל איך צווי סטראָפן דאָ איבערגעבן, ווייל זיי צייגן אַז בערל בראָדער האָט אויך געקאָנט זיין צופרידן, ווען עס איז נאָר געווען מיט וואָס:

איך בין אויף דער וועלט אַרויס געקומען
איז אויף מיר געפאַלען אַ מרה־שחורה,
האָב איך אָנגעהויבען מיינע לידער צו ברומען,
האָב איך נישט געהאַט קיין מורה;
און ווען איך האָב געלויבט גאָט,
איז געוואָרען ׳גרויסע געוואַלטען,
מען האָט מיך גערופען בערל פון בראָד.

איך בין שוין געווען וויט אין דער וועלט
אין בייפאַל האָט מען מיר געגעבען,
איך האָב דאַביי פערדינט געלד
מיט פאַרגעניגען האָב איך מיר געטיען לעבען.
איך האָב מעך אויף דעם גאָר נישט גערעכט,
איך האָב געמיינט עס וועט מיר שלעכט געהען,
איך דאַנק גאָט, עס איז מיר ניט שלעכט,
איך זאָל בשלום אין פרידען קימען אַהיים.

דאָם ליד פין דעם שמש

אויף חתונות אין ברית׳ן צי געהן
שיקט מען מיך אַרים בעטען,
כאָטש יענער וויל נישט געהען
טי איך איהם נישט אָבטרעטען.

דער אַנדערער מאַכט זיך קראַנק,
אין דעם דריטען האָב איך ג׳רד פערגעסען,
אין מ׳שרייט דארך דעם שמש
האָבען מיר קיין דרשה־געשאַנק.

אַז עס קימט פאַרטאָג סליחות
האָבען מיינע פיס קיין שפור,
דער גאַבע וואוינט ביי אַלדע רוח׳ס
און דער חזן ביי אַלדע שוואַרצע יאָר.

אַלע געסלאַך פין דעם מאַרק
בין איך שוין אויסגעקראָכען,
ניט איינמאָל געבראָכען דעם קאַרק,
אין דאַצי דעם לאַמטערען צעבראָכען.

אַז עס קימט פריייטיג זייגער פיער
ווייס איך נישט ווס צי טיען פריער,
צי זאָל איך די לעכט אונקלעבען,
צי זאָל איך ווי אַ רוח אַרומשוועבען ?

פון דעם ווינד שמעלצען אויס די לעכט,
אין אַ שייגעץ האָט דעם ערוב צעריסען;
שרייט מען פאַרוואָס איך האָב נישט פאַרעכט,
דערוואַרגען זאָל ער זיך מיט דעם ביסען.

דער גאַבע האָט זיך שפעט אויפגעכאַפּט,
איך בין נאָך נישט געגאַנגען קיין דלוד־אמות,
שרייט ער אַז איך האָב נישט געקלאַפּט,
קלאַפּ יאָ, קלאַפּ נישט, ביסטי אויס שמש.

„דאָס ליד פון דעם פעקלמאַכער״ איז, אַזוי צו זאָגן, געשיכטלעך. עס באַלאַנגט צו אַ ספּעציעלער צייט און אויך צו אַ באַזונדערער יידישער קאַטע־גאָריע פון פרנסה. אין דער צייט ווען בראָד איז געווען אַ פריי־שטאָט, האָבן אַ סך מענטשן זיך באַשעפטיקט מיט שמוגלעריי לעבן דער רוסישער גרענעץ. די דאָזיקע פראָפעסיע איז מערסטנס געשטאַנען אין יידישע הענט.

דאָס ליד פין דעם פעקעלמאַכער

איך נעבאַך פעקעלמאַכער,
מיין פרנסה איז גאָר מיט שרעק,
איך מעג זיין נאָר ווי רייכער
געהט דאָס אַלץ מיט דעם ווינד אַוועק.

אַז איך פוהר אַרויס מיט פיל סחורה
מיין איך צי מאַכען דאָס גרעסטע גליק.
פאַלט אויף מיר איין גרויסע מורא
איך פאַל שיר אַריין אין גרעסטען אומגליק.

אַז איך קים נאָר אַהיים בשלום,
מיינט מען איך בין געוואָרען רייך,
צים סוף איז דער האַנדעל ווי איין חלום,
עס ווערט פין אַלעם אַ פיסטער טייך.

איינער פרעגט מיך אויף זיין סחורה:
צי האָב איך זיינע לייט איבערגעגעבען;
זאָגען דעם אמת האָב איך מורא
איך בין קוים אַהיימגעקומען מיט דעם לעבן.

אַז איך קים שוין אַהיים צי געהען
ווערט איבער מיר אַ גרויס געשריי;
זיי באַפאַלען מיך מיט אַ געוויין,
וואָרען יעדען טיט עס נעבאַך וויי.

מען וויל מיך לאָזען אין לעצטען העמד שטיין,
עקסטראַ וויל מען מיך פאַרברענען,
פאַר גאָט זאָל אויסגיין מיין געוויין,
איך זאָל דאָס פעקעל־מאַכעריי מער נישט קענען.

אַ ליד פין אַ שינדעל שלעגער

איך נעבאַך שינדעל־שלעגער,
מיין פרנסה איז מיר געשטערט,
אויף דעם דאַך איז מיין געלעגער
אין מיין לעבען האָט גאָר קיין ווערט.
פין די היץ ווערען מיינע קרעפטען פערלוירען,
ווינטער שפּראָצט פין די הענד דאָס בליט,
פערקאָוועט ווערען מיינע אוירען
פין דעם ווייס קיינער ניט.

אַז איך באַשלאָג אַ דאַך אויף דעם דריטען גאָרן
אין קיין העלפער וויל מען מיר נישט געבען,
פאַרשעלט איך מיר מיינע יאָרען,
עס ווערט מיר נמאס פאַר מיין לעבען,

איך בין שוין אויוועק מיט די שינדלען,
שטעל איך מיך אַנידער און ריה מיך אָפּ:
הויבט מיר אָן פאַר די אויגען צו שווינדלען
און עס דאַכט זיך מיר, אַט פאַל איך אַראָפּ.

אַז איך בעדאַרף בעשלוגען אַ דאַך אַן אַלטען,
וואָס ער איז דורכאויס פויל,
צווישען די שפּאַלטען קענען זיך שטשורעס בעהאַלטען,
איך פאַרק עס אויס מיט דעם פילען מויל,
איך מעג ווי פעריכטען, איז אַלץ צעבראָכען,
דער בעל־הבית שרייט, ער איז נישט צעבראָכען אַ סאַך,
דערנאָך וואָלט ער מיך גרן דרשטאָכן,
איך זאָל אים מאַכען אַ נייעם דאַך.

מיין געצייג איז נאָר דאָס העקעל,
וואָס פון דעם עס איך מיין ברויט:
דאָס מאַכט מיר מיין לעבען עקעל
עס איז מיר ערגער ווי דער טויט.
איך מעג זיך אַפילו ווי מיטשען,
עס רעד שוין מיר קיינר ניט אַ וואָרט;
הויבט מען מיר אָן צו דערקיטשען,
איך האָב געלייגט צוויי שינדלען אויף איין אָרט.

ביי דעם באַדינג שמועסט ער גיט
און אַז עס קימט צים צאָלען ווערט ער שטאָלץ:
ער ציט מיר טראָפּענווייז דאָס בליט,
ער וויל איך זאָל בעשלוגען פון האָלץ.
ניט גענוג האָב איך מיך געמיטשעט אַ גאַנצען טאָג,
מיז איך נאָך אַרבייטען ביז אין דער נאַכט אַריין,
פאַר גאָט זאָל אויסגיין מיין קלאָג,
איך זאָל קיין שינדעל־שלעגער מער נישט זיין.

אַ סך שרייבער און קריטיקער דענקען, אַז בערל בראָדער האָט געמוזט מיטמאַכן די אַלע פּרנסות וועגן וועלכע ער זינגט אין זיינע לידער, ווייל ער איז אַזוי באַקאַנט מיט דער אינטימער זייט פון די ליידן וואָס יעדער פאַך ברענגט מיט זיך. עס לייגט זיך אויפן שכל אַז מען מוז פערזענלעך מיטגיין און צוזאַמענאַרבעטן מיטן שינדל־מאַכער אָדער דעם בעל־דרשן, בכדי צו האָבן אַ ריכטיקן באַגריף וועגן זייערע צרות און ליידן כדי אַריינצוגיין אין אַזוי פיל איינצלהייטן ווי בערל באַווייזט.

דאָס בלויזע נאָכדערציילן וואָלט זיכער ניט געקלעקט פאַר אַזאַ נאָענטער קענטעניש און פאַרשטענדעניש ווי בערל ווייזט אַרויס.

דאָס ליד פון דעם ביהעלפער

איך נעבאַך געמיינער ביהעלפער,
מיין פרנסה איז מיין מיה,
דער תלמיד זאָגט ער איז מיין העלפער,
צום סוף האָב איך פין איהם קיין ריה.

אַז איך האָב אַ תלמיד וואָס איז געציטערט,
אין דאַצי האָט ער איין ענגען מוח,
דאָ איז מיין לעבען גאָר פערביטערט,
איך פערליר דאבייי מיין גאַנצען כח.

איך אַרבייט מיט אים אַ גאַנצען טאָג,
אַז פין מיר רינט דער שוויס —
קימט די מאַמע מיט אַ קלאָג,
אַז דעם קינד איז דאָס קעפעל הייס.

פין דעם ביהעלפער בין איך גאַנץ אַוועק
טראַכט איך וואָס זאָל איך ווייטער טיען,
ווי זאָל איך קימען צו אַ צוועק
(פעלט)

צי זאָל איך מיט אַ קלייד באַזאָרגט,
צי זאָל טאַבאַק מיין האַנדעל זיין,
דאָס קלייד ווערט צעבאָרגט,
מיט דעם טאַבאַק נעמט מען מיך אין תפיסה אַריין.

מוניע פעטשעניג, וועלכער האָט אינטערוויואירט מיין טאַטן פערזענלעך, באַהויפטעט, אַז בערל איז געווען אַ באַהעלפער אַ קורצע צייט, ווען ער איז געווען זייער יונג.

איך וויל דאָ אויך ברענגען „אַ ליד פון דעם אָרעמאַן, וואָס ווייזט אויס איז אויך ווי דער באַהעלפער, געווען אַן אויסגעשריי פון בערלס פער־ענלעכעליידן. ווייל נאָך דעם פריצייטיקן טויט פון זיין פאָטער האָט ער געמוזט אויפגעבן דעם חדר און ווערן אַ בעל־מלאכה צו העלפן דער אלמנה אויפהאַלטן דאָס הויזגעזינד.

אַ ליד פין דעם אורימאַן

בעטראַכט נאָר גאָט דעם אורימאַן
מיט זיין ביטער לעבען,

ווי פין זיין מזל איז אַוועק דער שיין
אַז מען דאַרף אים קצווה געבען.
ער האָט אויך די אייגענע נשמה
אַזויווי איינער וואָס האָט פיעל געלד,
כאָטשע זיינע צרות אָן אַ שיר,
איז זעהר גרויס אויך זיי כיין.
אינדעסען זיסער גאָט דאַנק איך דיר,
נאָך ערגער זאָל מיר כאָטש ניט זיין;
וואָרען בעסער זיך ווינטשען האָט קיין שיר.
נאָר אויף אַ גוטער צייט בעט יעדער מענטש.
זיסעס גאָט בעט איך דיך דאָס לעצטע מאָל
זאָלסט מיך האָבען מיט פּרנסה געבענטשט.

דאָס ליד פין נאַכט אין טאָג

אַ מאָנאַט מאַי דיין אונריקען
די מענשען ווערען דערפרייט,
די ערט טיט זיך אויך דערקוויקען
אין הילט זיך אין איין גרינעם קלייד;
דאָס קאַנאַריקעל זינגט,
דער סלאָוויק קלינגט,
אין די פּאַפּוגיס קלאַפּען
אין די מענשען טיען זיך אויפכאַפּען.

דאָס ליד ווי דער טאַטע קימט צים קינד

קימט אַריין די שניר מיט איין גרויסען ברים
אין זי שרייט, אין אַלע טעפּ בין איך שוין פול,
איך האָב געמיינט עס וועט מיר זיין דאָרט בעסער,
צים סאָף האָב איך זיך דאָרט נישט ווי אַהין צו טיען,
איז מיר מיין וועהטיג נאָך גרעסער,
היינט האָב איך ניט קיין שטיקעל ריהיג אָרט,
עקסטראַ לאַרעמט אויף מיר דער איידעם,
אַקלאַל עס קימט אַרויס דאָס אַלטע שפּריך־וואָרט,
איין שניר מיט אַן איידעם
זענען אַ פּאָר שדים.
זאָל מיך גאָט בענשען מיט געזינד,
פין זיין האַנד זאָל איך האָבען ברויט,
איך זאָל נישט דאַרפען קימען צי קיין קינד.

סטראָף פון 1

דאָס ליד פֿין וואַסער-טרעגער

זיסער גאָט אין הימעל
וואָס די אייביג לעבסט,
טיסט קיינמאָל קיין דרימעל,
צו יעדען זיין פרנסה געבסט.
ווי די גיסט אַ יעדען מענשען,
לאָז מיך נישט זיין ערגער,
די מעגסט מיט אַלעם מיך בענשען,
אַבי נישט מיט איין וואַסער-טרעגער.

איך וויל פֿאַרענדיקן די לידער פון בערל בראָדער, מיין זיידן, מיט אַן אָנווייז אויף דעם איינדרוק, וואָס זיי האָבן אויף מיר געמאַכט.

איך האָב די לידער פאַקטיש ערשט איצט נאָענט באַטראַכט, כאָטש איך האָב פון מאַנכע פון די לידער נאָך פריער געוואוסט.

היינט, נאָך 100 יאָר זינט זייער אָנהויב, פרעגט זיך אַ פראַגע: פאַרוואָס האָבן זיי געהאַט אַזאַ דערפאָלג, און מיט וואָס זאָל מען דערקלערן זייער פאָפולערקייט ביים פאָלק אין דער צייט פון זייער אַנטשטיין?

ניט שוין-זשע מיט זייער ליטעראַרישקייט, אָדער פּאָעטישקייט? ווען איי־נער באַהויפּטעט אַז זייער דערפאָלג ליגט אין דעם וואָס די מעלאָדיע האָט שטאַרק האַרמאָנירט מיט דעם טעקסט, ווייל די לידער זיינען פון בערלען צוזאַמען און גלייכצייטיק געשאַפן געוואָרן, מעג דאָס זיין ריכטיק. אָבער זיכער איז דאָס נישט דער איינציקער ענטפער. איך וויל זיך דערפאַר אָפּשטעלן אויף נאָך אַן ענטפער וואָס וועט פיללייכט אונדז דערנענטערן צו דער פראַגע.

בערל רעדט פון דעם ניט-געניטן לאַ־יצלח וואָס נעמט זיך צו אַ פרנסה און דערוואַרט אַ שנעלן דערפאָלג. און וואָס מער ער דערוואַרט, אַלץ ווייניקער דערפאָלג האָט ער. וואַרפט ער אַרויף די שולד אויף די אומשטענדן, און אויף די פאַרהעלטנישן: אויף דעם בעל־הבית, אויף דער וועלט, — ווי עס טוט געוויינטלעך טאָג־טעגלעך יעדער דורכשניט מענטש. און דערביי טוט ער עס מיט אַזאַ רחמנות און אַזאַ נעבעכדיקייט, אַז עס איז גאָר נישט פאַראַן קיין פלאַץ פאַר אַנדערע געדאַנקען, ווי נאָר דאָס באַדויערן און מיטפילען.

אַמייסטן איז עס דאָס אַריינדרינגען אין די קליינינקע איינצלהייטן פון יעדן פעלער, אָדער יעדן דורכפאַל, וואָס ווערן זייער זעלטן, אָדער קיינמאָל ניט באַמערקט פון קיינעם. ווען עס פאַלט אַראָפּ אַ זאַך פון דער האַנט צופעליק, הייבט מען עס אויף און מען רעדט נישט וועגן דעם אַפילו. בערל, אָבער, רעדט יאָ וועגן דעם און ציגט אָן אויף אַזעלכע קלייניקייטן. דערביי געלינגט אים זיך אויסצוהיטן פון חוזק, אָפלאַכעריי אָדער שפּאָט, ווי ער זאָגט אַליין וועגן זיך אין זיין ליד —

פין בערל פין בראָד

איז דען גערינג אובציזוגען,
אויף יענעם אַ ליד צי מאַכען,
מיט קיין וואָרט זיך אונצישלאָגען
אין אויס קיינעם נישט צי לאַכען.

יענעמס כאַראַקטער איבערזעצען
אין אַלצדינג צי טרעפען קלור,
אין קיין בריאה נישט אַרובצוזעצען
אַפילו אויף דער מינדסטער האָר.

עס איז גאָרנישט קיין צופאַל וואָס די לידער האָבן אַזוי אויסגענומען: דער עולם האָט אין זיי דערפילט די ערלעכקייט און די כוונה פון אַן אמתן מייסטער, וואָס, ניט־האָבנדיק צופיל בילדונג, האָט ער מיט שטומפיקע געצייג און פאַרזשאַווערטע מאַטעריאַלן געשאַפן קונסט־ווערק אונטער די שווערסטע אומשטענדן, און דאָס פאָלק האָט דאָס דערפילט און אָפּגעשאַצט.

און דערצו קומט נאָך די ריינע שפּראַך — אַ ריינער מאַמע־לשון, די אמתע דינסטמוידן שפּראַך, ווי מען האָט אין יענע צייטן באַצייכנט דעם יידישן לשון.

II

מיין פֿאָטער יצחק מרגליות

אַ קורצע ביאָגראַפֿיע פֿון מיין פֿאָטער „ים הציוני״ (יצחק מרגליות) אויך אַ פּאָר פּערזענלעכע באַמערקונגען

געבוירן אין פּאַדקאַמין, 1855 — געשטאָרבן אין זלאטשאוו א׳ טבת, תר״ף, 1919.

נאָך פֿון זיין פֿריסטער יוגנט האָט יצחק מרגליות שוין געקענלט מיט קינדער כדי זיך צו דערנערן צוזאַמען מיט זיין מוטער. ווייל זיין פֿאָטער, בערל בראָדער, איז אַלע מאָל געווען פֿאַררייזט, און ווי מ. ל. פּעטשעניג שרייבט אין דעם זאַמלבוך וואָס ער, צוזאַמען מיט אלעזר בערנשטיינען האָבן אַרויסגעגעבן אין דעם יאָר 1915 צוליב דעם 60יאָריקן יובל פֿון „ים הציוני״*)

אַז ווען זיין פֿאָטער, בערל בראָדער, איז צו זיין 7טן יאָר אויף אַ יום־טוב אַהיים געקומען, האָט ער שוין זיין זון, איצעקעל״, געטראָפֿן אַ גמרא־ייִנגל, מיט אַ שאַרף קעפּל, וואָס איז שוין געווען אַ „בקי״ — געקענט לערנען אַ שטיקל גמרא, אַ שטיקל עין־יעקב וכדומה.

און ווייטער שרייבט מ. ל. פּעטשעניק אין דעם דערמאָנטן זאַמלבוך, אַז דעמאָלט, ביי זיין 7טן יאָר, ווען עס איז שוין אפשר געווען ווייניק תורה אַני דעם דאָזיקן קליין שטעטעלע פֿאַר דעם יונגגעטשקן קינד, אָדער, אפשר גאָר צוליב נויט און הונגער, האָט מען אים אין דער מאַמעס וואַכעדיקער פֿאַ־טשיילע פֿאַרפּאַקט אַ ביסל צודה־לדרך און אים אַפּגעשיקט קיין בראָד צו לערנען אין אַ ישיבה. דאָרט אין יענער באַרימטער שטאָט פֿון תורה, וויסן און השכלה, און וואו בילדונג האָט זיך געגאָסן ווי בשמים בראש כל תוצות, האָט זיין פֿעטער ראובן פֿאַר אים געצאָלט שכר־לימוד צוויי יאָר כסדר.

אין דער צייט איז ער געוואויר געוואָרן פֿון דעם טויט פֿון זיין פֿאָטער, בערל בראָדער, האָט ער זיך ווידער אומגעקערט קיין פּאַדקאַמין. שוין זייענ־דיק דעמאָלט „אַ למדן״, האָט ער אָנגעפֿאַנגען צו לערנען גמרא מיט ייִנגלעך אין קלויז און מיט דעם געהאָלפֿן זיך און זיין מוטער מפרנס צו זיין.

אַזוי דערציילט ווייטער מאַני פּעטשעניק: בימים ההם איז ווי עפּעס על־פּי נס געקומען קיין פּאַדקאַמין איינער אַ גרשון מלמד — אַ געהיימער פֿאַרצייטישער משכיל — און זעענדיק דעם קינדס פֿעאיקייטן האָט ער מיט אים בסוד אָנגעהויבן לערנען תנך, אויבן אין דער ווייבערשער שול.

---

*) עס געפֿינט זיך ביי מיר איין עקזעמפּליאַר פֿון די 5 אַרויסגעגעבענע זאַמלביכער.

דאָס יינגל האָט זיך געשמאַק צוגעכאַפּט צום נייעם לימוד, און ווי גליק־לעך יצחקל האָט זיך געפילט, ווען ער האָט אַריינבאַקומען אין זיינע הענט דאָס ספרל „אמל־והרצה", „לשרים תהילה" פון ר׳ משה חיים לוצאַטו, און אַנדערע, וואָס האָבן אין אים אויפגעוועקט אַ פייער, און נאָך מער חשק צו לערנען. ער איז געווען באַצויבערט פון אברהם מאַפּו און אמנון ותמר פון זיין „אהבת ציון".

צו 16 יאָר האָט ער זיך גענומען צום שרייבן קאָרעספּאָנדענציעס אין דער צייטשריפט „עברי אנכי" וועגן חינוך, אונטער אַ פּסעוודאָנים: „ים". („עברי־אנכי" איז געווען אַ העברעאיש וואָכנבלאַט וואָס איז דערשינען אין בראָד און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם אַלטן משכיל ר׳ ברוך וועבער).

מיט אַ יאָר שפּעטער איז ער געקומען קיין זלאָטשאָוו, וואו ער האָט זיך געטראָפן מיט דעם באַרימטן משכיל ר׳ ברוך שטערן, און האָט אָנגעהויבן לערנען השכלה אויף אַן אמת. ער האָט זיך אויך באַקענט מיט דעם צווייטן זלאָטשעווער משכיל, ר׳ מענדעל כאַרי". ער האָט זיך דאַמאָלט באַקענט מיט די דערשינענע ווערק. „עקדה", „הכוזרי", „מורה־נבוכים, „חובות הלבבות", א״אַנד. אין דער צייט האָט „ים" אָנגעהויבן שרייבן אויך אין אַנדערער צייטונג: „דער איזראַעליט" — אַ יידיש־דייטשישע צייטשריפט, אַרויסגעגעבן פון שאַליט אין ווין.

פּעטשעניק דערציילט אויך, דאָס אין יענער צייט האָט „ים" זיך אַריבער־געפּעקלט קיין סאסואוו, וואו ער איז געוואָרן אַ לערער אין דער באַראָן הירש שול. דאָרט איז ער יום־ולילה געזעסן על התורה — אויף ליטעראַטור און אויף בילדונג. דערביי האָט ער זיך כמעט אינגאַנצן אָפּגעגעבן צו דער פּען. ער האָט אָנגעהויבן קאָרעספּאָנדירן מיט יעקב דינעזאָנען און אַ לאַנגע צייט האָט ער ניט געוואוסט אַז יענער דרוקט זיינע בריוו אין דעם „וואַרשעווער טאַגעבלאַט", און אין דער העברעאישער צייטונג „הצפירה" אין וועלכער סלאָנימסקי איז דאַן געווען רעדאַקטאָר. דער באַרימטער העברעאישער שריפט־שטעלער ראובן אָשר ברוידעס, הערנדיק פון אים, האָט אים איינגעלאַדן זיך צו באַטייליקן אין זיינע צוויי אויסגאַבעס, ביידע ליטעראַרישע: דער „כרמל", אַ וואָכנבלאַט, אַ חובב־ציוניסטישער אָרגאַן, און דער „וועקער", אַ צוויי־וועכנט־לעכע ליטעראַרישע שריפט (ביידע אין לעמבערג אין יאָר 1894).

זיין ערשטער אַרטיקל אין יענעם אָרגאַן — „די חסידישע ציוניסטן" — האָט געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק. מיטאַמאָל איז ער געוואָרן זייער באַליבט. אויך דעמאָלט האָט ער געביטן זיין פּסעוודאָנים פון „ים" אויף „ים־הציוני".

ער האָט זיך אויך גלייכצייטיק באַטייליקט אין אַנדערע צייטונגען, כאָטש ער איז געווען אַ שטענדיקער קאָרעספּאָנדענט פון די דערמאָנטע צוויי אָר־גאַנען. אַזוי איז ער געווען פּאַרטראַטן אין דער „המצפה", אין „מחזיקי־הדעת", אין „העם" און אין דער „יידישע פאָלקס־צייטונג" (רעדאַקטירט פון לייבל טויביש). דאָרט האָט ער אָנגעשריבן אַ פעליעטאָן מיטן נאָמען: „ראש חודש אלול", וועלכער האָט שטאַרק נושא־חן געווען צווישן אַלע לעזער־קרייזן אין



ים־הציוני (יצחק מרגליות)

גאַליציע און דעמאָלט האָט ער אַ סך אנערקענונג באַקומען פון אַ סך אומ־באַקאַנטע יידישע לייענער.

ער האָט געשריבן אין לעמבערגער „טאָגבלאַט", אין „קראָקאָווער טאָג", אין „דער יודישער אילוסטרירטער צייטונג", דאָס „נייע יידישע טאָגבלאַט", „טורניוער צייטונג", „פאָלקס שטימע" און וואו נישט? „בקיצור", זאָגט מ. ל. פעטשעניק, „אומעטום, וואו נאָר אַ צייטונג, וואו נאָר מען האָט באַדאַרפט איינטונקען אַ פען, איז דאָרט געווען דער באַרימטער „ים־הציוני".

„און אַן אין יאָר 1885 האָט דער באַוואוסטער פובליציסט ד"ר נתן בירנ־בוים (מתתיהו אחר) אַרויסגעגעבן אַ צייטשריפט, „זעלבסט עמאַנציפאַציאָן", האָט דאָרט אויך געשריבן אונדזער באַליבטער הער „ים הציוני".

און מ. ל. פעטשעניק פאַרענדיקט זיינע ביאָגראַפישע באַמערקונגען וועגן „דעם ליבן חתן, ה„ים־הציוני", מיט די איינפאַכע האַרציקע ווערטער: „מיר קומען היינט אים זאָגן: גוט יום־טוב, רבי און אַפּשטעקן אַ שלום־עליכם און מיט אַ דאַנק און דרך־ארץ אָפּדאַנקען פאַר זיין אַרבעט אַזאַ לאַנגע צייט מיט יאָרן".

פון דער פריסטער יוגנט פון מיין פאָטער קאָן איך זיך דערמאָנען אייניקע עפּיזאָדן, וועגן וועלכע דער טאַטע פלעגט געלעגנלעך דערציילן.

ווען ער איז אין עלטער פון אַרום 14 יאָר אַמאָל געזעסן אין קלויז פאַרטיפט אין עפּעס אַ „ביכל" אין וועלכן ער האָט בגנבה אַריינגעקוקט, האַלטנדיק עס איבער דער גמרא, האָט ער באַמערקט ווי דער פרומער און גאָר בכבודיקער שלום פיניאקער, וועלכער פלעגט לערנען טאָג און נאַכט אין קלויז לשמה, שטייט שוין לאַנג הינטער זיינע פּלייצעס. און באַלד האָט אים טאַקע ר' שלום דערלאַנגט צוויי פייערדיקע פּעטש און אַרויסגעריסן דאָס „ביכל" פון זיינע הענט און דערביי אים טאַקע באַקרוינט מיט דעם נאָמען אפּיקורוס און אים אַרויסגעוואָרפן פון קלויז...

אין דעמזעלבן ערב־יום־כפור האָט מיין פאָטער פּלוצלינג דערזען ווי די טיר פון דער קליינער וואוינונג, וואו ער האָט געוואוינט צוזאַמען מיט זיין מוטער, פרימע, אין גרויס אָרעמקייט, עפנט זיך און עס באַווייזט זיך די הויכע געשטאַלט פון ר' שלום פיניעקער, און מיט אַ „גוט מאָרגן, יצחק" בעט ער מען זאָל אים דערלויבן זיך אַנידערצוזעצן. — „יצחק", רופט ער זיך אָן מיט זיין טיפער באַסאָווער שטימע, „יצחק, איך וויל זאָלסט מיר מוחל זיין. עס איז היינט ערב יום־כפור. מען טאָר נישט האָבן אין אַזאַ צייט אַ בייז האַרץ אויף אַ יידן, איך וויל זאָלסט מיר מוחל זיין."

ווען יצחק איז ענדלעך צו זיך געקומען און האָט אַרויסגעשטאַמלט: „איך בין אייך מוחל, ר' שלום", רופט זיך אָן ר' שלום: „ניין, יצחק, איך וויל זאָלסט מיר מוחל זיין מיט דיין גאַנצן האַרצן. איך האָב חרטה מיט מיין גאַנצן האַרצן, און מיט דעם גאַנצן האַרצן זאָלן מיר זיך ביידע מוחל זיין".

דער דאָזיקער עפּיזאָד מוז אַרויסרופן דרך־ארץ פאַר אַזאַ פרומקייט, וועל־כע איז, דוכט זיך, שוין היינט שווער צו געפינען. אַ פרומקייט וואָס איז מענטשלעך צוגעשטעלט.

אַט אין אַזאַ פרומקייט האָט מיין טאַטע געגלויבט. זיין גאַנץ לעבן האָט ער, שרייבנדיק און ריידנדיק, אַלע מאָל געזוכט אַרויסצורופן די איידעלערע און נאָבעלערע געפילן און שטרעבונגען פון זיינע מיטמענטשן. ער איז, פונקט ווי זיין פאָטער, בערל בראָדער, אַלע מאָל געווען צוערשט דער וועגווייזער, דער לערער.

אַלע געזעלשאַפטלעכע און יידישע פראַגעס האָבן אים אינטערעסירט. עס קומט מיר גראָד אויפן זינען נאָך אַ געשעעניש וואָס דער טאַטע האָט דערציילט:

נאָך אין זיינע יונגע יאָרן אין זלאָטשעוו האָט געטראָפן, אַז גייענדיק אַ פאַרטראַכטער, האָט ער זיך ניט־ווילנדיק אָנגעשלאָגן אָן אַ טרעגער, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען מיט אַ שווערן זאַק מעל אויף דער פלייצע. דער טרעגער האָט אָנגעהויבן שרייען און שילטן אויף אַ הויכן קול. עס האָט ניט געהאָלפן דאָס פאַרענטפערן זיך. וואָס מער מיין פאָטער האָט זיך פאַרטיידיקט, אַלץ מער האָט דער טרעגער געזידלט און באַליידיקט.

נאָך אַ לענגערער צייט, ווען דער דאָזיקער אינצידענט איז פאַרגעסן געוואָרן, האָט זיך געטראָפן, אַז דערזעלבער טרעגער איז אַריינגעקומען אין אַ שבת צו נאַכט אין דעם זעלבן שולכל וואו מיין טאַטע פלעגט זיין דער שטענדיקער בעל־קריאה און וואו ער פלעגט האַלטן אַ דרשה יעדן שבת צו נאַכט. ווי געוויינטלעך, זעצט זיך דער טרעגער ביי דער טיר, ווי אַלע מאָל, ווען איינער קומט דאָס ערשטע מאָל אין אַ פרעמדן אָרט. מיין פאָטער פלעגט אַלע מאָל ניי־געקומענע אַרויפרופן אויבן אָן, נעענטער צום רעדנערס טיש און האָט דאָס מאָל אויך פאַר דעם טרעגער תכף פלאַץ געמאַכט, מיט די ווערטער: ר' הערש, זייט מוחל קומט נעענטער", מיינענדיק אַז דער טרעגער האָט אים ניט דערקענט.

נאָך דער דרשה, ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען, הערט ער פון דרויסן דאָס הויכע קול פון דעם טרעגער ריידנדיק צו די אַרומיקע: „ווען ער זאָל מיר געווען געבן צוויי פעטש, וואָלט איך געווען עס ליבער אָנגענומען".

אַט אַזעלכע זאַכן פלעגט מיין פאָטער אָנזאַמלען און זיי הוד־האַלטן. אַ פאַקט, אַז אַ פּראָסטאַק, אַ זייער דורכשניטלעכער מענטש, ווייסט ווי אָפּ־צושאַצן איידלקייט און שעמט זיך ווען ער האָט דערפילט אַז ער איז באַ־גאַנגען אַן עוולה. אַזעלכע פערל האָט ער ליב געהאַט אויפצוקלייבן און זיי אַרומצושרייבן אין זיינע פעליעטאָנען. אַלע וואָס האָבן געקאָנט מיין פאָטער פערזענלעך געדענקען אים אַלס אַ שטענדיק פריינטלעכן און ליבן מענטשן.

אין זיין בוך „גאַליציע מיין אַלטע היים", שרייבט וועגן אים ד"ר יוסף טענענבוים:

„יצחק מרגליות איז געווען אַלט אין יאָרן און אַ יונגער לויט זיין גייסט. ער האָט פאַרנומען אַ ספּעציעלן פּלאַץ ניט נאָר אַלס איינער פון די ערשטע יידישע פעליעטאָניסטן אין גאַליציע, נאָר ווי אַ מחנך־הדור און אַ זיידענע האַרציקע פערזענלעכקייט, וואָס האָט מקרב געווען די יוגנט און זי געלערנט ליבן און שעצן די יידישע און העברעאישע ליטעראַטור... ער

האָט אונדז אַלעמען באַגייסטערט נישט נאָר מיט זיינע לידער און פעליעטאָ־נען, נאָר נאָך מער מיט זיין ליבע צום פאָלק און צו זיינע צוויי שפּראַכן: יידיש און העברעאיש".

ווען מיר האָבן זיך אַריבערגעצויגן קיין סאָסאָוו, בין איך נאָך געווען אַ קינד פון אַ יאָר פיר. איך געדענק עפּעס ווי דורך אַ חלום פון דער צייט. מיר האָבן געוואוינט ביי פייוול כאַטינער, וועלכער האָט געהאַט אַ געוועלבל. איך געדענק אַן אויסגעביסן שפּיציק בערדל און פאַרדרייטע דיקע פּאהלעך, וואָס ער פלעגט שטיף מאַכן מיט פלוימען־יויך. זיי האָבן זיך געשלענגלט ווי שפּיראַלן איןביידע זייטן און האָבן זיך ביים ריידן געשאָקלט צום טאַקט.

אַנטקעגן־איבער, אויף דער אַנדערער זייט גאַס, האָט געוואוינט משה וויינלער דער מעל־סוחר. אַ דיקלעכער ייד מיט אַ ברייטער באָרד און פלאַכע פּאות, וואָס זיינען געהאַנגען איבער דער גאַנצער ברייט פון זיין פּנים.

אין דעם זעלבן הויז האָט געוואוינט זיין ברודער, יאַנקל וויינלער, דעם רבינס גבאי. ער איז געווען ביי אונז אַ שטענדיקער גאַסט. אַ מענטש וואָס וויים אַלץ און דערציילט אַלץ. ער האָט די גאַנצע שטאָט מיט דעם גאַנצן רבינס הויף געהאַלטן אויף דער פלאַך פון זיין האַנט. ער איז געווען דער קוויטל־שרייבער ביים רבין. אָן אים האָט קיינער נישט געקאָנט אַריין צום רבין. ער איז אויך געווען דער אמתער פּאָליטיקער, וואָס דרייט מיט דעם גרויסן פינגער ווען ער ציינט אייך אָן אויף עפּעס; און דער אָנווייז־פינגער ווייזט אייך אָן ווי וויכטיק ס'איז איר זאָלט וויסן און געדענקען וואָס ער זאָגט אייך. און אויב איר זעט חלילה נישט זיין וועג, וועט ער זיכער ניט אָפּ־טרעטן. ער וועט אייך ברענגען באַווייזן אויף באַווייזן און וועט אייך ניט אָפּלאָזן ביז ער וועט אייך איבערצייגן, אָדער, כאָטש אייך אין צווייפל אַריינ־ברענגען איבער דער ריכטיקייט פון אייערע אייגענע מיינונגען...

איך קאָן זיך איצט נישט אַריינלאָזן צו באַשרייבן דעם אינטערעסאַנטן טיפּ „יאַנקעלע וויינלער". איך מוז עס איבערלאָזן אויף אַן אַנדער צייט.

איך דערמאָן זיך איצט אַ וויכטיקע געשעעניש אין סאָסאָוו, ווען איך בין געווען אַ קינד פון 7 אָדער 8 יאָר:

מען האָט איינגעזעצט אַ יידן ביי דער פינאַנס־פּאָליציי, וועלכע האָט געהאַט איר קאַנצעלאַריע אַנטקעגן אונדזער וואוינונג ין לאַנדעסבערגס הויז. עס האָט ניט געדויערט לאַנג — דאָס גאַנצע שטעטל האָט דערפון זיך דער־וואוסט, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו זאַמלען געלט, מען זאָל דעם פרעמדן יידן אויסלייזן, כאָטש קיינער האָט נאָך נישט געוואוסט אַפילו ווער דער ייד איז און פון וואַנען ער איז געקומען. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן קאָנטראַבאַנד, ער איז געווען „אַ פּעקלמאַכער", ווי מיין זיידע וואָלט אים אָנגערופן אין זיין צייט, איינע פון די אַזוי גערופענע „יידישע פּרנסות". מען האָט געאַרבעט אין דער שנעל, און מען האָט דעם פרעמדן יידן „אַרויס־געכאַפּט פון גויאישע הענט" נאָך איידער מען האָט אים אָפּגעפירט קיין זלאַטשעוו, אין קרייז־געריכט, אָדער צום סטאַראָסטווע.

מיין טאַטע האָט פון אַזעלכע זאַכן געשעפּט נחת. ס'האָט אים געפרייט אַז יידן פילן זיך פאַראַנטוואָרטלעך איינער פאַר דעם צווייטן. „אויסקויפן פון גויאישע הענט" איז געווען אַ גרויסע מצווה, און פון אַזעלכע מצוות האָט ג"ט נאָר ים הציוני געהאַלטן, נאָר אויך דער ייד ר' יצחק מרגליות האָט געלעקט די פינגער דערפון און איז געווען גליקלעך ווען ער האָט געזען אַז מענטשן האַנדלען אַזוי יידישלעך און ווייזן אַרויס אַ גוט האַרץ. דאָס פּינטעלע ייד איז ביי אים תמיד געווען וויכטיקער ווי די באָרד און פּאות, און ווען ער האָט געהערט אָדער געזען אַן עוולה, האָט עס אים געאַרט און ווי געטאָן, און מאַנכע שיינע פעליעטאָנען זיינען אַנטשטאַנען פון זיינע פילע באַגעגענישן מיט דעם לעבן. אַלע מאָל איז ער געווען דער לערער, דער אָנווייזער.

ער האָט אַ סך געשריבן וועגן דעם חדר און וועגן דעם רעליגיע־לערער. ער האָט זיך געשעמט מיט דעם לערער, וואָס איז געווען „אַ פּוילישער נאָכ־שלעפּער, אַן אַסימילאַנט". און ווען דער לערער האָט ניט פאַרשטאַנען צו זיין שטאָלץ און זעלבסטבאַוואוסט, האָט אים זייער ווי געטאָן, ווייל ער האָט געהאַלטן אַז דער לערער איז דער וועגווייזער פונעם פאָלק און מוז טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיין פּראָפעסיע.

ער האָט מיט פאַרדראָס געשריבן וועגן די פאַרקויפטע נשמות פון די ראַדניקעס, און פון די געבויגענע רוקנס פון די ראשי־הקהל וואָס האָבן זיך פאַרקויפט צו די פּריצים פאַר אַטובה אָדער פאַר אַ ליבלעכן שמייכל.

אין דעם פעליעטאָן „מעשה שטן" פירט ער אונדז אַריין אויף אַ גוטמוטיקן אופן אין דעם סאַמע הייסן געפעכט פון דער דעמאָלטיקער נייער שטרעמונג פון דער יידישער יוגנט, וואָס האָט דערפילט דעם נייעם אידעאַל פונעם צייטגייסט — וועגן דעם ציוניסטישן געדאַנק. גלייכצייטיק ווייזט ער אָן אין דעם פעליעטאָן אויף דער נישט־ריכטיקייט פון די אַלע פירערס, וואָס האָבן נאָר זיך אַליין געמיינט און האָבן דערביי אויסגענוצט די נאַרישע פאַ־נאַטישקייט פון דעם פאָלק בכדי צו האַלטן זיך אויף דעם בענקל וואָס לענגער.

דער פעליעטאָן „די קהלס פאַרזאָרגער אין אַ קליין שטעטל" ציגט ווי פאַרפירט דער עולם איז דורך אַ פאַר פאַרבאָבטשעטע יידן וואָס זיינען אַזוי אַריינגעטאָן אין באָרד־און־פאות־יידישקייט, אַז זיי האָבן פאַרלוירן איעדע ערלעכקייט און ווייסן אַפילו ניט אַז זיי באַציען זיך ניט־מענטשלעך און אומ־ווירדיק.

פון אַ גאַנץ אַנדער ווינקל ווייזט אונדז אָן ים הציוני אין דעם פעליעטאָן „דער חלום" אַן אויסערגעוויינלעך שיינעם טיפּ פון אַן אמת־פרומען יידן, וואָס איז אַזוי אויפריכטיק פאַרגלויבט אין זיין פרומקייט, אַז ער האָט גאָר קיין פאַרלאַנג צו בייטן זיין שטאַנד, אויסער וואָס ער וואָלט וועלן אַ ביסעלע בעסערע צייטן, ווייל ער דאַרף חתונה מאַכן זיין טאָכטער און ער האָט נישט קיין נדן פאַר איר. און דער ייד גלויבט באמת אַז גאָט וועט אים העלפן, ווייל ער העלפט דאָך יעדן. ווער דען קען העלפן, אַז נישט ער? אויב גאָט וועט דאַרפן אים באַווייזן אַ נס, וועט ער עס געוויס טאָן. ער גלויבט אין דעם

אַזוי זיכער, ווי ר׳ חנינה־בן־דוסא, צו וועלכן מען האָט אַראָפּגעשיקט פון הימל אַ גאָלדענעם פוס פון אַ טיש...

און דער ייד דערמאָנט זיך, אַז 40 טעג נאָך אידער דער מענטש איז געבוירן, ווערט אויסגערופן פון אַ בת־קול: „בת פלוני לפלוני״ — נו, וואָס־זשע דאַרף ער זיך זאָרגן? און ער זאָרגט זיך טאַקע נישט. און ווען ער ווערט אַנטשלאָפן אין שולכל, זיצנדיק אויף דער באַנק ביים לערנען, און עס חלומט זיך אים אַז זיין טאָכטער גייט אָקאָרשט צו דער חופה, איז ער גאָר גליקלעך. — זיין טעכטערל אויסגעגעבן! — נאָר ווען ער האָט זיך פּלוצלינג אויפגעכאַפּט און האַלב־פאַרשלאָפן דערזען אַז אונטער דער חופה שטייט אַ דייטש מיט אַ געגאָלטער מאָרדע און מיט ברילן גאָר, ווערט אים פינצטער אין די אויגן. עס הויבט אים אָן צו שווינדלען אין קאָפּ... ערשט ווען ער איז געוואויר־געוואָרן אַז דאָס איז די חתונה פון דעם שטאָטישן גבירס טאָכטער מיט אַ דאָקטאָר, וואָס קומט איצט פאַר אין שולכל, אָטעמט ער אָפּ פריי און זאָגט: „געלויבט איז זיין ליבער נאָמען!״ ער הויבט אויף זיינע הענט צום הימל און, ווי אַ שטיין וואָלט אים אַראָפּ פון האַרצן, רופט ער אויס אויפן קול: „עס איז חלילה נישט מיין טאָכטער!״...

דאָס איז אַ בילד פון אמתער פרומקייט. עס ווייזט אונדז די אַנדערע זייט פון דער מטבעה. מיר ווערן געוואויר אַז ס׳איז פאַראַן אין יעדן מענטשן אַן אַנגענומענער אידעאַל, אָדער, אַן ערלעכער גלויבן, פאַר וועלכן מיר מוזן דרך־ארץ האָבן. שוין די ערלעכקייט אַליין צווינגט אונדז צו רעספּעקטירן אַזאַ מענטשן.

דער מענטש איז גרויס און ווירדיק נאָר דעמאָלט, ווען ער פאָלגט נאָך זיינע אייגן־געשאַפענע פרינציפּן, פריי, נישט געצוואונגען, און דערצו ווילִיק און גלויביק.

ים הציוני האָט, צוזאַמען מיט דעם גרעסטן טייל קולטור־מענטשן פון זיין צייט, געגלויבט אין „ציוויליזאַציע״. און ווען דער ערשטער וועלט־קריג איז געקומען מיט זיין ווילדקייט און אכזריותדיקייט, האָט עס אים שטאַרק געקרענקט. ער האָט געזען ווי דורך דעם קריג לאָזט מען אַרויס פון „פּאַנ־דאָראַס פושקע״ אַלע שלעכטע אַנשיקענישן און ווילדע גייסטער, וואָס די ציוויליזאַציע האָט ביז איצט געהאַלטן פאַרשלאָסן און נִיט געלאָזט זיי אַרויס־קריכן פון דעם פאַרשאָלטענעם קעסטל...

און ווען די מלחמה איז צוגעקומען צו דער אייגענער טיר, האָט ער צוגעזען דאָס אוממענטשלעכסטע אין דער געשיכטע פון סאַסאוו: ווי די רוסישע סאָלדאַטן האָבן געשמיסן די גאַנצע שטאָט יידן.... פאַרצווייפלט האָט ער דאַן, אין יענע צייטן אָנגעהויבן פאַרלירן דעם גלויבן אין פאָרטשריט, פון דער מענטשהייט אָן וועלכער קיין שום קולטור־מענטש קען כמעט נישט לעבן. ער האָט דאַן געפילט אַז מען האָט אַוועקגענומען דעם באָדן פון אונטער זיינע פיס; ער האָט נישט אויף וואָס צו שטיין, ער בלייבט הענגען אין דער לופטן...

אין יענער צייט איז געשאַפן געוואָרן דאָס אַלעגאָרישע בילד: „דעם אשמדאיס נצחון" פון וועלכן עס איז שפּעטער געוואָרן „דעם אַשמדאיס יום־טוב", וואו ער האָט די געשעענישן פון סאָסאוו איינגעוויקלט אין אַיין לייוונט מיט די געשעענישן פון דער גאַנצער וועלט און האָט אָנגעקלאָגט די „גע־היימע דיפּלאָמאַטיע", וואָס האָט אויפגעעפנט די שלייזן און אַרויסגעלאָזט אַ פאַרפלייצונג אויף דער גאַנצער וועלט.

דאָס דאָזיקע אַלעגאָרישע קונסטבילד (כמעט אַ פּאָעמע) גיט אונדז אַ מעג־לעכקייט אַריינצוקוקן און מיט נאָר איין־איינציקן בליק אַלץ מיט אַ מאָל צו דערזען. מיר קריגן אַ מעגלעכקייט אַרומצונעמען די טיפקייט פון דעם חורבן וואָס דאָ איז געשען.

מיר זען דעם אַשמדאי מיט זיינע טייוואָלים, מחבלים און באַהעלפערס טאַנצן אויף דעם בית־עולם דעם טויטן־טאַנץ פון דער מענטשהייט.

היינט, נאָך דעם היטלער־חורבן, מיט די גאַז־קאַמערן, מיט די מאַסן־קברים און אַלע בייזוויליקייטן וואָס מיר האָבן אַליין דורכגעמאַכט, באַטראַכטן מיר ווי אַ נביאות זיין אויסמאָלן די ברוטאַליטעט און אוממענטשלעכקייטן פון זיין צייט.

די „געהיימע דיפּלאָמאַטיע" איז שוין כמעט ווי פאַרשוואונדן אָבער דער נידערפאַל פון מאָראַלישקייט איז פאַרבליבן און געמיינע אכזריותקייטן ווערן נאָך אַלץ געטאָן עפנטלעך. וואָס, צ"ב, ווערט ניט געטאָן אין דעם נאָמען פון „קאָמוניזם", וואָס דאַרף ברענגען אַ בעסערע וועלט? די ערגסטע זאַכן ווערן אויסגעטייטשט אויף אַזאַ אופן, אַז די וועלט ווערט צעמישט און צע־דרייט און מיר לעבן איבער אין אנדזער צייט אַ פולשטענדיקע מאָראַלישע דעמאָראַליזאַציע.

נישט ווילנדיק האָב איך זיך פאַררעדט וועגן דער היינטיקער צייט. איך האָב גאָר פאַרגעסן אַז איך שרייב וועגן דעם וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט 40 יאָר צוריק.

ווען מיר לעזן איבער אַזאַ איידעלע זאַך ווי די „יוגנט־געשיכטע פון מיין פריינד", דערמאָנען מיר זיך אין אַ סך גרויסע יידן וואָס זיינען אויפ־געצויגן געוואָרן אין פאַרגויאישטע הייזער, ניט וויסנדיק צי זיי זיינען יידן, אָבער ווען זיי זיינען עלטער געוואָרן זיינען זיי ביי דער ערשטער געלעגנהייט געוואָרן די גרעסטע באַשיצער פון יידישער זעלבסטשטענדיקייט. ווי ד"ר הערצל אָדער מאַקס נארדוי, און נאָך אַנדערע.

איך וויל אויך אַ פּאָר ווערטער שרייבן וועגן דער וואונדערבאַרער שאַ־פונג וואָס ים ציוני רופט מיט דעם נאָמען „איך בין מזכיר נשמות", וואָס איז געשריבן געוואָרן אין דעם זעלבן יאָר וואָס דער טאַטע איז געשטאָרבן, אַזוי ווי אַ סאָרט געזעגנונג צו דער וועלט. אָדער גיכער, ווי ער וואָלט אָפּ־געצאָלט אַ חוב, אין דעם טאָג פון יום־כפור — די צייט פון תפילה ובקשה.

דאָס פאַרלירן די וואַהל צו דעם פּאַרלאַמענט פון אַדאָלף שטאַנד, וואָס האָט אַ היסטאָרישע באַדייטונג, האָט ים הציוני אויף אַ האַרציקן אופן באַשריבן אין

דעם פעליעטאָן „מעשה זלאטשאוו״, וואו מיר טרעפען אַ זעלטן שיין שטימונגס בילד, געשילדערט אויף אַ באַגייסטערטן אופן.

ער האָט ניט בלויז געשריבן וועגן דעם, נאָר ער האָט פערזענליך זיך באַטייליקט און מיטגעהאָלפן, כאָטש ער האָט עס ניט געטאָרט טאָן, ווייל אַלס לערער איז אים פאַרבאָטן געווען זיך צו באַטייליקן אין פּאָליטיק. אויסער דעם איז דאָס קוראַטאָריום, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די שולן, געווען דורכויס אַסימילאַטאָריש געשטימט. די פירערס פון דער ווינער שול־פּאַרוואַלטונג האָבן קרום געקוקט אויף יעדער פּאָליטיק, בפרט אויף ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

ס׳האָבן דערפאַר ניט געפעלט קיין פּאַשקווילן און אונטערזוכונגען פון דער זייט פון פאַרשידענע אינספּעקטאָרן, אַזוי אַז עס האָט געהאַלטן דערביי מען זאָל אים אָפּזאָגן פון זיין שטעלע. נאָר אַ דאַנק זיין פּאָפּולאַריטעט ביים פאָלק און דורך זיין שאַרפער פעדער, זיינען זיי געצוואונגען געווען די גאַנצע זאַך צו פאַרשווייגן און אים ניט געשטערט אין זיין אַרבעט אַלס כלל־טוער און ציוניסט.

אַרום מיין פאָטער פלעגט זיך אַלעמאָל גרופּירן די פּראָגרעסיווע יוגנט. ס׳איז געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז ווען מרגליות איז געגאַנגען שפּאַצירן מיט זיין פאַמיליע אין פּאַרק, אָדער אין ביר־וועלדל, איז גייענדיק צוגעקומען אַ גרופּע יונגע און מיטל־עלטערע מענטשן פאַר אַ באַגריסונג, אָדער פאַר אַ נויטיק וואָרט, און געוויינלעך, ווען מען איז צוגעקומען צום וואַלד איז שוין געוואָרן אַ היבש קופּקעלע מענטשן. מען דיסקוטירט, מען זינגט לידער — פּונקט ווי ס׳איז באַשריבן אין פעליעטאָן „שבת נאָך וואַרעמעס״.

ווען די יוגנט איז אויסגעוואַקסן און איז אַרויס פון דער שולע, האָט מרגליות פאַר זיי ווייטער געזאָרגט, און אונטער זיין איניציאַטיווע איז אין סאַסאוו געגרינדעט געוואָרן אַ ציון־פאַראיין. אויך אַ דראַמאַטישע גרופּע, וואו מען האָט געלערנט שפּילן טעאַטער, און אויף אַזאַ אופן אַריינגעפירט די יוגנט צום קולטורעלן און ליטעראַרישן וואָרט. און ווען איך בין אַהיים געקומען אויף וואַקאַציע פון קראָקוי, וואו איך האָב געאַרבעט ביי גאָלדשמידעריי און ד״ר טענענבוים איז אַהיימגעקומען פון אוניווערסיטעט, האָבן מיר ביידע געהאַלטן פאַרשידענע פאָרטרעגע אין דעם זעלבן לאָקאַל: ער — וועגן ציוניזם און איך וועגן פּועלי־ציוניזם.

יעדעס יאָר האָט מען אויפגעפירט אין דעם פּאַרק־זאַל אַ טעאַטער־פאָר־שטעלונג, וואָס איז אַלע מאָל געווען דאָס געשפּרעך פון דער גאַנצער שטאָט. אַלע האָבן אַרויסגעקוקט אויף דעם. אפילו די יעניקע וואָס האָבן זיך ניט באַטייליקט אַקטיוו, האָבן ניט געקענט קריגן קיין בילעטן, אָדער האָבן פּשוט קיין געלט ניט געהאַט אויף דעם, האָבן אויך אין דעם טאָג פון טעאַטער־פאָר־שטעלונג זיך געמאַכט אַ יום־טוב און האָבן זיך אַרומגעדרייט אין דרויסן פון דעם זאַל, צו פאָרלעך און אין גרופּעס, און האָבן זיך אויך אַמוזירט, כאַפּנדיק פון צייט צו צייט אַ בליק דורך די פענצטער, שטייענדיק אויף די בענק פון דרויסן.

און מערקווירדיק איז, אַז אויך די עלטערע און שטרענגערע מאָראַל־

פריידיקער האָבן שלום געמאַכט מיט דעם פאַקט און זיי האָבן אויפגעהערט צו שטערן די קינדער צו גיין אין פאַרק. איך דענק אַז דער פאַקט וואָס אַלץ איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון „דעם הער מרגליות״, האָט באַרואיקט די דאָזיקע עלטערן. ווייל אַפילו זיינע גרעסטע קעגנער האָבן אים רעספּעקטירט.

אַ באַזונדערן פלאַץ האָט אין סאַסאוו פאַרנומען דער בעל־מלאכה. ער איז געווען פאַררעכנט אַלס דער נידעריקסטער צווישן אַלע יידן. מען האָט זיך ניט משדך געווען מיט אים. די רעדל־פירער, אָדער גלאַט סוחרים, האָבן אַרונ־טערגעקוקט אויף אים. מרגליות האָט געגרינדעט אַ יד־חרוצים פאַראיין. פאַר דעם בעל־מלאכה איז דאָס געווען דער וועג צו קריגן פּרעסטיזש און אָנגע־זעענקייט אַנטקעגן דעם רבי־מענטש, אָדער, גלאַט דעם חסיד, וואָס זיינען אין יענע צייטן געווען די איינציקע פירערס אין שטאָט.

מרגליות האָט דעם בעל־מלאכה אויפגעהויבן פון זיין ווערקשטאַט און אים אַריינגעפירט אין מאַרק, מיט אַלע קרעמער, און אים אויך אַריינגעבראַכט אין קהל־שטיבל.

איך דערמאָן זיך ווי גרויס עס איז געווען דער געוואַלד און די איבער־ראַשונג, ווען אין איין שיינעם אָוונט איז ר׳ יצחק, מיט דעם קיסטאַנד (צילינדער) אויפן קאָפּ, אַריינגעשפּאַריצט מיט נאָך צוויי מענטשן — פסח יאַקער און אַל־טער בלוישטיין, איינער אַ מעשאָנדזשניק (אַ גיסער פון מעשענע לייכטער) און דער צווייטער אַ פּראָסטער סטאָליער. זיי זיינען אַלע דריי אַריינגעקומען אין דעם קהל־שטיבל וואָס איז אַלע מאָל געווען אין רבינס הויז, און זיי האָבן פאַרלאַנגט, אַז ביי די וואַלן זאָל מען אַריינגעמען 2 דעלעגאַטן פון דעם בעל־מלאכהשן קלאַס.

ווי אַ דונער וואָלט געטראָפן אין מיטן דער נאַכט, אַזוי האָבן די שטאָט־פאַרזאָרגער און רעדלפירער אויפגענומען די חוצפהדיקע פאָדערונג צו זיצן מיט אַ בעל־מלאכה ביי איין טיש. ס׳איז אַ זאַך, וואָס מען האָט זיך קוים געקענט פאָרשטעלן פאַר מעגלעך. נאָר די געלאַסענע און זאַכלעכע דערקלע־רונג פון ר׳ יצחק, אַז זיי האָבן קיין ברירה ניט, ווייל זיינע 30 שטימען פון דעם פאַראיין גיבן אים אַ מעגלעכקייט אַריבערצוגיין צום רבס זייט און אַז זיי זיינען דאָס צינגל פון מיטן דער וואָגשאָל.

און אַזוי איז דאָס געשען: 2 דעלעגאַטן זיינען געווילט געוואָרן צו דער קולטוס־געמיינדע און דאָס האָט צום ערשטן מאָל אויפגעמאַכט די טירן פאַר אַלע בעל־מלאכות אנערקענט צו ווערן אַלס מענטשן מיט מענטשן גלייך.

אין פאַרלויף פון יאָרן האָט דער חסידישער און סחרישער יחוס זיך צו ביסלעך אויסגעמישט מיט דעם פּראָסטן פאָלק און עס האָט זיך שוין אַפילו געטראָפן פאַלן וואו מען האָט זיך מיט אַ בעל־מלאכה אַפילו משדך געווען. אויף אַזאַ אופן האָט יצחק מרגליות איבערגעריסן דעם „אייזערנעם פאָרהאַנג״ פון סאַסאוו.

דער קאַמף מיט פאַנאַטיזם איז ביי אים געווען אַ וויכטיקע זאַך אין זיין

לעבנסלויף. ער פלעגט אויף שריט און טריט אָנוויזן און דערמאָנען אַז אונדזער צוריקגעשטאַנענקייט גייט האַנט אין האַנט מיט דער פאַנאַטישער אבערגלויבעניש, מיט דעם גלויבן אין רוחות און שדים וואָס איז צו יענער צייט געווען איינגעוואָרצלט ביים פאָלק. ס'איז ניט געווען לייכט אויסצוראָטן די מעשה־שטן מעשיות וואָס פלעגן אַרומגיין פון מויל צו מויל. ים הציוני האָט אַ סך געשריבן וועגן דעם און האָט זיי באַקעמפט דורך זיינע פעליעטאָנען אויף פאַרשידענע אופנים.

ווי עס פאַסירט, איז ים הציוני נישט אַלע מאָל ריכטיק פאַרשטאַנען געוואָרן, און אויסער געציילטע יחידים וואָס האָבן אים ריכטיק אָפּגעשאַצט, האָט זיך געפּאָדערט אַ סך געדולד און אויסדויער, און טאַקע חכמה און פאָרויסזעאונג צו פאַרציייען, אַוועקצוקוקן און צו פאַרזען. און גראָד אין אַזעלכע ריין־מענטשלעכע באַציאונגען איז מיין פאָטער געווען אַ מייסטער. ער האָט אַלע מאָל זיינס אַוועקגעבויגן און יענעמס אויפגעהויבן. ביי דער יוגנט, ביי זיין יוגנט, וואָס ער אַליין האָט דערצויגן, האָט זיין פּערזענלעכערביישפּיל אויסגענומען און אַ סך געווירקט...

איך דערמאָן זיך: אין דעם איינפאָר־הויז מיט דעם שענק אין דער פראָנט, אַנטקעגן דעם רבינס הויז, וואָס האָט באַלאַנגט צום „ראַט" דאָרט זיינען איינגעשטאַנען די געסט וואָס פלעגן קומען צום רבין.

צום רבין פלעגן קומען פאַרשידענע מענטשן, אויך דייטש־געקליידעטע סוחרים פון אונגאַרן, דייטשלאַנד און בעהמען. דער רבי האָט אויך געהאַט זיינע שטענדיקע שבת־געסט וואָס פלעגן קומען פאַרבריינגען איבער שבת אין רבינס הויף, וואָס האָט זיך געפירט ווי אַ סעפּאַראַטע מלוכה און מיט „אַ טיש" און כאַפּן שריים. ווען דער רבי האָט געגעסן, פלעגט ער אָפּרייסן אַ שטיק פון דער עוף אָדער קאַטשקע מיט דער היילער האַנט און דאָס וואַרפן צו די חסידים. עס פלעגט זיך אָנהויבן אַ רייסעריי — ווער עס וועט זיין דער גליקלעכער צו דערשנאַפּן דאָס שטיקל עוף. מען האָט געוואַרט אויף די שריים. עס איז געווען ניט נאָר אַ „פּריווילעגיע", נאָר אויך אַ מין ספּאָרט. און ווען עס האָט געטראָפן אַז דאָס פלייש איז אַרונטערגעפאַלן אויף דער ערד, האָט מען זיך ווידער דאַריבער געשלאָגן, שוין אונטערן טיש. נאַטירלעך האָבן די גבאים און שמשים אַכטונג געגעבן אַז די אויסלענדישע געסט, וואָס זיינען מער פאַרמעגלעך, זאָלן נישט אַוועקגיין פון די טישן אָן שיריים.

די שיריים־כאַפּעריי און אויך די מלוה־מלכה שבת־צו־נאַכט, איז געוויינטלעך נישט שטענדיק אָפּגעגאַנגען גלאַטיק. די פינסטערניש, צוזאַמען מיט דער ענגשאַפט ביי די לאַנגע בענק, האָט צום גרעסטן טייל געמאַכט אַ ראָמאַנטישן איינדרוק און אויך געשאַפן אַ היימישקייט און אַ נייגעריק געפיל.

דער רבי האָט געזאָגט תורה און דער עולם האָט אויפגעכאַפּט יעדעס

וואָרט און יעדן אות וואָס איז שפּעטער אויסגעטייטשט געוואָרן און אַרייַנ־געפּלפּולט געוואָרן מיט סימנים און רמזים; און יעדער האָט געוואוסט בעסער פון דעם אַנדערן „וואָס דער רבי האָט געמיינט" מיט דעם אָדער יענעם פּסוק, געוויינטלעך איז מלוה־מלכה באַשטאַנען פון אַ שטיקל הערינג אָדער אַ שטיקל פיש, מיט דער איבערגעבליבענער חלה, וואָס מען פלעגט איבערברעכן אָן אַ מעסער, מיט די הוילע הענט.

דער רבי האָט געהאַט אַן איידל אויסזען. געווען פאַרחלומט, אַן הדרת־פנים — ווי מיין טאַטע פלעגט אים באַצייכענען. אויך האָט ער שטענדיק געפּינטלט מיט די אויגן ווען ער האָט גערעדט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ מין געפיל פון רעספּעקט פון יעדן. ער האָט געטראָגן אַ ספּאַדעק מיט סויבל־פוטער אַרומגענומען. ווען ער איז געגאַנגען שפּאַצירן און עס איז דורכגע־גאַנגען אַ וועלכער עס איז גוי, האָט ער אָנגערירט דעם ספּאָדעק אַזוי ווי אים אַרונטערצונעמען פון דעם קאָפּ, צום באַגריסן. די גויאים פלעגן אים רעספּעקטירן און די גבאים מיט זייערע פּאָליטיקער, וואָס האָבן אין רבינס הויף געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע, האָבן אויף דעם רעכענונג אויסגענוצט זיין פּאָפּולערקייט צווישן די גויאישע ראַדניקעס און אַנדערע מאַכערס, אויסצו־פירן אַ סך זאַכן וואָס קיינער וואָלט ניט געקאָנט דערגרייכן.

דער רבי אַליין האָט זיך אין גאָרנישט געמישט, און ווי איך געדענק נאָך היינט, האָט ער טאַקע ניט געהאַט קיין באַגריף און פאַרשטענדעניש פאַר די אַלע „וועלטלעכע" זאַכן. דערפאַר האָט ר' יאַנקעלע, און שפּעטער זיינע איי־דעמס פאַר אים אַלץ פאַרזאָרגט.

נאַטירלעך האָט אין סאַסאוו ניט אויסגעפעלט קיין משוגעים, ווייל אַ חוץ דעם שטאָטישן משוגענעם (מעכאַלע, וואָס פלעגט אַלע מאָל זיין אויפגערעגט און אַרומלויפן מיט שנעלע טריט), פלעגט מען צום רבין ברענגען אַלע מאָל נייע משוגעים, און מאַנכע פלעגן אָפּזיצן חדשים־לאַנג און אַפילו יאָרן. אַזוי לאַנג זיי האָבן נאָר געהאַט געלט זיך אויפצוהאַלטן און פאַר די פּדיונס צו באַצאָלן. מאַנכע האָבן ניט געוואָלט אָפּטרעטן און אַהיימפאָרן נאָך דעם ווי מען האָט זיי אויפגעהערט אַריינצולאָזן צום רבין. דאָס האָט זייער אָפט געבראַכט צו געשלעגן און געוואַלדן מיט די אָרעמע מענטשן.

יאַער איז געווען אַ שטענדיקער משוגענער אין סאַסאָב. ער איז געווען אַ „פילאָזאָף". פלעגט ריידן ווערטלעך און אויסלאַכן זיך פון אַלעם, אויך פלעגט ער אַרומטראָגן „פּאַטשט" פון איינעם צום אַנדערן, אַזוי, אַז מען קען זאָגן אַז ער האָט געהאַט אַ ספּעציעלע פונקציע אין שטעטל. אויך האָט ער זיך געשאַפן אַן אייגענע שפּראַך: קאַוו איז ביי אים געוואָרן „שמאַווע", טיי — שמיי אאַז״וו. ווען ער איז שטאַרק הונגעריק געווען האָט אָפּט געטראָפן אַז ער האָט אויפגעבראַכן אַ הויז־שאַפע פרייטיק צו נאַכט און אַריינגעגאָסן די יויך מיט דעם פלייש צו זיך אין אַ קעשענע פון איינער פון זיינע 12 אָדער 15 בעקעשעס וואָס ער האָט קיינמאָל ניט אויסגעטאָן. און ווען די יויך האָט אַרויסגערונען פון דער קעשענע איבער דער גאַס און האָט אָנגעוויזן אַקוראַט, דורך

דעם איבערגעלאָזענעם שליאַד, וואו דער גנב געפינט זיך, האָט ער געווײנטלעך זיך פאַרענטפערט: „האָסט דיך נישט וואָס איבערצוונעמען, עס האָט ניט געהאַט קיין יידישן טעם״.

איך דערמאָן זיך: מיר האָבן אַ לאַנגע צייט געוואוסט פון אַ משוגענעם וואָס „האָט געהאַט אַ דיבוק״, דאָס הייסט מען האָט געזאָגט און אָנגעוויזן אויף אים אַז ער האָט אַ דיבוק. אַלע קינדערלעך האָבן מיר דערציילט אַז „ס׳שרייט פון אים אַרויס אַ דיבוק״, און איך פלעג מאַנכעס מאָל אָפּשטיין לאַנג שטונדן, וואַרטנדיק ער זאָל באַווייזן דעם דיבוק. ביז איינמאָל, זייענדיק אין מאַרק, האָב איך אים דערהערט שרייען: „דערבאַרעמט ענק״... עס ברענט און בראָט, מען האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס ער זאָגט, ווייל אין מאַנכע געגענטן פון אַמאָליקן יידישן ישוב פלעגט מען זאָגן „ענק״ אָנשטאָט „איך״, און ריידנדיק דורך ווייטיק האָט מען פאַרשטאַנען — „דערבאַרעמט־צינג (אָנשטאָט איך) אויף מיר, עס ברענט און בראָט אין מיין בויך״. דערביי האָט ער פאַרלאַנגט אַ מעסער, מען זאָל אים אויסשניידן דעם בויך און אַרויסנעמען דעם דיבוק. ער איז געווען אַ קליין־געוויקסיק יידל, פעט און צעטראָסטעט, מיט אַן אָפּגע־דעקטן קערפּער ביז צום בויך.

אין דער לינקער זייט פון אונדזער וואוינונג, טאַקע אין ראַט׳ס היוז, איז געווען דער גרויסער בית־המדרש וואו איך פלעג אָפּט זיך אַרומבלאָנקען מיט נאָך קינדער אין מיינע יאָרן. מיר האָבן געשפּילט אין קיטשקע אין דרויסן, צווישן דער שול און דער באָד. (עס ווערט אַרויסגעגראָבן אַ קליין גריבל, און אויף דעם ראַנד פון דעם גריבל ווערט אַנידערגעלייגט אַ קליין שטעקעל; ווען מען גיט אַ האַק מיט אַ גרעסערן שטעקל דעם קליינעם שטעקאַלע, פליט עס אַוועק, און ווער עס האָט ווייטער געוואָרפן, דער האָט געוואונען).

דעם גרעסטן אינטערעס האָט אַרויסגערופן די שפּיל מיט די כאַפּ־טויבן, ווי דער טאַטע באַשרייבט אין איינעם פון זיינע פעליעטאָנען.

גאַנצע געשלעגן פלעגן מאַנכעס מאָל פאָרקומען צוליב די טויבן. איך דערמאָן זיך אַז די צוויי יינגלעך פון ראַט, אָדער נאָר איינער, איז געווען דער קעניג פון די טויבן.

די דאָזיקע יינגלעך זיינען געווען אַ סך עלטער און אויך פיל העכער פון מיר. כאָטש איך האָב ניט געהאַט קיין צו גרויסן אינטערעס צו די טויבן־כאַפּעריי, האָט מיר אָבער זייערע קריגערייען און דיסקוסיעס, און אויך די „פּאָליטיק״ זייערע אַרום דעם טויבן־כאַפּן שטאַרק אימפּאָנירט.

פון צייט צו צייט פלעגן פאָרקומען געשלעגן צווישן די יינגלעך און שקצים, וואָס פלעגט זיך געווײנלעך אָנפאַנגען צוליב אַ געכאַפּטער טויב. דאָס פלעגט מאַנכעס מאָל אויפגעבלאָזן ווערן צו א ריכטיקער מלחמה. איך בין זעלטן געווען אין מיטן. איך גלויב, ווייל איך בין געווען זייער קליין און אויך ווייל בטבע האָב איך ניט געהאַלטן פון שלאָגן זיך. די געשלעגן מיט די שקצים פלעגן מיט היציגקייט אויסגערעכנט ווערן צווישן די עלטערע יינגלעך. עס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן גאַנצע סטראַטעגישע פּלאַנען ווי צו פירן די שלאַכטן.

אין אַלגעמיין האָט סאַסאָוו געשמט מיט שטאַרקע יונגע לייט וואָס האָבן געקאָנט דערלאַנגען אַ גוטן קלאַפּ. איך געדענק דעם נאָמען יידל גלאזער און אויך עמיצער פון דעם קרומען קאָפּ, וואָס האָבן זיך קונה שם געווען אין די דאָזיקע זאַכן. די שקצים האָבן דאָס געוואוסט, און ווי איך פאַרשטיי, געהעריק אָפּגעשאַצט.

פון די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען מיר האָבן געוואוינט לעבן דער שולע, אין דעם הויז פון וועלוול שנעפּ, געדענק איך נאָר נחום מיט וועלכן איך האָב זיך אָפט געשפּילט, און זיינע שוועסטער — שוין דערוואַקסענע מיידלעך, וואָס פלעגן אָפט זיין ביי אונז אין הויז, אַזוי, אַז זיי האָבן אייגנטלעך אָנ־געהערט צו אונדזער הויזגעזינד. הינטער אונדזער שטוב איז געווען אַ גרויסע וויזע (לאָנקע) מיט טיפן גראָז, מיט אַ סך בוימער; נית ווייט האָט זיך געשלענגלט דער טייך „בוג" מיט זיין פרישן און לויטערן וואַסער און קליינע ביימעלעך אויף ביידע זייטן פון זיינע ברעגן.

אויף אונזער זייט ברעג האָב איך אַ צייט לאַנג געהערט יעדן פאַר־טאָג עמיצן זינגען מיט אַ ליבלעכער שטימע חזנישע און אויך אַנדערע לידער. מיר האָבן זיך אַזוי צוגעוואוינט צו דער שיינער טענאָר־שטימע, אַז מיר פלעגן וואַרטן יעדן פרימאָרגן אויף דעם געזאַנג.

איך געדענק אַז איך בין איינמאָל בנגבה אויפגעשטאַנען און זיך אַרויס־געררוקט אַ באָרוויסער און האַלב־נאַקעט איבער דעם פלויט און צוגעקראָכן ביז נית ווייט פון אַ שיינעם גלייך־געוואַקסענעם יונגנמאַן, וואָס איז געשטאַ־נען שיין און ריינלעך אָנגעטאָן, אַן אויסגעצוואָגענער, מיט דעם קאָפּ אין דער הויך צום הימל, האָט געזונגען ווי פאַרטאָן אין אַ געבעט. נית ווייט פון אים איז געשטאַנען אַ דאַרע, עלטערע, צעקנייטשטע יידענע — זיין מוטער. צוליב דער מוטער בין איך נענטער נית צוגעגאַנגען. זי האָט מיך דערמאָנט אָן עפּעס טראַגישעס, און איך האָב זיך צוריקגעגנבעט אין בעט אריין...

מיט אַ היבשער צייט שפּעטער איז די יידענע מיט דעם יונגנמאַן צופעליק פאַרבייגעגאַנגען אונדזער היים. מיין פאָטער האָט דער יידענע אַ וואונק געגעבן צו צוקומען און ווען זי האָט זיך דערנענטערט, האָט ער זיי ביידן איינגעלאַדן זיך אַנידערזעצן אויף דער וועראַנדע. פאַר אונדזער היים איז געווען אַ גאָרטן מיט ביימלעך אין פראָנט, אויף צוויי טרעפּלעך אַרויפצוגיין, אַזוי, אַז דער גאָרטן איז אייגנטלעך געווען ווי אַ גרויסע וועראַנדע. אויסער אַ פּאָר בלומענטעפּ איז דאָרט געווען אַ טישל מיט בענקלאַך צום זיצן. מיין פאָטער האָט מיט ביידן פאַרפירט אַ געשפּרעך. איך בין נאָך דעמאָלט געווען צו קליין צו פאַרשטיין וועגן וואָס זיי ריידן.

איך געדענק אָבער אַז מיט אַ צייט שפּעטער, ווען עס פלעגן ביי אונדז זייער אָפט זיך צוזאַמענקלייבן געסט, פלעגט מיין פאָטער דערציילן וועגן דער יידענע מיט דעם געפּוצטן יונגנמאַן, וואָס זיין מוטער דענקט אַז עס איז אין אים אַריין אַ דיבוק און זי האַלט אים שוין וואָכן־לאַנג ביים רבין. „און זי וועט מיט דער צייט אים זיכער משוגע מאַכן", פלעגט מיין פאָטער

פאַרענדיקן. איך געדענק די דאָזיקע ווערטער, איך האָב עס דעמאָלט ניט געקאָנט ריכטיק באַנעמען, אָבער היינט פאַרשטיי איך זיי: ביי די עומות־העולם וואָלט אַזאַ יונגערמאַן שוין לאַנג געווען אין אַ קאָנסערוואַטאָריע און שטודירט מוזיק און ער וואָלט זיכער אויסגעוואַקסן אַ גרויסער מוזיקער. ביי אונדז יידן פון יענער צייט איז ער געווען „משוגה" און האָט „געהאַט אַ דיבוק"...

מיין ברודער שמשון, וואָס וואוינט אין רעדינג, פּענסילווייניע, שרייבט מיר וועגן עטלעכע אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן אין שייכות פון אונדזער פאָטער, וואָס איז ווערט צו דערמאָנען. איך גיב זיי איבער לויט ווי ער שרייבט:

„להיפוך צום רבין פון שטעטל, אַרום וועלכן די חסידים האָבן זיך גע־דרייט און אין וועלכן די קינדער פון די חסידים האָבן געגלויבט ווי אין אַ הייליקן, האָט גאָר אין יצחק מרגליות די שוין מער אויפגעקלערטע יוגנט געפונען זייער אַנהאַלט און זייער וועגווייזער.

„איך געדענק נאָך ווי היינט אַ פאַל, ווען אין מיטן דער נאַכט האָט מען פּלוצלינג דערהערט אַ שטילן קלאַפּ אין טיר. ווען איך בין אַראָפּ פון בעט און געפרעגט ווער עס איז דאָרט. האָט מען מיר געענטפערט, אַז ס'איז אַ יונגערמאַן פון רבינס הויף. ווען איך האָב געעפנט די טיר, איז אַריינ־געקומען עפּעס אַ יונגערמאַנטשיק מיט אַ שיינעם פּנים און געדרייטע פּאהלעך.

„דער יונגערמאַן האָט זיך פאַר מיין פאָטער פאָרגעשטעלט אַלס אַ נאָענטער קרוב פון דעם סאַסעווער רבין, צו וועלכן „מען האָט אים פאַרשיקט" פון דעם טשאָרטקאָווער רבינס הויף, ווייל נאָך זייער מיינונג איז ער נעבעך געכאַפּט געוואָרן אין אַביסל אפּיקורסות, מחמת ער האָט ליב אַריינצוקוקן אין אַ פּסול בוך פון צייט צו צייט, ביי וואָס מען האָט אים שוין אַ פּאָר מאָל געכאַפּט.

„אַזוי ווי מען האָט אים נאָך אין טשאָרטקאָף געלאָזט וויסן, אַז דאָ אין סאַסאָוו געפינט זיך אַ ייד ר' מרגליות, דער באַוואוסטער „ים הציוני" ביי וועלכן ער וועט אויך געפינען אַ טריף־פּסול ביכל, האָט ער זיך אַרי־בערגעכאַפּט אין מיטן דער נאַכט, מען זאָל זיך ניט דערוויסן פון דעם...

„און אַזוי פלעגט שוין דער יונגערמאַן צו אונדז קומען עטלעכע מאָל אַ וואָך נאָך אַביסל וועלטלעכקייט...

„איך געדענק אויך אַז געוויינטלעך שמחת־תורה, נאָך די הקפות, ווען די חסידים פלעגן זיך משמח זיין ביים רבין, פלעגן די פּשוטע בעל־מלאכות, די שניידערס און שוסטערס, די מיטגלידער פון דעם יד־חרוצים פאַריין, וואו מיין פאָטער איז געווען דער פּרעזידענט, רב מרגליותן באַגלייטן אַהיים פון זייער שולעכל אויף דער צווייטער זייט פון שטעטל, וואו מען האָט געוויינטלעך געשטעלט אַ פערטאַלע פון אַ פעסל ביר, און דער פּרעזידענט זייערער פלעגט אָנשטאָט תורה, זיי דערציילן עפּעס פון דער געשיכטע, און זיי פלעגן זיך צוהערן צו אים מיט אָפענע מיילער און אויערן...

„אויפן וועג פון פאַריין צו מיין פאָטערס הויז פלעגן די יידן פון

שטעטל אַרויסשטעלן אין די פענצטער אָנגעצונדענע ליכט אָדער לעמפּלעך צו באַלייכטן דעם וועג פאַר דעם זינגענדיקן עולם מיט ר׳ יצחקן בראש; פונקט ווי זיי פלעגן דאָס טאָן, ווען דער רבי מיט זיינע חסידים פלעגן אַמאָל מאַכן אַ שפּאַציר אין אָוונט צו דער הינטערשטאָט אַרויס, אָדער ווען זיי פלעגן זיך אומקערן פון תשליך.

נפתלי הערץ אימבער, דער פאַרפאַסער פון „התקוה״, וועלכער האָט זיך אָנגעקערט מיט אונדז, איז דערצויגן געוואָרן אַרום אונדזער הויז אין זלאָטשעוו. דער טאַטע פלעגט דערציילן וועגן אים, אַז ער האָט זיך איינמאָל איינגעשפּאַרט דער האָן זאָל מאַכן קידוש. אין אַלגעמיין איז נפתלי געווען אַ פּראָבלעם־־קינד. דער טאַטע האָט אויך דערציילט, אַז ער האָט אַלס קינד באַקומען פון דעם קייזער פראַנץ יאָזעף צוגעשיקט אַ גאָלדענעם 10־גולדן־שטיק אַלס מתּנה פאַר זיין שיר וואָס ער האָט געשריבן צם קייזערס געבורטס־טאָג. דאָס האָט, נאַטירלעך, אַרויסגערופן אַ גרויסע באַגייסטערונג פאַר אים און באַלד האָט נפתלי הערץ באַקומען אַ גרויסן נאָמען״.

איך וויל אויך דערמאָנען איינעם פון אונזערע זלאָטשאווער לאַנדסלייט וואָס איז נאָך היינט טעטיק אַלס אַקטיאָר און רעזשיסער, אונזער יעקב מעסטעל, אַ געוועזענער שילער פון מיין פאָטער און היינט אַ באַגאַבטער שרייבער וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״, וואָס איז אַ וויכטיגער בייטראַג צו אונזער טעאַטער־געשיכטע.

צולעצט וויל איך דערמאָנען דעם זייער אינטערעסאַנטן און באַליבטן מ. ל. פּעטשעניק, אָדער, ווי מיר פלעגן אים רופן „מוניע״. איך גלויב, אַז ווען איך וועל אים באַצייכענען מיט דעם וואָרט „משכּיל״ פון די גוטע אַלטע צייטן, וואָלט עס זיכער געווען ריכטיק, ווייל ער האָט אַלע מאָל געהאַט ערע־פורכט און רעספּעקט פאַר געלערנטקייט.

צו באַצייכענען זיין פעאיקייט און גרונטיקייט, וויל איך דערמאָנען, אַז ווען ער האָט געגומען אַ בוך אין דער האַנט עס איבערצוליייענען, האָט ער עס צוריק געבראַכט אין אַ פאַר שעה צייט און מען האָט געמעגט זיין זיכער אַז ער האָט דעם בוך איבערגעליייענט און האָט געוואוסט אַלץ וואָס אין בוך איז געווען געשריבן. מיר האָבן אים גערופן „די גייענדיקע ענציקלאָ־פּעדיע״, ווייל ער האָט אַלץ געוואוסט. ער פלעגט זיך שנעל באַוועגן און זיינע געדאַנקען שנעל געלאָפן. ער האָט געהאַט אַ זעלטענע פעאיקייט אויפצונעמען און באַנעמען ערנסטע און טיפע זאַכן. און צו דעם אַלעם איז ער געווען אַ מענטש מיט אַן אחריות — אויף זיין וואָרט האָט מען געקאָנט בויען.

אַרום אים האָט זיך אַלע מאָל גרופּירט אַ היפּשע צאָל יונגעלייט, וואָס האָבן געקאָנט אָפּשאַצן אַ טיפערן און ווערטפולן געדאַנק. מיט איין וואָרט — אַן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט, און איינער פון מיינע נאָענטסטע פריינד.

אַ אינטערעסאַנטער מענטש ביז גאָר איז אויך געווען אליעזר בערנשטיין, פּעטשעניקס מיטרעדאַקטאָר, און אונדזער אַלעמענס גוטער פריינד — אַ יונגער מענטש אין די דרייסיקער. דאָס איז געווען אין אַ צייט, ווען די

אינטעליגענטע יוגנט האָט זיך אַרומגעשפּילט מיט דעקאַדענטישע געדאַנקען, וואָס זיינען אַרויסגערופן געוואָרן פון דעם ווינער פּאָעט און דענקער פּיטער אַלטענבערג, וועלכער האָט מיט זיין טעאָריע איבער דעם קאָנווענציאָנעלן ליגן, אַרויסגערופן דיסקוסיעס וועגן דער אויסגעהאַלטנקייט פון דעם ליגן, וואָס מיר באַנוצן צוליב העפלעכקייט און גוטע מאַנירן. בערנשטיין איז געוועזן אַן אָנהענגער פון דער דעקאַדענטישער אַפּגעהיטקייט פון „אמת צוליב דעם אמת", אָדער די ריינקייט פון דעם געפיל, וואָס ער האָט עס אָנגערופן „די נאַקעטע געפילן". ער האָט אָנגעשריבן אַ קליין ביכל מיט דעם נאָמען „עפּיס", מיט אינטערעסאַנטע עסייען און בריוו איבער דער דאַזיקער טעאָריע. ליידער איז דאָס אַלעס, צוזאַמען מיט אים, פאַרשוואונדן אויף אייביק.

בער מרגליות

1956

פעליעטאָנען פון ים הציוני

פּאָר פּסחדיגע בילדער*)

מיט פאַרביטערטע געמיטהער און פערזויערטע פּנים'ער האָבען די וויבער ערוואַרטעט עס זאָל זיך אוסלייטערען אין דרויסען מ'זאָל זיך שוין אַמאָל קענען נעמען צו דער אַרבעט. ריין צו מאַכען די שטיבער לכבוד פּסח, קלעבען, קאַלעכען וואַשען, קראַצען, רייבען און כשרן. איין אַנדערען יום-טוב למשל זיצט מען איבער וויעס איז אין שטיב. אין דער יום-טוב איז פאַרטיג, קוים האָט מען אָבגעבאַקען אין אָנגעגרייט פיש און פלייש, אַ סאַך צו וועניג מאַכט שוין נישט אויס. פּסח אָבער האָט אַ גאַנץ אַנדערען דין. דאָ מיז מען שוין טוּן. ווייל דאַ האַנדעלט זיך וועגען דער נשמה זיך צו שפּילען מיט דער נשמה האָבען אינזערע ווייבער זעהר מורא.

בכן איז טאַקע יעדער יודענע ליכטיג געוואָרען אין די אויגען ווען זי האָט דערזעהן אין איין שעהנעם פריהמאָרגען שוין אַ פּאָר טאָג פאַר פּסח אַ לויטערען ריינעם הימעל. קיין פּיצעלע כמאַרע פערדונקעלט נישט זיין העלבלויע פאַרביגע צורה. אין מזרח זייט ווייזט זיך אַרויס דאָס ליכטיגע פּנים פון דער גאָלדפאַרביגער זון, באַלד שיקט זי אַרויס איהרע וואַרעמע פייערדיגע שטראַהלען. אין זיי גראַבען זיך אַריין טיעף טיעף אין די אייז-רינדען וועלכע ליגען נאָך פערבאָרגען אינטער דער געדיכטער בלאָטע. די נאָך צוריק געבליבענע ווייסע בערגעלאַך שנעע. ערגיץ אינטער אַ שאָטען פין אַ נידריג שטיבעלע אָרים מיט אַ גאָרטען, אָדער אינטער איין פאַרשפּרונג פון ערגיץ אַ מויער, דערפיהלען דאָס שטעכען פון די שפּיזען,

---

*) די פאָלגענדע פעליעטאָנען פון ים הציוני ווערן געזעצט לויט זיי זיינען דערשינען אין דרוק מיט 40־80 יאָר צוריק.

הויבען אָן צו וויינען, אין די טרערען זייערע צעגיסען זיך אין שמאָלע, זילבערנע ריטשקעלעך, וועלכע לויפן און שלענגלען זיך קרום אין קווער איינס איבער דעם אַנדערן, און שלעפּען מיט זיך מיט גאַנצע הויפלאַך מיסט. צי קומענדיג צו׳ן ציגעל אָדער אַ שטיין אויף דעם וועג, לאָזען זיי אַראָב די משא פון זייערע פּלייצעס. זיי שפּאַלטען זיך איבער אין דער מיט, לויפען שאַלאָפּ אַריבער פוןביידע זייטען און באַלד פעראייניגען זיי זיך ווידער, צאַפּלען און לויפען בערג אַראָפּ קיילעכדיג און איין אָבהאַנג אין אונטער־געסעל מיט אַ לאַכענדען געראוש. זיי לאַכען אַצינד פון דעם שמוץ און שלאַם וואָס שלעפּט זיך נאָך זייערע טריט, זיי לאַכען פון דער שמיריגער בלאָטע וואָס פערשווערצט דעם קלאָרען זילבערנעם קוואַל. דאָ אין אָבהאַנג וועלען זיי זיך קענען הערצענסלוסטיג פּליסקען, שלענגלען אין קיינער וועט זייער רוה נישט שטערן...

נעבען דעם אָבהאַנג ווי די ריטשקאַלאַך לויפען אַראָפּ שוין ביי דער טיר פין׳ם גן־עדן זייערן שטעהט אַ קליין יונגעלע מיט אַ פּאָר גלייכע שוואַרצע פּאה׳קעלעך אַ סאַמיט יאַרמילקעלע אויפ׳ן קעפּעל אין אַ בעקישקע־לע מיט דעם הוילען לייבצודעקעל. אַ שטעקעלע האַלט ער אין דער האַנד און ער בעמיהט זיך מיט דעם שטעקעלע דעם אַנלויף פון די וואַסערלאַך צו העמען. פּלצים בלייבט ער שטעהען עפּיס ווי פער׳חלומ׳ט, עס דאַכט זיך איהם אַז דאָס שטעקעלע איז אין וואַסער צעבראָכען געוואָרען. געשווינד כאַפּט ער עס אַרויס, בעטאַפּט עס פון אַלע זייטען, דאָס שטעקעלע איז גאַנצ, ער שטעקט ווידער דאָס שטעקעלע אין וואַסער אַריין און בויגט זיך נעהנטער צו. ער זעהט נאָך אַ מאָל דאָס שטעקעלע איז ווי צעבראָכען, דאָס רעטעניש געפעלט איהם אַזוי, אַז ער פּריפט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. — אַי איז דאָס אַ קונץ — טראַכט ער ביי זיך און ער פיהלט זיך עפּיס געהויבען, דאָס הערציל זיינס שפּרינגט פאַר נחת, אַפילו יאָסעלע דאָס בלעכר־יונגעל וואָס אז דער גרעסטער קונצען־מאַכער וואָס קען ציהען סטענגיס פונ׳ם מויל, אויסשניידען אַ גרייצער אין בעוויזט קונצען מיט אַ רינגעל אויף אַ שטעקעלי וועט אויך אַזאַ גרויסע קונץ נישט קענען בעווייזען. ער שטעלט זיך פאָר וואָס פאַר אַ גליק ער קאָן דאָ מאַכען, ער וועט אַלע קינדער פון דעם חדר אַהער אַרופּ־פיהרען, אין ווער עס וועט איהם געבען פאַראויס אַ ביינערן קנעפּיל אָדער חאַטש אַ בלעכן קנעפּעל וועט ער איהם די קונץ ווייזען אויף דעם אויפען וועט ער זיך אָנזאַמלען אַ גאַנצען שניר מיט קנעפּ.

„שמערעלע! שמערעלע!״ הערט ער ווי איין אַנדער יונגעלע מיט אַ סדור׳ל אין דער האַנד לויפט צו׳ן איהם אַרופּ פון דעם בערגיל אין ריפט איהם. „וואַרט, וואַרט, שמעראַלע!״ זאָגט צו׳ן איהם דאָס אַנדערעי יונגעלע, בערעלע הייסט ער, „די וועסט שוין כאַפּען שמיץ אין חדר פונים רבין. אַלע האָ׳מיר היינט איבער־געזאָגט „דעם שיר השירים״ ביז „ברתים״ און זיך געלערינט „קדוש״ אויף אויס וועניג אין די ביזט נישט געווען אין חדר״. —

„ניי, נו״, ענטפערט שמערעלע, „מיין מאַמע האָט מיר נישט געהייסען געהן הייַנט אין חדר, ווייל ביי אונז קאַלעכט מען הייַנט, דאַרף איך היטען דאָס בעטגעוואַנד אין דרויסען, די האָסט אַ קנעפּעל? גיב אַהער וועל איך דיר ווייזען אַ קינץ״, זאָגט שמערעלע ווייטער. בערעלע זיכט אין די קעשעניס: „איך האָב נישט״, ענטפערט ער, „איך וועל דיר אָבגעבען״.

— „גיט״, זאָגט שמערעלע. „זע, אַ יאָ! דאָס שטעקעלע איז גאַנץ?״ בערעלע בעטראַכט עס פון אַלע זייטען מיט אַ מינע פון אַ גרויסען מבין אויף גאַנצע שטעקעלעך — און בעשטעטיגט ענדליך אַז דאָס שטעקאַלי איז גאַנץ. „נאַ קיק!״ מאַכט שמערעלע איהם אויפמערקזאַם, ווערהענד ער שטעלט אַריין דאָס שטעקעלע אין וואַסער אַריין, „וואָס איז אַציַנד דאָס שטעקעלע?״ „צעבראָכען!״ ענטפערט בערעלע אין כאַפּט פערוואָנדערט אַרויס דאָס שטעקעלע פונ׳ם וואַסער אין פּריפּט אַליין.

„ווי האָסטי גענעמען דאָס שטעקעלע״, פרעגט ער מיט אַ צושראָקענער מינע.

„איך האָב דאָס שטעקעלע דאָ נעבען בערגיל אויפגעהויבען״.

„אויב אַזוי״, ענטפערט בערעלע גאַנץ דערשראָקן, ווערהענד ער וואַרפט אַריין דאָס שטעקעלע אין אָבהאַנג אַריין. „גיך טו אַזוי ווי איך: נעם ביידע ציצית אין דער האַנד אַריין, פערדרעה די פּיס אין שפּיי אויס דריי מאָהל אין לאָמיר גיך הינטער ווילעכס אַנטלויפען, וואָרין דאָס שטעקעלע האָט בודא, עפּיס אַ מכשפה, די מילנערן אָדער איין אַנדערע כלב׳טע דאָ אינטער געוואָרפען כדי עמיצען אָבציטין אַ כשוף.״ שמערעלען איז די זאַך אַריין אין נאָז און זיי האָבען געמאַכט פּליטה.

* * *

אין מאַרק אין אַלע גאַסען און די אינטערגעסלעך זענען די טירען און די פענסטער פון די הייזער אָפען. אין אַ טייל הייזער האָט מען שוין אויסגעקאַלכט. אין אַ טייל קאַלעכט מען אַציַנד, אין אַנדערע הייזער ווידער שטעהט מען בערייט צום קאַלעכען. פאַר יעדען הויז ביי דער טיר פון ביידע זייטען ליגען אַרויסגעלעגט אַלע כלים פון די שטיבער, מקטנים לעד גדולים: בעטען, טישען, בענקלאַך, פאַר׳ן אויוועו בענק מיט 3 פּיס, אַלט־יודישע קאָמאָדען, גרינע קיפּערטעס אויף רעדער, אַלטע טעפּלאַך צעבראָכענע ריקייטען, דעזשיס, מילטערס, קאַטשעלקיס, גרויסע פערשימעלטע טעפּ אָנגעשטאָפּט מיט פעדערן, געפּליקטע און אומגעפּליקטע, שיסלען, מאַקערטעס פיל מיט פּאָמעיס, בעטגעוואַנד אין די הוילע איינשיטען, און ציכען וואָס די פעדערען צעפליהען זיך אין אַלע זייטען. אַלטע קאָלדערעס, וואָס די זייטען שטעקען אַרויס פון די פערשמירטע לאַטעס, דוס שטרוי פון די בעטען צונויפגעבינדען אין אָקאָלאָטים אין צעשיט אינטער די פּיס, אַלע פערלאַטעטע שטרויזעק. יונגלאַך מיט מעדלאַך טאַנצען אַרום די כלים, וואַרפען זיך אין שטרוי אַריין, צוברעכען אַלע מאָל עפּיס אַנדערש, מאַמעס שעלטען און שרייען, טאַטעס שלוגען, די יונגלאַך צעלויפען זיך אויף אַ ווײַלע, קומען אָבער באַלד צוריק און טוען ווידער דאָסזעלבע.

אויף אַ פענסטער פון אַ לאַנגען שמאָלען הויז זיצט אַ ווײַבעל מיט דעם פּנים צום פראָנט. זי האַלט אַ פּײַכטע שמאַטע אין דער האַנט און פּיצט די שויבען פון דעם קאַלאַך. פון אינטער דעם קורצען פיל מיט קאַלאַך און מיט בלאָטע אויסגעשמירטען אונטערראָק שטעקען אַפיר צוויי לאַנגע פיס מיט רויטע זאָקען, אָנשטאָט זאָקענבענדלאַך איז דער זאָק פערדרעהט אויוועך ווי אַ בייגעל, די פּיאַטיס אויסגעריסען, דעם מאַנס אַלטע שיך אָנגעשטעקט, אויפן קאָפּ געהט זי אַנגעטין אַ רויט בורטשקאווע הייבעל, דיזעלבע מראה וואָס די זאָקען אַרים מיט פרענזעלאַך. פין אונטער די פרענזעלאַך שטעקען אַפיר קאַלטענעוואַטע האָר פיל מיט פעדערען. איין אַנדער ווײַבעל געהט דורך, זי טרוגט אַ קיישעל אין דער האַנד, פין דער יאַטקע געהט זי. וואָס זאָגסטי עפּיס פערעלע, צו מיין דאַליע? זי לייכט קיין עין הרע ווי גאָלד", אַזוי רופט זיך אָן דאָס ווײַבעל פּינ'ם פענסטער מיט איין טריאַמפּירענדער מינע.

— זעהסטי, ני," ענטפערט דאָס ווײַבעל מיט דעם קיישעל אין דער האַנד מיט אַ שמייכעלע אין דער זייט אַריין, ווערענד זי בעטראַכט די בעריהמערין פין דעם קאָפּ ביז צו די פיס, „ס'האָט אודאי אַ ראיה פינקט ווי מיין באָבי הייסט חיה."

„איך וויס, איך וויס", זאָגט ווידער דאָס ווײַבעל פון דעם פענסטער, „סלאָווע הייסט זי. דיך פערעט נעבאַך. זאָגסטי אַז עס האָט נישט קיין ראיה, פאַרוואָסזשע יענע וואָך, ווען די האָסט געקאַלאַכט איז געווען אַז פינסטערער חושכ'דיגער דרויסען איז אַפּנים אַ סימן אַז דיין דאַליע איז נעבאַך פינסטער ווי סוף חודש אין דער נאַכט." ווייבער וואָס שטעהען אַרום שיסען אויס אַ געלעכטער. פערעלע פיהלט זיך זעהר פערלעצט מעהר פון דעם געלעכטער פון די ווייבער ווי פון שטאָך אַליין און זי ענטפערט מיט צוריק געהאַלטענעם פערדרוס.

„אודאי ווען איך זאָל זיין אַזאַ שעהן ווײַבעל אין אַזאַ בריה ווי די, ובפרט איך זאָל מיר אָן טון אַ רויט האבאלי מיט פרענזעלאַך, וואָלט מיך מיין מאַן אויך ליעב געהאַט אין מיין דאַליע וואָלט זיך אויך אויסגעלייטערט", און אַלע ווייבער לאַכען ווידער.

אין איין אַנדערער גאַס שטעהען גויעס, שיקסעס און להבדיל אַלע ווײַבער מיט פערקאַטשעטע אַרבעל, די פעדערשטע פּאָליס איינגעשטעקט אין די פאַרטעכער. פון הינטען שלעפּט זיך נאָך שלימפּערס איינגעטונקען אין וואַסער, אויסגעשמירט מיט בלאָטע, מיט וויכעטיס שטרוי און מיט נאַסע שמאַטעס אין די הענד, מ'וואַשט, מ'קראַצט און מ'הייבט פערשידענע כלים. איינע אַ יודענע אַ הויכע, אַ דאַרע, ליגט מיט אַ האַלבען קערפּער אַריין געבויגען אין אַ וואַסער פּאַס. זי רייבט דאָס פּאַס מיט אַ וויכעט און רעדט אַרויס מיט אַ פאַרדעמפּטען קול פון דעם פּאַס אַרויס: „יענטיל, דערלאַנג מיר אַהער דאָס וואַסער, איך נעם זאַרעס נאָך אַמאָל אויסרייבען דאָס פּאַס. קיין בעסער יאָהר זאָלסטי מיר נישט האָבען! אַזאַ מזלזאָלסטי האָבען, דיין חן זאָל דיר אַזוי ריין זיין ווי ריין די האָסט אויסגעוואַשען דאָס פּאַס, אַ

מערכה וואָס איך האָב מיך אומגעקוקט, די גאַנצע שטיב וואָלט זי מיר שיער געוועזען פערטארפה׳ט! אַ קלייניגקייט אַ פּאַס, מ׳דאַרף אַריינגיסען מים־שלנו צי די ערב פסח׳דיגע שמורה מצות, וואַשט מען אַזוי אויס? אָפּגעדאַרט, אָבגעקוואַרט, איינגעסאָכעט, אינקאַליקע־הקדש מעגען שוין אַזעלכע הענד פוילען, רבונו של עולם, טאַטע זיסער! ני, די שטעהסט נאָך? איך זאָג דיר עפּיס ביסט טויב?״ זי הויבט זיך אויף מיט כעס, זי זעהט אַצינד אַז זי האָט געדעדט אין פּאַס אַריין. ווייל יענטעל דאָס דינסטמיידעל איז גאָר אין דרויסען נישט דאָ.

צוויי טרעגער טראָגען אויף אַ לאַנגען דראַנג דורכגעצילעט דורך צוויי קניפּען פון אַ ליינוועטיגער ווערעטי געבאַקענע מצות. אַ יודענע אַ קאָלעכ־דיגע, אַ דיקע, געהט נאָך פון אינטען. „דערלעבט איבער אַ יאָהר מיט דעם מאַן און מיט די קינדער״ — ווינשט איהר איין אַנדערע יודענע וועלכע שטעהט און וואַשט דאָס לאָקשענ־ברעט. איבער אַ יאָהר זאָלט איהר מיט גאָט׳ס הילף פריהער באַקען מצות, נישט די לעצטע מיניט״, רופט זיך ווידער אָן איין אַנדערע.

„מיינט נישט אַז איך האָב געבאַקען מצות אַזוי שפּעט, ווייל איך האָב פריהער נישט געהאַט אויף קיין מעהל. דאָס מעהל איז געלעגען ביים בעקער. פערבאַקען זאָל איהם ווערען אין האַרץ. פין יענער וואָך אָן לויף איך איבער איהם טאָג אויף טאָג, לויפען זאָלען איהם די קישקעס אַרויס. ביס קוים מיט צרות ער האָט מיר היינט אָבגעבאַקען דאָס קאָפּ מצות. אין מצות מישטיינס געזאָגט, זאָל ער מיר אַזאַ יאָהר האָבען. פשוט פידפּאַלקיס פער־בויגען, פערקנייטשט, האַלב פערברענט האַלב רויה!״

„פּטיר״, כאַפּט אונטער איין אַנדערע, „כ׳לעבען, ס׳מאַכט גאָרנישט אויס. אַז די מצה איז אַביסעל גרעבליכער, אָדער צוגעברוינט. מיינער, זעהט איהר, האָט דוקא ליעב אַ ציגעברענטע מצה אין אַ גרעבליכערע מצה איז טאַקע געשמאַקער.״

„יאָ, יאָ,״ ענטפערט די מצה יודענע, „אָבער נישט פין אַזאַ ציגעל מעהל ווי די בעלי הבתים פערקויפען, מישטיינס געזאָגט. פון זייערט וועגען בייטלען זיי זיך אָפּ שעהן מעהל, נור פון געמיינע יודענעס וועגען מאָהלט מען פשוט ציגעלמעהל.״

דאָרט טראָגט אַ יודענע אַ פול פאַרטוך מיט שוואַרצע טעפּ. זי בעגעגענט זיך נאָך מיט אַ יודענע, וואָס טראָגט אין פאַרטוך רויטע צוויקעל בערקיס און זי פערפיהרט מיט איהר אַ שמועס מכח דער מציאה וואָס זי האָט היינט געקויפט. „קוקט אדערבה אָט דעם גרויסען טאָפּ, ער איז טאַקע אַביסעל נאַדריזשעט, נאָ וואָס־זשע איז? קומט ער ציניץ אויף אייער אַריינן צי לעגען. אַנצישטאָפּען מצה מעהל אָדער פאַרפעל. אין די צוויי קלענערע טעפּלאַך, איינס צו שעפּען וואַסער, אין דאָס אַנדערע, אוסצווזידען אייער צום סדר. מאָלט אייך, קאָסטען אַלע צו 7 גרייצער, נישט אַ מציאה? היינט ווידער די גרויסע מאקערטע, אויף קאַרטאָפּליס צו רייבען, מיט צוויי קלענערע טיפע שיסעלאַך קאָסטען 9 נייע גרייצער, 3 פּאָקרישקיס איין זילבער גרייצער. די

פּאַקרישקיס מיז איך פּשוט האָבען ווי דאָס לעבען, ווייל נישט פּאַר אייך געזוגט, איך האָב אַ קאַץ. זאָל גאָר אַזאַ לאַסונקע, אַזאַ באַשערען נישט געבוירען ווערען. ס'איז נישט אַרויסצושטעלען אין נישט אַרויס צו לעגען. אַ פּורים האָט מיר „מיינער", נישט אויסגערעדט זאָל זיין, דורך אָט דער קאַץ צוגעטיילט. זאָל זיך, רבונו של עולם, אַזאַ פּורים נישט אימקערען! מאָלט אייך, איך האָב געקויפט ביי וועלוועל קצב אַ מאָגען, וואָס זאָל איך אייך זאָגען? לויטער שמאַלץ. איהר קאָנט אייך שוין מאָהלען, אַז איך האָב געצאָלט פּאַר דעם הוילען מאָגען 40 גרייצער, אַחוץ שמאַלץ. פּאַיען דער טיקערן, האָב איך געגעבען פּאַר דעם מאָגען אָבקרילען אין כשר מאַכען 5 גרייצער, איז שוין 45, היינט מעהל אין שמאַלץ, ווי איז נישט ווערט געוועזן לכל הפחות 15 גרייצער, איז שוין וויפיעל — 60 גרייצער. הייסט עס שוין מאָגען אָנגעפּילט, דאָס קעפּעל בעזינדער, צי צולעגען צי דער יויך אויף פּורים אין דער פריה, אין דעם מאָגען אויף ביינאַכט אַ געבראָטענעם צו דער סעודה. הערט אַ מעשה, ביי נאַכט נאָך דער מגילה נעהם איך מיר אַריין דאָס פליש מיט דעם מאָגען אין טייל מיר אויס די מאָהלצייטען יעדעס בע־זינדער, אין נעהם מיך איינציהאַקען דאָס פליש אויף די קרעפּלאַך אַזוי בין איך מיך תמיד נוהג ביינאַכט איינצוהאַקען די קרעפּלאַך, ווייל מיינער איז דאָך אַ שכר־יום, דאַוועגט ער אָב גאַנץ פריה, אין וויל שוין אובעסען. דעם מאָגען האָב איך דערוויל געלאָסט שטעהן אויפ'ן פּרימיסט נעבען דער קעך טאַקע נישט ציגעדעקט. וואָס־זשע איז.

„היינט בערעכענט מיין אונגליק, מיין צרה, ביס איך קים צי צים פּרימיסט... מיין קאַץ, פערכאַפּט זאָל זי ווערען, שטעהט זיך ביי דער מאָ־קערטע: דאָס קעפּיל שוין אין גאַנצען אויפגעגעסען, דעם מאָגען צוריסען, דאָס מעהל אויסגעשיט, דאָס שמאַלץ אויסגעקליבען. איך האָב שוין געהאָט אַ פּורים! פערשטעהט איהר מיך שוין, וואָס פּאַר אַ קאַץ דאָס איז? גאָט זאָל שומר ומציל זיין. איך טרייב זי יאָ פון דער שטיב, מען קען זי נישט פּטר ווערען אין פערטרוג זי אין דער אינטער גאַס אַריין אין זי קימט אַלץ צוריק. פאַרשטעהט איהר שוין אַז איך מיז האָבען פּאַקרישקעס."

צווישען דער באָד און להבדיל דער שוהל, אין אַ קליין בידעריק הייזעלע אויף אַ קליין טישעל שטעהט אַ מיידעל. דאָס קליידעל מיט דעם שפּענצערל טראָגט זי איבערגעקעהרט מיט דער פּאָטשעווקע אַרויף. אויפן קאָפּ טראָגט זי אַ ציצענע פּאַטשיילע אונטער די אויערען אַרומגעבונדען, אַז מ'זעהט קיין האָר נישט אַרויס. עס שיינט נאָר אַרויס אַ ווייס קלאָהר פּנים ווי אַ יונג צעבליהטע ליליע. אין מיטען די ווייסע באַקען שפּיעלען זיך ראָזיגע פּאַרבען אַזוי ווי צוויי קנאָספּען, די אויגען איהרע זענען אַזוי טיעף שוואַרץ און בעזיצען איין אָנציהונגסקראַפט אַז עס איז גאָר נישט מעגליך דעם בליק איין סעקונדע אויף זיך צו פיהלען, אַז דאָס האַרץ זאָל זיך נישט פיהלען ערוואַרימט אין פון אַ מאָדנע געפיהל ערעגט. אַ קאַלאָך בערשטעל האַלט זי אין דער האַנד. זי ווייסט דאָס שטיבעלע מיט ווייס לעהם אויפגעלעזט

פון קרייד: יעדעס שפּעלטעלי פון צווישען די באַלקיס פּערשפּאַרעוועט זי צום ערשטען מיט גרוי לעהם און דער נאָך מיט וויס לעהם.

אין דרויסען פאַר דער טהיר שטעהט די מאַמע איהרע און וואַשט דאָס הויזען שאַפּקאַלע, דער טאַטע שלאָגט צו מיט צוועקלאַך די אינטערשטע זייט פון איין אַלטען האַלב צעבראָכענעם באַנקבעטיל, אַ קלענערע מיידעל שטעהט מיט אַ שטעקאַלי און קלאַפּט אויס דעם פאַרך פון דעם בעטגעוואַנד.

שוין האָט דאָס מיידעל דאָס שטיבעלע אויסגעקאַלעכט; זי טראָגט שוין דאָס קליידעל מיט דעם שפּענצערעל צוריק אויף דער רעכטער זייט. אַצינד טראָגט זי שוין נישט דאָס פּאַטשיילעכיל אויפ'ן קאָפּ. און דער גאַנצער וואַלד מיט בלאָנדע האָר נעמען אַרום דעם הויך געוועלבטען שטערען און ערשט אַצינד וויסט זיך אַרויס די גראַציעזע געשטאַלט אין איהר ראָמאַנטישער גאַנצקייט. „מאַמע," זאָגט זי, „שון אויס געווייסט דאָס שטיבעל! קום ועסטי זעהען ווי שעהן עס איז, פּשוט אַ תענוג אַ קוק צו געבען!!" די מאַמע איהרע שטעלט זיך אַנידער אויף דער טהיר מיט ביידע הענד פידבאָקעם און בע־טראַכט דאָס שטיבעל.

„שלומה! שלומה!" שרייט די מאַמע אַרויס צו איהר מאַן אין דרויסען אַרויס. „קום נאָר אַריין, וועסטי זעהן אונזער אייגענע מילערקע האָט אויס־געווייסט דאָס שטיבעל פּשוט ווי אויס געמאָלען". שלומה קומט אויך צו דער אָפּענשטעהענדיגער טהיר און בעטראַכט מיט צופרידענהייט דאָס אויס־געווייסטע שטיבעלע. „נו, וואָס זאָגסטי שלומה, מעג נישט אונזער שרה'לי דערלעבען איבער אַ יאָהר מיט עפּיס אַ שעהנעם וואוילען חתן, לויט זי איז ווערט?!" שרה'לעס שטראַלענדיגע באַקען פאַרפּערבען זיך רויט און זי לויפט ווייטער צו דער ערב־פסח'דיגער אַרבייט...

תרס"ה, סאַסוב, גאַליציע.

שבת נאָך וואַרעמעס

אין אַלע גאַסען פון'ם שטעדטיל הערשט אַ טיפע שטילקייט, אַ הייליגע שבת'דיגע רוה. די לאַדען פון אַלע קרעמלעך און די טירען פון אַלע גע־וועלבען זיינען פערמאַכט. אויף די פּריזבעס זיצען אויסגעזעצט די שכנוה און מען שמועסט מכח דעם היינטיגען יקרות. פון'ם יקרות קומט מען אַרויס אויפ'ן פלייש און פון'ם פלייש קומט מען אַרויף אויפ'ן שבת'דיגען טשאָלענט.

זלאַטעביילע וויל דווקא בעהויפּטען, אַז אַ גיטער טשאָלענט ווענדט זיך נישט דווקא אין דעם גוטען שטיקעל פלייש, נאָר אין דעם מלאך, וואָס איז ממונה אויף דעם טשאָלענט. איטלוכער שבת האָט זיך זיין מזל, און לויט דעם מזל קאָכט דער מלאך דעם טשאָלענט. איין אַנדערע יודענע בלייבט ווידער ביי איהר בעהויפּטונג, אַז אַ טשאָלענט ווענדט זיך נאָר דווקא אין דעם, וואָס מען לעגט אַריין אין אויוען. לויט ווי עס איז אויסגעהייצט.

נישט צו הײס און נישט צו קיהל. מלאך הין מלאך הער", זאָגט זי, „איך האָב מײן מאַמעס קבלה, אַז מען לײגט גוט אַרײן נעמט מען גוט אַרױס". די איבעריקע װײַבער װערן אױף איהר מלא רציחה פֿאַר די „אפּיקורסישע" דבורים. מען הױבט זיך אָן װערטלען און צו שטעכעלען, ביז מען צוגעהט זיך ברוגז.

די מענער זײנען איצט פֿערזאַמעלט אין קלױז און אױפ'ן פּלאַץ פֿונ'ם בית־המדרש. מען שמועסט װעגען פֿערשיעדענע שטאָדטישע פּאַטשטען, מען קאָנפֿערירט װעגען רב, װעגען שוחט, מען רעדט אַביסעל פֿון דער מקוה וכדומה נאָך אַזעלכע שטעדטישע ענינים, אגב־אורחא איז מען אױך מקבל־תענוג פֿון דער לעצטער רוסישער מפּלה. ר' טאָדרוס קוקט אַ ביסעל אין „מחזיקי־הדת" און דערצעהלט די מעשיות פֿון דער מלחמה נאָך מיט אַ „נופך משלו".

נישט װײט פֿון קלױז שפּילט זיך אַ מחנה יונגע קינדער, שפּרינגען און טאַנצען װי יונגע קאָזאָלעך. אײנער לױפֿט פֿאָרױס, אַנדערע לױפֿען נאָך און װילען איהם איבעריאָגען, פּלוצים װערט אַ געשלעגע, אײנער האָט דעם אַנדערען הינטען־אַרום אַראָפּגעכאַפּט דאָס קאַפּעלוש'ל, שלאָגט מען זיך דעריבער און מען לערמט מיט װילדע קולות. נאָר באַלד בעט מען זיך איבער און מען שפּיעלט זיך װײטער אין קאָהן.

דאָרט װײנט אַ קלײן מײדעלע, אַ יונגעל האָט איהר אַרױפֿגעשיט אַ זשמעניע שטױב אױף דעם געקרױזטען שװאַרצען קעפּעלע, אָן אַנדערער בלאָזט איהר אָב דעם שטױב מיט זײן היטעלע. זי װישט זיך אױס די פּערװײנטע אױגעלעך מיט דער פּאָלע פֿונ'ם װײסען קלײדעלע און לאַכט װײטער פֿרעהליך און מונטער װי פֿריהער.

אַנטקעגען איבער דעם בערגעל אױף אַ בענקעל נעבען דער טיר פֿון אַ שעהן הײזעל זיצט דאַבריש'ל, דער אַלטער רביצינ'ס אײניקעל, אַ מײדעל פֿון אַ יאָהר 18, אײנפֿאַך אָבער זעהר נעט געקלײדעט. יונגע װײבלעך און מײדלעך פֿערפּוצט שבת'דיג געהען פֿאַרבײ פֿאַר דאָברישעל'ס טיר. זײ געהען שפּאַצירען, גריסען מיט אַ שאָקעל מיט דעם קאָפּ און זי ערװידערט דעם שאָקעל מיט אַ לײכטען שמײכעל אױף די ליפּען.

װי לאַנג איז דען אין דעם, אַז איך האָב מיך אױך אַזױ אַרומגעיאָגט אין די גאַסען פֿרעהליך און לוסטיג װי אָט די אונשולדיגע יונגע קינדערלעך. ערשט פֿאַראַיאָהרען בין איך אױך געװעזען אײנע פֿון די שטענדיגע שפּאַצירען־געהערס אַזױ װידי װײבלעך און מײדלעך...

נאָר אַצינד... זי קאָן נישט װײטער קלערען, זי לעגט נאָר די האַנד אױף דעם האַרץ גלײך װי זי װאָלט װעלען די געפֿיהלען דערשטיקען.

שװײג מײן האַרץ! — זאָגט זי ביטערליך — שװײגט מײנע עמפּינדונגען; געהט אײך צוריק אין אײער אַלטער קינדהײט, אין יענעם טיפֿען שלאָף... אײער ציעל, אײער פֿערלאַנג איז זעהר, זעהר װײט פֿון מיר... עװיג װײט...

אַזױ רעדענדיג צו זיך אַלײן, ראַלט זיך אױף אַ פֿאָרהאַנג פֿון דער

פערגאַנגענהייט פאַר איהר זכרון און אַ בילד שטעלט זיך פאַר איהרע אויגען. אין דעם בילד זעהט זי זיך צוריק מיט אַ יאָהר...

געוועזן איז דאָס שבת נאָך וואַרימעס. זי איז געוועזן געלאַדען צו חוה'לע דער ציערינג־הענדלער'ס טאָכטער אויף דעם פאַרשפּיעל. דאָרט האָט זי זיך מיט נאָך אַ גאַנצע קאָמפּאַניע יאָנגע ווייבלעך און מיידלעך זעהר גוט אונטערהאַלטען. אַרויסגעהענדיג פון דעם הויז, פּיהלט מען זיך אַביסעל לוסטיג און געהויבען, צוליב דעם שעהנעם טאָג לאָזט מען זיך אַ ביסעל געהן אַלע אין איינעם שפּאַצירען אונטער דער שטאָדט און דאָרט בעגעגענט מען זיך מיט אַ חברה יונגע לייט, מיט בחורים וואָס קומען אָן פון דעם פאַרשפּיל פון חתנ'ס צד, מען בעגעגענט זיך און מען לאָזט זיך אַריין אין אַ שמועס וועגען דעם היינטיגען פאַרשפּיל, מען פרעגט זיך געגענזייטיג וויאַזוי מען האָט טראַקטירט און אויפגענומען די געסט פון ביידע צדדים? ווי דעם חתן האָט געפּאַסט דאָס שטריימעל היינט ביים אויפרופען, מען שמועסט אויך וועגען דער כלה'ס נייעם הוט, וועגען דעם ווייסען אַטלאַס־קלייד מיט דעם ברויט־שלייער צו דער חופּה. מען פרעגט זיך געגענזייטיג, ווער עס וועט זיין אויף דער חתונה ביז נאָך דעם „דרשה־געשאַנק" און ווער נאָר ביז צום בעדעקענס?

אַזוי שמועסענדיג נעמט מען זיך אַראָב פונ'ם וועג אין וועלדעל אַריין, און קומענדיג דאָרט אַהין ציהט מען טיעף דעם אָטעם, מען דערקוויקט זיך מיט דעם קיהלען שאָטען פון די ביימער און מיט דעם ליבליכען וואַלד־גערוך. מען פּיהלט זיך פרייער, פריי ווי די פייגעלעך, וואָס פליהען און האָפּען צווישענדיג פון צווייגעל צו צווייגעל.

דאָ אין וואַלד בעוועגט מען זיך אין גאַנצען פרייער. מען האָט נישט מורא פאַר די נאָך־רעדערייען פון עמיצען וואָס וועט זיי דערזעהען און איבערטראָגען די גרויסע פּאַטשט אין שטעדטיל... אַז חוה סאַשע די גבאי'טע וועט איינלעגען וועלטען, רייסען קברים, און ר' ישראל משה'לעס וועט דאַרויף דרשנ'ען און אויפוויזען פון טויזענדער ספרים, אַז דאָרך אַזוינע חטאים שטאַרבען אַוועק קליינע קינדער. די טאַטעס אין דער היים וועלען זידלען און לאַרמען, די מאַמעס וועלען שעלטען מיט טויטע קללות. פאַר דעם אַלעם האָבען זיי פּלוצלינג גאָר נישט קיין מורא, זיי דאַכט זיך אַז דער וואַלד וועט זיי בעשיצען.

עפּעס ווי פון זיך אַליין שטעלט מען זיך אויס אין אַ ראָנדען צירקעל און מען שפּילט אין קאַץ און מויז. מען לויפט און מען כאַפּט זיך...

ווי עפּעס און מיסטען קומט גראָד אויס אַז דאָברישעל זאָל זיין די מויז, און יאָסעלע שיינדעל'ס זאָל זיין די קאַץ. דאָברישעל וויל זיך נישט אַרומיאָגען מיט אַ פרעמדען בחור, און נאָך דערצו מיט יוסעלען, וואָס שעמט אין שטעדטעל פאַר אַ שטיק אויפגעקלערטען, נאָר זי שעמט זיך צו זאָגען, אַז זי וויל נישט. זי לויפט נאָר פערסאָפּעט, עס ציטערט אין איהר יעדעס אובר, זי ווערט באַלד בלאַס, באַלד רויט, זי האָט מורא אַז אָט־אָט כאַפּט ער זי... זי קען דאָס נישט פאַסען און לויפט מיט אַלע כחות, אָבער זי קען נישט

ווייטער לויפען. זי פיהלט ווי דער אָטהעם שטאקט, זי וועט פאַלען, און זי בלייבט איין אויגענבליק וואנקען. און יאָסאלע כאַפּט זי... עס ווערט אַ געֿלעכטער. איין אויגענבליק פיהלט דאָברישעל דעם וואַרעמען הויך פון יוסעלעס מויל, זי פיהלט דאָס קלאַפּען פון זיין האַרץ אין־איינעם מיט איהר האַרץ. זי הויבט אויף דעם קאָפּ, זייערע אויגען בעגעגנען זיך, איהר בלאַס פּנים ווערט פייער רויט און זי קען דעם בליק נישט אויסהאַלטען...

דאָס שפּיעל ווערט ווייטער געפירט, אָבער קוים פערגעהט אַ האַלבע שעה פערלירט זיך די לוסט פון דעם שפּיעל און עס פערלירט דאָס לעבען. עס זעהט אויס, ווי דער עולם פיהלט, אז מען מאַכט זיך נאַריש, די קאָץ פערלירט דעם חשק נאָך צו יאָגען דער מויז, די מויז פוילט זיך צו לויפען. עס ווערט אויס קאָהן, און אויס ראַד...

מען זעצט זיך אויס אַ צירקעל אינטער אַ דיקען בוים מיט געדעכטע צווייגען. אַ פויזע טרעט איין, מען זיצט אַ ווילע גאַנץ שטיל... די יוגענד קען אָבער נישט לאַנג איינזיצען, הויבט מען אָן צו פרעגען שאַרפזיניגע רעטעֿנישען. מען שיט מיט וויצען, מען דערצעהלט מעשהליך, מען לאַכט דערביי און מען אונטערהאַלט זיך זעהר גוט.

— לאָמיר שפּילען אין פאַנדען! — פּלאַצט פּלוצים איינער אַרויס. און מען שפּיעלט אין פאַנדען. עס שפּיעלט זיך גוט, שטיל און צעכטיג. נאָר די ריכטער וואָס די שפּילער האָבען אויסגעוועהלט, האָבען זיך געוויזען זעהר פּאַרטייאיש. זיי האָבען אָנגעטהיען שווערע ענויים, זיי האָבען געוואוסט, אַז חיים'ל איז נישט גלייכגילטיג צו הייטשעלען, האָבען זיי אַרויסגעגעבען אַ פּסק אַז ער זאָל זיך איהר ערקלערען. חיים'ל ערקלערט זיך און וואָס מער דאָס פּאָרל קומט אין פערלעגענהייט, הייטשעלע ווערט רויט איבער די אויערן, בייגט דעם בליק צו דער ערד, חיים'לס אויגען אויסצומיידען, דעסטאָ מער אונטערהאַלט זיך דער עולם און אינטערעסירט זיך פאַר דעם שפּיעל.

די זון האָט אָנגעהויבען אונטערגעהען, דער קלאָרער פרעהליכער הימעל האָט זיך אין מערב זייט בעדעקט מיט רויטע פייערדיגע קנייטשען, עס האָט אויסגעזעהען, גלייך ער וואָלט זיך טיעף פערטראַכט וועגען עפּעס איין ערנסטען ענין. דאָס שפּיעל אין פאַנדען האָט אויך פערלוירען די נשמה, אויף אַלע פּנים'ער פון די מיטשפּיעלער האָט זיך געוויזען אַ גלייכגילטיגקייט. די ריכֿטער האָבען פערלוירען זייער גאַנצען שאַרפזין, האָבען אונגעהויבען צו געבען די בעשולדיגטע לייכטע שטראָפען. די איבריגע פאַנדען האָט מען אומזיסט צוריק געגעבען. עס איז געוואָרען אַ סוף פון דעם גאַנצען לוסטיגען שפּיעל. מיט אַמאָל איז מען שטיל געוואָרען. עס האָט זיך אויסגעוויזען אַז די פּאָעזיע פון די אבענדשטונדען האָט אַזוי געווירקט אויף די פאַנדען שפּיעלער...

— לאָמיר עפּעס זינגען — האָט זיך איינער אָנגעריפען. מען הייבט אָן צו זינגען יודישע, און פוילישע און דייטשע ליעדער. אַ טייל האָבען אונטערֿגעברימט „כל נדרי", אַנדערע האָבען אויפגעפלאַקערט אַ חסידיש בגונ'דעל, און אַ פרעהליך „וואָלעכיל".

ביילע שיינדעלס האָט אָנגעהויבען צו זינגען מיט אַ טיעפער ערנסטער

שטימע דאָס בעקאַנטע ליעד „פעריאָמערט פערקלאָגט״. די מעלאַנכאָלישע טענער פון דעם נגון האָבען זיך יעדען אַריינגעגאָסען טיעף אין האַרצען. דער גאַנצער עולם איז געבליבען ווי אָהן נשמות. אַ טיעפער ערנסט האָט זיך פערשפרייט אויף יעדען פנים, יעדעס אויג איז אָנגעפילט געוואָרען מיט טרערען. מען האָט נישט דערקענט ,צו זענען דאָס די אייגענע מענשען, וואָס האָבען זיך פריהער נאַריש געמאַכט מיט שפיעלען אין קאַץ און מויז, אָדער מיט פאַנדען.

דאָבישעל האָט נישט געקאנט אויסהאַלטען, זי זאָל שטעהען פון וויטען און אויסהערען דאָס ליבליכע געזאַנג. אונבעמערקט האָט זי זיך צוגעריקט נענטער צו עוסעלע׳ן געקוקט איהם גלייך אין די אויגען אַריין, יעדען טאָן האָט זי געצעהלט פון זיינע ליפען, יעדעס וואָרט האָט זי געשלונגען. זי האָט געפיהלט אַז איהר האַרץ איז איבער געביטען, זי פיהלט אַנדערש ווי ביז אַהער. און דאָס נייע געפיהל מאַכט איהר גרויסע שמערצען, עס טוט איהר וועה, ווייל זי וואָלט וועלען אַז דער אבענד זאָל דויערן און דויערן.

„עוד לא אבדה תקותנו״, צעלאָזט זיך יאָסעלע מיט אַ ניי ליעד, און ציהט ביי איהר פשוט די נשמה אַרויס. זי פיהלט אַז זי וועט עס נישט מעהר אויס־האַלטען...

אויפ׳ן וועג אַהיים איז איהר אויסגעקומען צו געהן גראַד מיט יאָסעלען און ער האָט צו׳ן איהר אַזוי פיעל און אַזוי טייער גערעדט...

וואָס גערעדט, זי איגענטליך נישט, זי געדענקט נאָר אַזויפיהל, אַז זי איז געווען בערוישט פון זיין ווייכען אָטהעם וואָס זי האָט געפיהלט גוט נעבען זיך. און ווען ער האָט זי אַמאָל אָנגעריהרט מיט דער האַנד, איז איהר ווי אַ שוידער דורכגעגאַנגען דאָרכ׳ן לייב...

צו מאָרגענס איז אַפילו געקומען אַ שדכנ׳טע רעדען דעם שדוך, נאָר איהר מאַמע האָט עס אויסגעשלאָגען. „זי וויל נישט קיין אויפגעקלערטען איידעם !״

סאסאב, גאַליציע.

חדר ערינערונגען

אויפגעהערט צו געהן ביי נאַכט

דער ערוואָרטעטער דאָנערשטאָג „כי־תשא״, אין וועלכען די קינדער הערען אויף צו געהן ביי נאַכט אין חדר אַריין איז ענדליך געקומען. מיר האָבען אויף דעם דאָנערשטאָג געהאָפט ווי אויף משיח׳ן. אין דעם טאָג וועלען מיר פון זיך אָבטרעסלען דעם שווערען יאָך פון דעם ביינאַכטיגען חדר גלות. מיר וועלען נישט מעהר אַרום טאַפּען די אותיות צווישען די צעריסענע בלעטלאַך פונ׳ם חומש׳ל ביי דעם מאַטען שיין פון אַ האַלב גרייצערדיג חלב־לעכטיל וואָס בעלייכט דעם לאַנגען חדר טיש, מיר וועלען נישט מעהר בלאָנזען ביי נאַכט אין דער פינסטערניש ציטערנדיג פאַר פראָסט און קעלט, געטריבען

פון די שרעקענסבילדער, וואָס אונזער קינדישער כח־הדמיון שטעלט אונז פאַר אין געשטאַלט פון לצים, רוחות און מתים, ווערהענד מיר לויפען דורך ביי נאַכט אַהיים־געהענדיג פונ׳ם חדר צווישען דער פוילער גאַס פון באָד און להבדיל דער שוהל.

שוין־שוין דערלעבט דעם לעצטען דאָנערשטאָג ביי נאַכט, „ברוך שפטרנו״. געלויבט איז גאָט, פּטור געוואָרען, נאָך היינט, נאָך היינט, וועלען מיר זיין ביינאַכט אין חדר, אָבער היינט וועלען מיר נישט לערנען, היינט וועט דער כפול־שמונה׳דיגער קאַנטשיק איבער אונז נישט האָבען קיין שליטה. היינט וועלען מיר שוין פערזיכען דעם טעם פון פרייער בעוועגונג, היינט וועלען מיר אויך האָבען די זכיה, צו פערזיכען דעם טעם פון דער רביצינס קנאָבעל באָרשט און איהרע פליישיגע וואַרעניקעס מיט צוגעפּרעגלטע ציבאַלעס אין קאַשע, וואָס די רביצין אַליין וועט פון אונזערטוועגען אָבקאָכען צו דער סעודה לכבוד דעם סיום פון לערנען ביי־נאַכט, מיר פיהלען זיך היינט גליק־ליך, אינזערע יונגע הערצלאַך דערהויבען זיך און געהען אויף אין אַלויטערען וואָלקען פון תענוג — הויך ביס צום זיבעטען הימעל !...

די פרייהייטס־נאַכט איז געקומען, ס׳איז שוין נאָך מנחה־מעריב, אַלע תלמידים אין חדר זיצען אַרום דעם לאַנגען חדר־טיש, וואָס איז צעקיילט און צעביילט פון הונדערטער קינדערישע קניפּעקלאַך פון פערשידענע יאָהרען און נאָך מעהר באַדעקט מיט סמנים פונ׳ם רביצ׳ס קליינע קינדערלאַך, וואָס האָבען זיך אַלע אויסגעכאָוועט אויף דעם טיש זיצענדיג. נאָר די סמנים זעהען זיך אַצינד נישט אַרויס, דער טיש איז פערשפּרייט מיט׳ן שבת׳דיגען טישטוך און בעלייכט פון צוויי קאָפּידיגע ליכט אין דער רביצינס שבת׳דיגע מעשינגע לייכטער. אין שטיבעל איז וואַרעם, היינט מער געהייצט ווי תמיד. נישט־קשה, היינט האָט די רביצין געזוגט, די קינדער האָבען גענוג צו שטייער געגעבען אויף האָלץ צו דער סעודה...

דער רבי, אַ לאַנגער דאַרער יוד, מיט אַ קורץ אויסגעקראַכען בערדעל, שטעהט אַצינד נעבען טיש און טיילט יעדען פון אַ פלאַך פלעשאַלע אין אַ קופּערנעם קידוש־בעכעריל צו קאַפּעלאַך בראַנפען און צו האַלבע לעקיכלאַך צוצובייסען. מיר אַלע מאַכען אַ ברכה אין דער הויך, יעדער טרינקט צום רבין „לחיים״, און „לחיים טובים ולשלום״ ענטפערט דער רבי מיט אַ זיס שמייכאַלע אויף די ליפען. ס׳איז אונמעגליך צו דערקענען צי דאָס איז דער רבי פון אַ גאַנץ יאָהר, וואָס זעהט תמיד אויס ווי אין כעס, בייז אויפ־געדעגט און מרה־שחורה׳דיג, צי איז דאָס דער זעלבער רבי, וואָס דער קאַנ־טשיק טאַנצט תמיד אַרום ביי איהם אין דער האַנד איבער אינזערע פלייצעס און מיר אַלע האָבען פאַר איהם שטענדיג אַזוי שרעקליך מורא...

די רביצין ברענגט צו צום טיש 3 געגלייזטע שיסעליך מיט באָרשט, און שטעלט זי אין דער מיט טיש און 2 אין ביידע עקען. דער רבי רעדט אונז צו מיט ווייכע ריידאלאך — עסט, קינדער, דער באָרשט איז פשוט טעם גן עדן, אונטערגעגומען מיט אַ קנאָבעל, נישט געזשאַלעוועט אַ ביסעל מעהר פעפער, געניג געזאַלצען, דער מלאך מעג איהם עסען...

קוקענדיג אויף דעם רבינ׳ס גלאַטע ריידעלאַך, טינקען מיר די לעפעל וואָס יעדער האָט זיך פון זיין היים מיטגעבראַכט אין די שיסלען און מיר כלעפטשען דעם באָרשט מיט אַפּעטיט.

קוים אָבגעכלעפּטשעט דעם באָרשט ברענגט ווידער די רביצין צו צום טיש אַ שוואַרצע ערדענע שיסעל מיט צוויי אויערן, דער רבי בכבודו ובעצמו שטעקט אַריין די פינגער, נעמט אַרויס און טיילט יעדען פון אונז צו 3 וואַרעניקעס אין די הענד אַריין. אָבגעגעסען די וורעניקעס און אָבגעלעקט די פינגער, און אַפּיר פון טיש.

— קינדער, לאָמיר טאַנצען! — האָט ר׳ קאָפּיל שמש׳ס אייניקעל זיך אָנגערופען. באַלד האָבען מיר זיך אויך גענומען טאַנצען, זינגען, הוליען, שרייען מיט ווילדע, משונה קולות, איינער פאַלט אין מיטען שטיב, אַלע וואַרפען זיך אויף איהם אַרויף. ס׳ווערט אַ געלעכטער, אַז די אויגען געהען אינז איבער פאַר לאַכען. באַלד קומט אַריין יעקוב־ישו, דאָס בעלפערעל, פערשטעלט פאַר אַ גוי מיט אַ האָרב פון פאַרינט און אַ האָרב פון הינטען, דאָס פּנים אויסגעריזט מיט סאַזשע פון קוימען. מיר אַלע בעפאַלען איהם ווי די ביהנען. מיט אַלע כוחות באַכען מיר איהם מיט די פויסטען אין די האָרבעס און רעדען צו איהם גוי׳ש „א, טי איוואַן סוויניאַ, שטצאָ די כאַטשיש, אידע דאָ טשאַרטערע מאַטערע״...

איינער פון אינס, שוין אַנ׳איבערגעוואַקסענער תלמיד, גיט אַ געשריי: „דער רבי זאָל לעבען״ און אַלע שרייען מיר בקול רם: „אמן!״ „די רביצין מיט די קינדערלאַך זאָלען לעבען״, און מיר ענטפערען: „אמן!״...

אַהיים־געהענדיג פון דעם חדר נאָך דער סעודה, לויפען מיר איבער דער גאַס מיט אַ געזאַנג, מיט אַ געשריי און אַ געפילדער, ביי פּיוועל שיסטער אין די נידריגע פענסטערליך קלאַפּען מיר אָן אין די שויבען און מיר ריפען אויף גוי׳ש: „טי שוועטץ ראָבע נאַם פעראָ טשאָבאָטע״; זיין וויב, סלאָווע די שוסטערקע, אַ בייזע יודענע, לויפט אַרויס מיט אַ דראַפּיטש אין דער האַנד און וויל אינס פשוט ממיתן, נאָר מיר אַנטלויפען און שרייען פון דער וויטעס: „אָבע״!...

אַהיימקומענדיג האָב איך מיך געמאַכט כלומרשט שיכור, איך האָב נישט געוואָלט עסען קיין וועטשערע, כדי צו וויזען דער מאַמען, אַז זי האָט נישט אימזיסט געגעבען צו שטייער די 12 גרייצער צו דער סעודה, איך האָב מיך געניג אָנגעגעסען! — האָב איך געטענה׳ט. אָבער אין אמתן בין איך געוועזען הינגעריק ווי אַ הונד.

די מאַמע האָט פערשטאַנען ווי זאַט איך בין און האָט מיך פאַרט צוגערעדט איך זאָל עסען וועטשערע. איך האָב מיך באַלד געלאָזט איבעררעדען. איך האָב מיך פשוט מחיה געווען. נאָך דעם עסען זאָגט צו מיר די מאַמע: „אַ יאָ, האָסט מיך געוואָלט אָבנאַרען, אַז ביסט נישט הונגעריג?״ „ניין, מאַמע,״ האָב איך געענטפערט, „איך האָב געפיהלט אַז איך בין הונגעריג נאָר איך האָב נישט געוואָלט זיין קיין זולל וסובא.

דערנאָך האָט מיך די מאַמע געפרעגט וועגען דער סעודה און איך האָב

געפלאָנטערט מיט דער צונג ביז איך בין אַנשלאָפן געוואָרען זיצענדיג און רעדענדיג... איך האָב נאָר געהאַלטען אין איין דערצעהלען, ווי גוט דער רבי איז היינט געווען צו אונז, ווי בנעימותדיג ער האָט מיט אונז גערעדט און ווי גוט די רביצין איז היינט געווען...

מ׳האָט נישט געהערט קיין קללה פון איהר מויל, כאָטש ס׳איז היינט דאָנערשטאָג...

סאסאב, גאַליציע

איך פאָהר אַהיים

דעם אַנדערען טאָג נאָך יום־כפור האָב איך מיר גאַנץ פריה צונויפ־געפּאַקט מיין קלימיקעל, האָב מיך אָבגעזעגענט מיט מיין בעל־הבית, מיט דער בעל־הבית׳טע און מיט מיינע תלמידים, האָב אָפּגענומען דעם רעשט שכר־הלמוד, וואָס איז מיר נאָך געקומען צום זמן. די בעל־הבית׳טע איז אויך געווען אַזוי לייטזעליג און האָט מיר מיטגעגעבען אַ טעפּעל פּוטער מיט אַ האַלבען ווארינקעל קעז פונ׳ס ווייב׳ס וועגען אַהיים צו ברענגען אַ מתנה, באשר ס׳פּאַסט עפּיס נישט פון אַ דאָרף אַוועק צו פאָהרען אָהן קעז און פּוטער.

שוין אויף עם שוועל שטעהענדיג, מיט עם קלימיקעל אויף דעם אַק־סעל, מיט דעם שטעקעלע אין דער האַנד, האָב איך נאָך אַמאָל געווינשען דעם גאַנצען הויזגעזינד אַ גמר־טוב, געקושט די מזוזה דריי מאָל און שפּאַן אין וועג אַריין דריטהאַלבען מייל צו פיס ביז צו׳ן אַ באַהן־שטאַנציאָן.

אין מיטען וועג האָט אָנגעהויבען צו געהן אַ מאַרסקע רעגענדיל און דריבנישקעהייט האָט מיך דער רעגען דאָרך גענעצט ביז צום לייב. צוליב דעם רעגען האָט זיך געמאַכט איין עסריגער ווינד מיט אַ סקריפּ און האָט מיך דארכגענומען דאָרך דעם דינעם איבערציהרעל, וואָס איך בין געגאַנגען אָנגעטון, ביז טיעף אין די ביינער. נאָך 5 שעה גאַנג, אַ פּיס אַריין, אַ פּיס אַרויס, בין איך ענדליך געקומען פּשוט איין אויסגעווייגטער צו דער באַהן־שטאַנציע. צום גליק האָב איך געטראָפען די קאַסע שוין אָפען, האָב מיר געקויפט אַ בילעט ביז לעמבערג און האָב מיך געשווינד אַריינגעכאַפּט אין אַ קאַפע, וואָס איז געווען ליידיג, אָהן אַ בן־אָדם. דעם אויסגעווייקטען קלימיק האָב איך אַרויפגעלעגט אויף דער פּאָליצע איבער מיין קאָפּ. די נאַסע הענד מיינע האָב איך מיר אָבגעווישט אינ׳ם פאַרהענגעל פון פענסטער און האָב מיך אַנידערגעזעצט אין אַ ווינקעל הארט אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנד. וואַרטענדיג טאַמער וועלען נאָך אַרויפקומען עטליכע פּאַרשוינען, וועט ווערען אַביסעל היימליכער אין קאַפּע און איך וועל האָבען מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדען. נאָר דער צוג הויבט שוין אָן צו באַוועגען און קיינער קומט ניט אַרויף, מאַך איך מיך באַקוועם, טהו מיר אויס עם נאַסען קאַפּעלוש, וואָס איז אָנגעווייקט פונ׳ם רעגען און שווער ווי אַ קלאָץ און בלייב זיצען אין דער הוילער יאַרמילקע, נעם אַרויס מיין בלעכענע טאַבאַק־פּושקע מיט די

שוועבאַלאַך פון דער וועסטעל־קעשענע אַ ן פערדרויכער מיר אַ ציגאַרעטיל, און צעשטרעק מיך אין דער גאַנצער לענג אויף דער באַנק און בלאָז מיר דעם רויך מיט פערשיעדענע קרייזליך און דרימעל מיר אַ ביסעל צו.

דער צוג וויגט זיך און אין מיין קאָפּ וויגט זיך מיין געדאַנק. דער מוח אַרבעט און פיהרט מיר פאַר אַלע מיינע ערלעבניסע, וואָס איך האָב איבער־געלעבט און אויסגעשטאַנען, זייט איך בין געוועזען אַ קינד אין חדר. פער־שיעדענע בילדער אומעטיגע און פרעהליכע זיינען מיר געקומען פאַר מיינע אויגען. אָט באַלד נאָך אַ טאָג מיט אַ נאַכט פלאגע און דו ביסט אין דער היים. טרייסט זיך, מיין געדאַנק. דו ביסט אין דער היים ביי דיין ווייב און קינד.

די ווערטער ביים ווייב און קינד האָבען זיך נישט נאָר דורכגעוויגט אין מיין געדאַנק, זיי האָבען זיך דורכגעשלעפּט אין מיין מויל און אָפּגעשפּיגלט ממש אויף מיינע ליפּען מיט אַזאַ מין פריידע, אַז מיין האַרץ האָט אונטער־געטענצעלט אין מיין ברוסט און זיך צענומען אין נחת און גדולה. איי, שטעל איך מיר פאָר אין געדאַנק, וועט זי, מיין פלונית, מיין פעשי־פריידאַלע זיך אַ ביסל דערפרייען ווען איך וועל אָנקומען. איהרע בלאַסע בעקאַלעך וועלען רויט פּערפאַרבען, אַזוי ווי זי איז דעמאָלט רויט געוואָרען, ווען איך האָב זי דאָס ערשטע מאָל אָנגעקוקט חתן־וויז, דער זיבעטער חן איז דעמילט אויף איהר געלעגען. עס וועט זיך איהר אודאי פערוועלען אַרויף־פאַלען אויף מיין האַלז, מיך צודריקען שטאַרק צו'ן איהר ברוסט און קושען. נאָר זי וועט זיך שעמען, זי וועט איהר לוסט דערשטיקען און דאָס געפיהל פון לוסט וועט זיך מאַכען פלאַץ דארך איהרע צוויי גרויסע שוואַרצע אויגען. זי וועט וויינען און איך וועל דאָס אויך נישט טהון אין די אויגען אַריין פון די שכנות, וועלכע וועלען זיך, ווי דער שטייגער איז, תיכף אָנלויפען אַ פולע שטוב. איך וועל דאָס נישט טהוען איהר צו ליעב, זי וועט פערשעמט ווערען און האָבען דאָפּון עגמת־נפש. חוץ לזה הייסט דאָס טאַקע נישט יודישלעך. עפּעס מעשה בהמה...

און מיין משה'לי, מיין קינד? איך קען איהם אַפילו נאָך נישט. איך וויס נישט וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט, צי איז ער עהנליך צו מיר אָדער צו'ן איהר. איך בין פאַר־יאָהרען אַוועקגעפאָהרען, איז זי געוועזען אין אַכטען חודש, קומט אַצינד אויס נאָך מיין רעכענונג, אַז דאָס קינד זאָל זיין איין ערך 10־11 חדשים אַלט, ער מוז שוין אַוודאי געהען ביי די בענק, לאַכען און פּלאַפּלען, און איך קען איהם אַפילו נישט. זאָל שוין זיין אַזוי, אַבי איך פאָהר שוין אַהיים. טאַקע איין אָרימע היים, צוויי הילצערנע בעטלאַך, איין אַלטען קאַמאָד־קאַסטען; ירושה פון מיין באָבען, איין אַלטען קופערט. ס'איז איין אייגען ווינקעל. ווער נאָך קען פיהלען דעם טעם פון אַ היימיש געלעגער ווי אַזאַ פאַרשוין ווי איך, וואָס וואַלגערט זיך אָהן אַ געלעגער אין קרעטשמע אויף אַ באַנק אויף אַ אויסגעפוילטען שטרוי־זאַק מיט אַ אויסגעקראַכענעם קישאַלע צו קאָפּענס.

כאַ־כאַ־כאַ! — מאַכט מיך מיין געדאַנק לאַכענדיג. מיין פעשי־פריידאַלע האָט מיר געשריבען אין דער קבלה אויף די 25 רייניש, וועלכע איך האָב איר

דאָס לעצטע מאָל געשיקט, אַז דאָס גאַנצע שטעדטיל איז מיך מקנא, אַז מען שמועסט פֿון מיר ווי פֿון אַ ראָטשילד, באשר אַ יונגער מאַן שיקט מיט אַמאָל אַהיים צו 25 רייניש. דאָס איז דאָך אַ ממון־קרח, אַ סמן אַז ער שאַרט דאָס געלד פּשוט מיט לאָפּעטעס. ווען זיי זאָלען אָבער וויסען, ווי שווער און ביטער מיר קומט אָהן די עטליכע רייניש, ווי איך בין פֿאַר די עטליכע רייניש פּערקויפט מיט׳ן גוף און מיט דער נשמה, ווי מיך קלעמט דאָס האַרץ, וואָלטען זיי מיך נישט מקנא געווען. אדרבה, זיי וואָלטען מיך בעדויערט. איך נחום׳טשע דער עלוי, וואָס האָב חתונה געהאַט אין אַ שמאַלץ־גרוב אַריין, די שוויגער האָט מיך גענומען פֿאַר אַ חשוב בחור׳ל, האָט מיר צוגעזאָגט אייביגע קעסט חוץ 300 רייניש נדן פערשריבען אויף דער דירה. איך מוז שוין דאָס אַנדערע יאָהר נאָך דער חתונה פערקויפט זיין ביי בערטשי סעכיסטאפסקער פֿאַר 75 רייניש אַ זמן אַלס מלמד, אַלס שענק־משרת, אַלס שבת־גוי, און בשעת הדחק, דער ראנדארסקע סטרוזש פערפרומט זיך אין אַ חגא־טאָג, בין איך אויך דער האָלץ־העקער.

היינט מיינע תלמידים, תיכף אין דער פריה איידער איך עס נאָך אָב דעם אָנבייסען — אַ שיסעל קאַרטאָפליס אין די מענטאַלאַך מיט אַ שוואַרצער שיסעל סערוויטקע במקום זוער־מילך, צעלויפען זיך דערוויל מיינע תלמידים, און איך לויף זיי זוכען אין אַלע גוי׳שע שטובלאַך אויף די בוידעמיס אין די שטאַלען, בזי איך זוך זיי אָב קוים מיט נויטשוויס, איך זאָל מיט זיי אָפּקנעלען אַ שטיקעל דאַווענען. נישט איינמאָל טרעפט זיך אַז מיין עלטערער תלמיד דערזעהט מיך פון וויטען, אַנטלויפט ער איבער וויעזען און איבער פעלדער גלייך אין וואַלד אריין. איך לויף איהם נאָך און ער אַנטלויפט. די גוים וואָס אַרבייטען אויפ׳ן פעלד שרייען אונז נאָך און מאַכען חוזק, און פון מיר פֿאַלט דאָס פלייש מיינע שונאים פֿאַר בושה. איך בין שוין מיעד און קען נישט ווייטער לויפען. זעץ איך זיך אַנידער אָבריהען אין וואַלד אויפן גרינעם גראָז. זעצט זיך מיין תלמיד אויך אַנידער. איך סאָפּע און פּראַך, ער סאָפּעט און פּראַכט. איך קוק אים אָן, קוקט ער מיך אָן אַזוי זיצענדיג איינער אַקעגען דעם אַנדערען ווי צוויי הענער, וואָס האָבען זיך ערשט געשלונגען. גיט מיר פּלוצים אַ געדאַנק אַ קלאַפּ אין מוח אַריין: געוואַלד, וואָס האָב איך צו איהם, צו דעם אָרימען יונגעל? וואָס האָב איך מיך אויף איהם פערלעגט? וואָס יאָג איך איהם נאָך ווי אַ בייזער שטן? — אַרום און אַרום איז אַלץ פריש און פרעהליך. אַלעס פרייט זיך און לעבט, דער טאָג אַזוי שעהן און לויטער. די זון שיקט איהרע מילדע שטראַהלען און וועקט אויף יעדעס בעשעפעניש צו לוסט און לעבען, די פייגאַלאַך שפּרינגען פון צווייג צו צווייג. עס לעבט און איז פריי די גאַנצע נאַטור, אַלעס געניסט פון דער פרייהייט אויף דער גאַנצער וועלט. און מיט וואָס האָט געזינדיגט אָט דער געזונטער יונגאַטש מיט די צוויי פּיסקעס וואָס דאָס בלוט, דאָס יונגע, שפּריצט פון זיי, ווען עס ציהט איהם אויך צום לעבען, צו פרייהייט, צו שפּרינגען און צו לויפען אויף גרינע פעלדער. וואָס איז ער שולדיג ווען עס גלוסט זיך איהם פֿאַרט נישט צו זיצען איינגעגראָבען אין דעם ענגען דושנעם

אַלקער׳ל אונטער דער קרעטשמע און שוויצען ביי די טויטע אותיות פונ׳ם סדור׳ל, וועלכע אינטערעסירן איהם גאַר נישט? און איך מוטשע איהם אומזיסט און יאָג איהם נאָך. די געדאַנקען מיינע לייען איך אַזוי זיצענדיג אין זיינע אויגען, בעת ער קוקט אויף מיר ווי אויף אַ גזלן וואָס רויבט איהם זיין פרייהייט. און אַזוי בעטראַכט איך איהם פאַר דעם גערעכטען און מיך פאַר דעם אומגערעכטען. הויבט מיך אָן צו צוויקען ביי דער נשמה. איך ווער ביי מיר אַראָבגעפאַלען נידריק און קליין. מיט אַ צעבראָכענעם געמיט בעדויער איך מיין פינסטער מזל, מיין מלמדות, מיין זינדיקע פרנסה, וואָס ברענגט מיך צו אַזאַ פערזינקעניש. איך הויב מיך אויף און געה אַהיים, איך קען דעם יונגעל נישט קוקען אין די אויגען אַריין.

ווער ווייסט ווי לאַנג איך וואָלט נאָך אַזוי געלעגען, אויסגעשטרעקט אין קאַפּעה און מיט מיר אַליין גע׳טענה׳ט, ווען דער צוג זאָל נישט געוועזען בלייבען שטעהן ביי דער סטאַנציע, און אַ גאַנצע חברה חסידים, וועלכע פֿורען אַצינד אַהיים פון רבין זאָלען נישט געוועזען אַריינקומען אין קאַפּעה אַריין.

ווער ליגט דאָ אויסגעצויגען ווי אין באָד אויף דער אייבערשטער באַנק? — גיט מיך איינער אַ טאַרע ביים אַקסעל. — „סטאַוואַי באַטקאַ!״

ווי אַן אָבגעבריטער האָב איך מיך געגעבען אַ הויב אויף און קוים האָב איך מיך אויפגעהויבען, האָט שוין איין אַנדערער פערכאַפּט מיין פּלאַץ מיט דער באַמערקונג. — איהר זענט ביז אַהער געלעגען, האָט איהר פער־נומען פּלאַץ פאַר פיער פאַרשוין, מעגט איהר שוין דאָס איבריגע שטעהן. — צווישען אַלע ווערט אַ געהויבעריי, די קלימעקיס אין דער הויך איינס אויפ׳ן אַנדערן.

— נישט־קשה, דיין קלימיק מעג ליגען אינטער דער באַנק! — שרייט איינער און וואַרפט אַראָב דעם אַנדערנס קלימיק אינטער דער באַנק אַרונטער און לעגט אַרויף זיין רענצעל אויף דער פּאָליצע.

— הער נאָר שמואליק, — שרייט דער פון דעם אַרובגעוואָרפענעם קלי־מיק — די מיינסט אַז די ביזט אין קלויז? דאָ ביסטו אַ קליינער בעל־מחבל, דאָ איז מיין מפטיר גלייך ווי דיינער.

אַזוי רעדענדיג וואַרפט ער אַראָב דעם רענציל און לעגט צוריק אַרויף זיין לייווענטינעם קלימיק. יענער וואַרפט ווידער אַראָפּ דעם קלימיק און לעגט אַרויף דעם רענציל. כאַפּט דער אַנדערער ווידער דאָס רענציל, און לעגט ווידער אַרויף זיין קלימיק.

פון דעם אַנדערען עק הערט מען אַ קול: — וואָס האָסטי דיך אַזוי צע־שפּרייט ווי ביים טאַטען? מעגסט דיך אַביסעל אַהין רוקען, דאָ בין איך שטאָטישער ראַדניק גלייך ווי די...

— זיי נאָר נישט קיין וואוילער יונג! אַז די ווילסט וועל איך דיר באַלד זאָגען וואָס די ביזט.

— וואָס קאָנסטי מיר אַשטייגער זאָגען, אַז איך בין אַ בעקער? נו אַ בעקער איז עפּס אַ גנב, חלילה.

— נייך, — ענטפערט דער אַנדערער. — איך וועל דיר זאָגען, אַז די ביזט אַ פאַרך בן פאַרך ביז'ן אלף הששי.

— און איך וועל דיר זאָגען, — שרייט איהם דער אַנדערער איבער — אַז די ביזט אַ ממזר, און אַ אַנזעצער כאָטשי די ביזט אַ חסיד און אַ שטעטדטי־שער ראַדניק.

— הערט, יודען, איהר זענט עדות, איך וועל איהם קלאגען צום געריכט.

— פע, — רופט זיך אָן איין אַנדערער יונגער מאַן, — אַזוי באַליידיגען זיך יודען, וואָס פאָהרען צוריק פון רבין?

— ווער האָט אָנגעהויבען?! ווער איז שולדיג? — הויבען זיי זיך ביידע אָן אויסצוטאַנען.

— שאַט! — זאָגט דער בעל־מוסר, — איך וועל מאַכען אַ פשרה צווישען אייך. איהר זענט ביידע שולדיג. איהר דאַרפט ביידע געקנס'ט ווערען. אָט האָב איך ביי מיר אַ בוטעלקאַלע אָקאַוויט, עס קאָסט נשט קיין סאַך, נאָר אַ זעקסעריל, וועט איהר עס ביידע בעצוהלען און לאָמיר אַלע טרינקען לחיים...

דער עולם פּאַטשט בראַוואָ!

געזאָגט און געטאָן, מען טרינקט לחיים; מען ווינשט אַ גמר־טוב אין זכות פונ'ם רבי'ן. דער עולם ווערט לעבעדיג, לוסטיק, מען זינגט אַ שטיקעל כי הנה כחומר, איין אַנדערער זינגט די „יעלות", אַ טייל קלאַפּען אויף אַ רוסיש־חסידיש נגונ'דיל. דער עולם איז פרעהליך.

עטליכע סטאַנציעס פאַר לעמבערג האָט זיך אין קאָפּע אויך אַריינגע־כאַפּט איין אונגאַריש יודעל, מיט אַ פלאַכען קאַפּעלוש מיט אַ גאַנץ ברייטען ראַנד. אַ פאָהר דינע געקרייזלטע לעקלאַלאך מיט אַ שפּיציג פּאַפּילאַטע בער־דעל. קוים איז ער אַריינגעקומען, איז ער תיכף געוואָרען היימיש מיט אַ יעדען. ביי זיך אין לעדערען טעשעל האָט ער מיטגעפיהרט אַ פלאַך פלע־שאַלע בראַנפען און האָט יעדען מכבד געווען מיט אַ פּריש ביסול משקה. דער עולם טרינקט. ער דערצעהלט אַז ער איז אַ אתריג־סוחר פון אונגאַרן. ער האָט אין דער גאַנצער געגענד ביי אַלע רבי'ם, ביי אַלע חסידים פערקויפט עטליכע הונדערט אתרוגים. דעם רעשט וואָס ער פיהרט מיט זיך מיט, פירט ער קיין לעמבערג.

איך האָב איהם געפרעגט צי ער פירט מיט זיך אויך ארץ־ישראל־אתרוגים, האָט ער זיך אויף מיר געגעבען אַ כאַפּ אַרויף מיט אַ ליאַרם, פשוט איינצושלינגען.

— וואָס? — פרעגט ער — ארץ־ישראל־אתרוגים? אַ ציוניסט בין איך? מיט ארץ־ישראל אתרוגים זאָלען האַנדלען ציוניסטען, משומדים. מיר חסידים האַנדלען נישט מיט אַזוינע שמאַטעס. — דערביי האָט ער אויסגעשפּיגען די גאַל פון זיך און אויפגעוויזען מיט טויזענד ראיות, אַז די ציוניסטען זענען פשוט'ע משומדים, זיי זענען מעכב די גאולה, ס'איז אַ מצוה, מען זאָל אַלע עוקר מן השורש זיין.

ווייל איך האָב ערשט געקאָנט טרעפען אַ געלעגענהייט אַהיים צו פוהרען אין דער פריה, בין איך אַריינגעגאַנגען איבערנעכטיגען אין איין אכסניא.

דעם קלימיק מיינעם האָב איך געגעבען דער קעלנער, און בין מיר אַריינגעגאַנגען פאָרענט אין דער רעסטאָראַציאָן צו טרינקען אַ גלעזעל טעע.

אין דער רעסטאָראַציאָן אין דעם אייגענעם האָטעל האָב איך שוין געטראָפען מיין אתרוג־סוחר זיצען אויבענאָן ביי אַ האַלבע קאַטשקע מיט אַ פלאַש פילזנער. איך האָב נאָר באַוואונדערט ווי ער איז שוין אויך דאָ היימיש מיט די אַלע, וואָס זיצען אַרום טיש און עסען און טרינקען. ער שטעלט זיך שוין אויך דאָ פאָר מיט זיין חסדיות און מיט זיין בקיאות אין לערנען, בפרט מיט זיין פרומקייט. אַלע וואָס זיצען אַרום טיש הערען איהם אויס מיט דרך־ארץ, און שאָקלען מיט די קעפּ.

איין אויסגעדאַרט יודעל קומט אַריין און טראָגט אין דער האַנד אַ שטיק זיידענצייג מיט געפּרעסטע גרינע אַטלאַס־בלומען. ער צעוואָרפט דאָס שטיק זיידענצייג אין דער הויך אַקעגען ליכט און שרייט: „אַנאַ, יודאַלאַך, ברענגט פאַר דעם ווייב׳ס וועגען אַ מתנה לכבוד סוכות אַ שטיק טערקיש זיידענצייג מיט שווערע אַטלאַס בלומען, איינס אין דער וועלט. ביליג, פשוט אומזינסט, ווייל איך דאַרף האָבען אויף יום־טוב.

סאַטוב, 1905.

דאָס ווייבע האַרץ פון יודישע קינדער

דער פענדעל־זייגער אין דער שול קאַנצעלאַריע האָט אויסגעשלאָגען די 12־טע שעה. מאַרטושין דער שול־דינער הויבט אָן צו קלינגען. די טירען פון די קלאַסען ווערען געעפענט. די קינדער ריקען אַרויס יעדעס פון זיין קלאַס פאַרענווייס, טריט ביי טריט. פאַריבער געהענדיג דאַרך דעם לעהרער, וועלכער שטעהט אין פראָנט טיר און גרוסט יעדען, האַלטענדיג דאָס היטעל אין דער האַנד מיט אַ מעכאַנישער פאַרבייגונג, דער קינדערצוג ציהט זיך לאַנגזאַם אין רייהע און גליעד אויף דעם שטראָם אַזוי לאַנג ווי דאָס אויג פונ׳ם לעהרער קען נאָר דערגרייכען.

קוים אָבער פיהלען די קינדער אַז דער לעהרער זעהט זיי נישט, צעלאָזט מען זיך פון דער רייהע, און מען הויבט אָן צו לויפען קאָפּ אויף קאָפּ מיט ווילדע קולות, מען וואַרפט זיך מיט שטויב, מיט שטראָס־שטיינדלאַך, מען כאַפּט זיך אויף אַ האָלצוואָגען. די קינדער הענגען זיך אָן אויף דעם דראָנג, וואָס שטעקט אַרום פון הינטען ביים וואָגען און פוהרען מיט ביס דער גוי הייבט אָן מיט דער בייטש צו פאָכען, כאַפּט מען זיך אַרונטער. אַ טייל צעשיטען דערביי די ביכער מיט די טעקעס, און דער ווינד צעבלוסט די צעריסענע בלעטלאַך אין אַלע זייטען.

אין אַ שמאָל געסאַלע טרייבט איין אַלטער פויער אַ בלינדען שימעל איינגעשפּאַנט אין אַ פוהרעל לעהם. די קינדער בעפאַלען דאָס פוהרעל פון אַלע זייטען, אַ טייל שלעפּען דעם שימעל וואָס ער הויבט קוים אויף אַ פיס, אַ שווערען טריט צו געבען, ביי דעם צוים, אַנדערע שטופען אינטער דאָס

וועגאַלי און שרייען הייס: „ווישטאַ!‟ דער בלינדער שימעל פערקריכט אין אַ ריוו אַריין, דאָס וועגאַלע מיט דער איינער דראבעבנע און מיט אַ ברעט במקום דראבינע אויף דער אַנדערער זייט, קעהרט זיך איבער מיט 2 זייטיגע רעדער אַרויף. דער פויער ליאַרמט, זידעלט און שעלט, די קינדער לאַכען, קלאטשען מיט די הענד און צעלויפען זיך. אַזוי לויפענדיג שלאָגען זיך צוויי קינדער איינער אין אַנדערען אַמיסטען אָן, און דאריבער הויבט מען זיך אָן צו קריגען און טאַקע באַלד צו שלאָגען. מען דראַפּעט זיך די נעז, מען רייסט זיך ביי די האָר, צעקיילט און צעביילט קומען די קינדער אַהיים פון דער שולע.

איינער פון די צוויי, זעליגעל דער רויטער, איז אַ פרעהליכער געזונטער יונגאַטש, מיט אַ פּאָר רויטע באַקען און גרויסע גרויע אויגען. ער שמ׳ט צווישען אַלע קינדער אין שטעדטיל פאַר דעם גרעסטען גברן. אַלע האָבען זיי פאַר איהם אימת־מות... אַלע וואָלטען געוואָלט זיין פון איהם פון וויטען און דאָך ווילען איהם זיינע חברים. ווייל אין זיין חבר׳שאַפט פיהלען זיי זיך שטאָלץ און געזיכערט פאַר אַנדערע קינדער, אין אַ ברוגז׳דיגער צייט ווען מ׳געט אַרויס אויף פּאַיעדינעק איינער אַקעגען דעם אַנדערען... דער אַנדערער פון די צוויי קינדער, מאָטעל דבורה׳ליס איז דוקא אַ הויכער, אַ דאַרער מיט אַנ׳אויסגעצויגען פּנימ׳ל פול מיט זומער־שפּרענקלען. נאָר איז ער אָבער געשיקט און פלינק ווי אַ קאַץ. דאָרך זיין געשיקטקייט האָט ער שוין נישט איינמאָל געוויזען, אַז אין דעם הלכות פון שלאָגען איז ער פונקט אַזאַ כוואַט ווי זעלעג׳ל און אָפּט מאָל נאָך בעסער...

די ביידע קינדער האָבען זיך פיינד שנאת־מות און די שנאה זייערע איז נישט ווי אַ געוועהנליכער האַס פון צוויי קינדער וואָס האָבען זיך פיינד, וואָס קריגען זיך איבער עפּיס אַ שפּילצייג אָדער איבער אַ מסירה וואָס איינער האָט דעם אַנדערען פער׳מסר׳ט ביים רבי׳ן אין חדר אָדער ביים לעהרער אין דער שולע, וואָס באַלד בעט מען זיך ווידער איבער. דאָס פיינדשאַפט פון די ביידע קינדער איז אַן אָנגעוואָרצעלטע פיינדשאַפט וואָס איינער פערווינשט דעם אַנדערען דאָס לעבען און וואָלט גערן איהם לעבעדיג איינגעשלונגען.

די עלטערן פון די ביידע קינדער וואוינען איינס אַקעגען דעם אַנדערען, ביידע זיינען זיי שניטקרעמער — און ביטען זיך שטענדיג קאָנקורענץ: איינער רייסט ביים אַנדערען אַוועק דעם קונה פון דער טיר. עס פערגעהט נישט כמעט די וואָך, וואָס די ביידע עלטערן זאָלען זיך נישט קריגען. דאָס גאַנצע שטעדטיל זאָל נישט זיין ביינאַנד דאָרך די קולות מיט געוואַלדען, מען זאָל זיך נישט קלאגען צום געריכט און איינער פון זיי זאָל נישט בעשטראָפט ווערען. מ׳זיצט אָפּ אַ פּאָר טאָג אין קרימינאַל און מ׳קלאָגט זיך ווייטער. די קינדער, זעליקל מיט מאָטאלין, קוקען צו די שנאה פון זייערע ביידענס עלטערן אין דער היים און אין קראָם און זיי פיהלען אינסטינגטיוו אַז צווישען זיי קאָן קיין שלום נישט זיין.

קוים קריגען זיך די עלטערן אין קראָם איבער עפּיס אַ קונה, שלאָגען זיך שוין די קינדער אין חדר אָדער אויף דעם וועג פון דער שולע. אויך היינט האָבען זיך די עלטערן זייערע גאַנץ פריה געקריגט און אַהיימגעהענדיג

פון דער שולע האָט זיך זעליקיל אַמיסטען אָנגעשלאָגען אין מאטאלין, און דאָס האָט שוין געגעבען אנבלאָס, אַז זיי האָבען זיך ביידע אויף אַן אמת געשלאָגען.

דעם אַנדערען טאָג פון דעם געשלעג האָט מאָטעלי בעמערקט, אַז זעליקיל איז נישט אין דער שולע. און דאָס איז איהם געוועזען זעהר אַ וואונדער, ווייל זעליקיל האָט נאָך קיינמאָל נישט אויסגעפעהלט איין טאָג צו זיין אין דער שולע.

ווען מאטאלי איז אַהיים געקומען האָט ער דערהערט אַז זעליקילס מוטער איז פּלוצים געפערליך פערשלאָפט געוואָרען און דעם אַנדערען טאָג איז זעליקיל נישט געקומען אין שולע אַריין. און ווען מאטאלי איז אַהיים גע־קומען, האָט ער געזעהן אַז נעבען זעליקילס טיר שטעהט אַ צוזאַמען געשלאָ־גינער קאַסטען פון ברעטער, 2 דראנגען מיט אַ שטריק צינויף געבונדען די מיטה אַרויף צו לעגען. מאָטאלי איז געבליבען שטעהען ווי פערשטיינערט. דאָס הארץ האָט איהם זעהר וועה געטון. ער האָט נישט געקאָנט אַריינגעהן עסען קיין וואַרעמעס, ער האָט נישט אָבגעטרעטען פון דער טיר, ער האָט געזעהן ווי מ'האָט זעליק'ס מוטער אַרויס־געטראָגען פון דער שטיב אויף דער מיטה, איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצען טוך. חברה שמשים געהען פאַרויס און שרייען „צדקה תציל ממות". זעליקיל געהט נאָך פון הינטען מיט דעם קאָפּ צו דער ערד געבויגען. זיינע אויגען זיינען שטאַרק פערוויינט, דאָס רויטע פּנים איז בלאָס און די ליפּען שוואַרץ. עס האָט איהם אַזוי שטאַרק פערקלעמט דאָס הארץ פאַר רחמנות צו זעליקלין, אַז ער האָט געוואָלט צו איהם צוגעהען און איבערבעטען, איהם זאָגען: זיי מיר מוחל זעליקיל; לאָמיר זיין גוטע פריינד, קיין מאָל וועלען מיר זיך שוין נישט שלאָגען...

אָבער עפּעס אַ מין מאָדנע שטאָלץ האָט איהם צוריקגעהאַלטען... פון דע־מילט אן איז די שנאה פון מאטאלין צו זעליגלין פערשוואונדען. ווען מאטאלי האָט איהם געזעהן געהן גאַנץ פריה אין בית המדרש אַריין מיט דעם סדור'ל אין דער האַנד קדיש זאָגען, האָט ער איהם טיף בעדויערט. „ער האָט שוין נישט קיין מאַמען, אַ יתום, נעבאָך..." זעליקיל איז אין גאַנצען אַנדערש גע־וואָרען. ער איז זעלטען געקומען נעבען דער שוהל, אויף דעם גרינעם פּלאַץ זיך שפּילען מיט די קינדער. די פריילינקייט איז אין גאַנצען פערשווינדען געוואָרען, איין ערנסט האָט זיך פערשפּרייט איף זיין פּנים און אין זיינע פריילינע אויגען האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אַ וואַסערל פון טרויער. דער פריהער טויט פון זיין מאַמען, האָט מיט זיינע שוואַרצע פליגעל זיין מח מיט אַ שאָטען בעדעקט.

שפּעטער מיט אַ האַלבען יאָהר איז מאטאלי אַהיים געקומען פון דער שולע און האָט בעמערקט ווי פאַר זיין טיר איז עפּעס אַ גאַנצער צוזאַמענ־לויף. ער האָט געמיינט אַז זיינע עלטערן קריגען זיך שוין אודאי ווייטער מיט זעליג'ס טאַטען. און דאָס האָט איהם שטאַרק געקרענגט, אָבער אַז ער איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין, האָט ער געזעהען ווי אויף דער ערד ליגט אַ מת אויסגעצויגען מיט די פיס צו דער טיר איבערגעדעקט מיט אַ

שוואַרצען מאַנטעל. זיין מאַמע מיט זיינע שוועסטער שלאָגען זיך מיט די הענד אין קאָפּ אַריין, שרייען און וויינען ביטערלאַך. וואָס איז געשעהן, מאַמע? — האָט ער געפרעגט. די מאַמע זיינע איז איהם אַרויף געפאַלען אויף זיין האַלז און וויינענדיג צו איהם געזאָגט: „מיין קינד, מיין קדיש, די ביזט אַ יתום... די האָסט נישט מעהר קיין טאַטען... זעה דאָ אויף דער ערד ליגט דיין טאַטע טויט..."

— ער איז באַלד געוואָהר געוואָרען אַז זיין טאַטע איז געפאָהרען אויף אַ וואָגען מיט קאַסטענס סחורה, וואָס ער האָט געפיהרט אין דער קראָם אַריין, פון דער באַהן. בארג אַראָב איז ער אַראָבגעפאַלען פון דער הויך פון אַ קאַסטען וואָס ער איז אויף איהם געזעסען און איז אויפ׳ן אָרט דער הרג׳עט געוואָרען.

מיט 8 טעג שפּעטער, נאָך דער שבעה, איז מאטאלי געקומען דאָס ערשטע מאָל אין בית־המדרש אַריין קדיש זאָגען. ער איז געבליבען שטעהן און נישט געוואוסט וואו זיך אַנידער צו שטעלען, ער זאָל זאָגען קדיש נאָך זיין טאַטען. פּלוצים פיהלט ער ווי איינער נעמט איהם אָן ביי דער האַנד. ער קוקט זיך אום, האַלט איהם זעליקיל ביי דער האַנד און זאָגט מיט אַ פערדעמפּטען קול: „קום מאטאלי, קום מיט מיר, איך בין שוין דאָ געוואוינט. קום, וועסטי זאָגען קדיש מיט מיר אין איין סידור׳ל..."

דער קאַרגער

הירשקי דער מעקלער, אָדער ווי מ׳רופט איהם, דער „קרומער הירשקי", ווייל ער גאַליעט אַ ביסעל אויף דעם רעכטען פיס — איז בעקאַנט אין גאַנצען שטעדטעל אַלס געלינגענער טיפּ פון אַ מעקלערישע נשמה.

יעדען פריה מאָרגען, סיי זומער סיי ווינטער ווען דער הימעל אין מזרח זייט וואַרפט פון זיך אַראָב זיין בלויליכען געשטאַלט און נעמט אוהן אַ מראה פון גראָה אַלס צייכען, אַז ס׳הייבט שוין אָן טאָג צו ווערען, טרעפען מיר שוין אונזער הערשקען אַרום הופען אויף זיין ליסעווע שטעקען ביי די נאָך פערשלאָסענע טירען פון דעם איינקעהרהויז אין שטעדטיל מיט דער ערוואַרטונג: אפשר איז אין דער נאַכט אַ הער פערפאָהרען אַ פרעמדער פאַרשוין, אַ קויפמאַן וואָס וויל פאַרפירען אַ שטיקעל מסחר מיט איינעם פון די שטאָדט־לייט, וועט ער, הירשקע זיך נעבען איהם דרעהען און פער־דיענען מעקלעריי, הגם הירשקי ווייסט זעהר גוט, אַז אַ הער אין שטעדטעל אַריין קומט זעלטען אַ פרעמדער סוחר וועגען מסחר, ווייל דער גאַנצער האַנ־דעל אין שטעדטעל איז בעשרענקט נאָר אויף זיינע ד׳ אמות. רק פאַרהינ־דערט אַליי, טאָמער קומט גראָד יאָ עפּעס אַ פרעמדער איז הירשקי איין איבער טראַכטער און שטעהט אויף, אויף דעם סמך יעדען פאַרטאָג.

דעם גאַנצען טאָג איז הירשקי פול אין יעדען געשעפט, אין יעדער קראָם, אויף יעדען מאַרק, ווי נאָר ס׳האַנדעלט זיך אין קויפען אָדער פערקויפען,

פערדינגען אָדער פאַרהיילען, מישט יר זיך אומעטום אַריין אַלס בעל־מעץ, אַלס מצא־מבן, אַלס אַ מעקלער. אין כאָטשי קיינער פרעגט נישט זיין עצה, קיינער קוקט נישט אויף זיין מבינות, קיינער דאַרף נישט זיין מעקלען, הירשקי ווערט אָבער נישט בטל, קוים ווערט דער מסחר געשלאָסען, מאַהנט ער מעקלעריי פון ביידע צדדים, און מחמת ער איז ביי אַ יעדען נמאס דורך זיין צודרינגלעכקייט, דורך זיינע עקלע העוויות און משונהדיגע תנועות גיבט מען איהם וויטשעפּינע אַ פּאָר קרייצער, כדי פון איהם פּטור צו ווערען.

זעהר אָפט ברענגען די בויערען פון די אַרומיגע דערפלעך זייערע תבואות אין שטעדטעל אַריין צו פערקויפען, געוועהנליך פערפאַרט דער בויער מיט זיין נידריגען אויסגעמאָגערטען פערדיל פערפוצט מיט אַ הילצערנעם כאָמיד אַרום האַלז, איינגעשפּאַנט אין אַ קליין וועגעלע מיט הויכע לאַנגע צוויי דראביניעס.

ער פאָהרט גלייך אין מיטען מאַרק אַריין און בלייבט שטעהען פערזינקען אין געדעכטער בלאָטע ביז איבער די רעדער. די מאַרק־סחרים׳לעך אויסגע־ווייגטע יודע׳לאַך, פון פאַרינט די צוויי לאַנגע פּאַלעס פערשטעקט אין גאַר־טעל, אין פין הינטען מיט אַ לאַנגען איינגערעכטער שלימפּער, בעפּאַלען אַלע מיט איינמאָל דאָס וועגאַלע ווי די ביענען, יעדער וויל זיין דער ערשטער קונה, דער בויער בעט זיך אויס אַ מקח. אין איינער פון די קונים גיבט איהם די העלפּט און שווערט זיך 10 מאָל אויף זיין „הייליגער נאמנות״ אַז ער וועט איהם נישט מוסיף זיין אַפילי׳ן איין איינציגען העלער. אַנ׳אַנדערער נעבען איהם וויל איהם נאָך מעהר דערלעגען. אַ דריטער ווינקט צי דעם גוי מיט די אויגען און ווייסט איהם מיט צייכען אויף די פינגער וויפיעל ער האָט איהם מער געגעבען. — אַ רוח אין דיין טאַטענס טאַטען אַריין, אַנזעצער, גנב, ממזר! — שרייט דער ערשטער קונה אין שטיפּט איהם די פויסט אין פּנים אַריין.

דער אַנזעצער, גנב, האַזערט איבער דעם גוטען פּסוק ביז אין צעהנטען דור און גיט איהם פין זיך אַ שטויס צוריק. ס׳ווערט אַ בהלה, אַ ליאַרם, אַ געשריי, דער גאַנצער מאַרק לויפט זיך צו זאַמען, מ׳רייסט זיך ביי די פאות, ביי די בערד, מ׳וואַלגערט זיך אין דער בלאָטע, קולות, זלזולים פליהען פון אַלע זייטען.

פלוצים ווי פין דער ערד אויסגעוואַקסען, קימט אָן אינזער הערשקי צו רייטען אויף זיין ליסעווע שטעקען, ער ווייסט נישט, ער פרעגט נישט וואָס דאָ איז געשעהן. ליאַרעמט ער אין זידעלט אין שעלט! אַלע אין איינעם, אגב כאַפּט ער אַריין אַ פּאָר גוטע ריפּענשטויס הינטען אַרום פון די אומשטעהענ־דיקע, ער ווערט אָבער נישט בטל און שרייט ווייטער.

סוף כל סוף דער עולם פערגלייכט זיך, בעטען זיך איבער, און מ׳קויפט אַלע בשותפות אין מ׳טיילט זיך מיט די פּאָר זעקסערליך פערדינסט, אין העשרקי. — הערשקי מאַהנט מעקלעריי, און ווידער די אייגענע מעשה... בכדי זיינע פטור צו ווערען, גיבט מען איהם אויך אַ פּאָר זעקסערליך.

אויף דעם אויפען דרעהט זיך הערשקי אַרום אין רייסט דעם גרייצער

פין טויטע און פין לעבעדיגע, נישט קיקענדיג צו ביושר צי שלא ביושר, בע, זאָגט ער תמיד: „דער האַנדעל איז טריפה, אָבער דער גרייצער איז כשר!"

און דער הערשקי געהט שטענדיג אַרום אָבגעריסען קרוע ובלויי, די שטיוועל זענען שטענדיג אויסגעדרעהט, די קנאָפּעל צעריסען, דאָס דינע בעקישקאלע צעפליקט פון אַלע זייטען און אַרומגעבונדען מיט איין אַלטער קראַיקע במקום גאַרטעל, איין אַלט ווינטער היטעל פון וועלכען ס'שטעקען אַרויס די קויטיגע וואַטע, טראָגט ער שטענדיג אויפ'ן קאָפּ סיי זומער סיי ווינטער. דאָס פּנים זיינס זעהט אויס עלענד, פער'חושך'ט און פערוויסט. נישט מחנת אביונישקייט, ווייל זיינע פערדינסטען זענען נישט מספיק. רק, מחמת קאַרגשאַפט, וואָס ער איז אַ געפערליכער סקנערער. ער פערגינט זיך נישט אפילו זיין אייגען לעבען! דאָס ווייב זיינס, פייגע מרים, מיט זיין איינציגען קינד, אַ מיידעלע פין קוים 7 יאָהר אָהן עין הרע, צעהלט ער דעם ביסען טריקען ברויט אין מויל אַריין, יעדער גרייצער וואָס זי, דאָס ווייב, רייסט אַרויס אויף צעהרינג ווי ביי אַ הינט אויס די ציין, קומט איהר אָן פשוט אַזוי שווער, ווי קריעת ים סוף, רק איז זי אַ כשרה יודענע, אַ שטיליטשקע נשמה נעבאך. זי זיכט נאָך מעגליכקייט אַליין צו פערדיענען אַ גרייצער, זי פליקט פעדערן, מאַרעזשיט פרעמדע זאָקען, פערעכט פרעמד גרעט, קנעט אַ דייזשע טייג, אַבי עפּעס צו פערדינען, זי זאָל זיך נישט דאַר־פען אַרימרייסען מיט איהר מאַן וועגען אַ גרייצער און קומען צו לייטיש געלעכטער!...

רק איז זי אַצינד קראַנק, זי קען נישט פערדיענען. שוין 6 וואָכען אַז זי ליגט קראַנק, תחילת איז זי קראַנק געוואָרען איינפאַך אויף איין אינפלוענץ, מחמת זי האָט זיך נישט געשוינט, געגאַנגען זיכען אַ גרייצער צו פערדינען האָט זי זיך נאָך מעהר פערקיהלט איז זי אַצינד געפערליך קראַנק. מ'דער־קענט אין איהר נישט מעהר קיין מענשליכע צורה. רק איין איינפאַכער שקע־לעט, אַ טאָרבע מיט ביינער, אַ שרעקליכער היס פלאַגט און מיטשעט זי טאָג ווי נאַכט, אין זייט זי ליגט קראַנק האָט דער מאַן איהרער קיין דאָקטאָר נישט געלאָזט רופען, ער גיט נישט אויף קיין שטיקעל פלייש מען זאָל איהר אָפּקאָכען אַ יויך, זי זאָל זיך דאָס חיות ערהאַלטען, אָדער עפּעס אַ קוויקונג דאָס הארץ צו דערכאַפּען. אדרבא הערשקע זעהט אַז זיין ווייב איז אַזוי געפעהרליך קראַנק, פין טאָג צי טאָג לאָזט זיך איהר אויס מעהר דאָס לעבען, פרייט ער זיך אינערליך. ער קוקט אין שפּיגעל אַריין און ווערט געוואָר אַז ער האָט נאָך נישט קיין גרויע האָהר, ער איז נאָך גאָר אַ יונגער מאַן אין טראַכט ביי זיך: מיין פייגע מרים שטאַרבט, איך בין נאָך אַ יונגער מאַן, קוים וועט זי צומאַכען די אויגען, וועל איך תיכף פין מיר אַראָבוואַרפען אָט די אַלע לאַטעס מיט די שמאַטעס, איך וועל מיר מאַכען נייע בגדים פון דעם קאָפּ ביז צו די פיס — היינטיגע מאָדע — איך וועל מיר אויסגלעטען, אויסקעמען די באָרד, אייסלאָקלען די פאות און וועל אויסזעהען ווי אַ חתן בחור'ל, און וועל איך נאָך נעהמען אַ מויד מיט עטליכע הונדערט רייניש נדן!... בדיעהר — טראַכט ער זיך — אַז ס'וועט זיך טרעפען אַ יונגע

אלמנה אָדער אַפילו אַ גרושה מיט מעהר עטליכע הונדערטער נדן, וועל איך כוודאי פערציכטען אויף דער בתולה — ווייל דער עיקר איז געלד. ער איז אַזוי וויט פערגריפען אין די געדאַנקען, אַז ביי נאַכט חלומ׳ט זיך איהם, אַז ער צעהלט די הונדערטערס וואָס די בתולות אָדער אלמנות מיט די גרושות גיבען איהם נדן, און ער איז גליקליך, ער צעהלט און צעהלט און וויל גאָר נישט אויפהערען צו צעהלען!...

און די קראַנקע פיהלט און טראַכט, און דאָס קראַנקע האַרץ צוגעהט אין איהר פאַר וויטיג, איהר נשמה קנייטשט זיך פאַר טיפען שמערץ, זי פיהלט בעבאַך אַז זי שטאַרבט. אָבער ס׳טוט איהר נישט באַנק נאָך איהר לעבען, זי זיפצט נישט אויף איהרע יונגע יאָהרען, איידער צו לעבען אַזאַ געמוטשעט לעבען מיט הערשקין, איז שוין בעסער דער טויט — זאָגט זי צו זיך אַליין, — נאָר איהר קינד! דאָס אומשולדיגע עלענדע יתומה׳לע, וואָס וועט איבער־בלייבען אין דער האַנד פון אַ שטיעף־מוטער — טראַכט זיך — וואָס זי וועט אָנקומען צו הערשקין פאַר אַ ווייב! און זי פיהלט, אַז דאָס חיות געהט איהר אויס. דאָס האַרץ חלש׳ט און איהר נשמה פלאַצט... זי וויינט, און וויינט ביטער...

לויט הערשקיס איבערזיכט קען שוין זיין ווייב נישט מעהר געהיילט ווע־רען, זי קאָן נאָך לעבען אַ טאָג צוויי העכסטענס, און ער האָט זיך ענדליך בעשלאָסען צו ריפען אַ דאָקטאָר, באשר — האָט ער געטראַכט — לאָזען די שכונים אין דער גאַס ניט זאָגען, „אַז ער האָט זיין ווייב נישט געוואָלט ראַטעווען״, דאָס קען איהם נישט שאַדען צום שידוך וואָס ער איז בדעה מיט זיך צו טון, און ער האָט גערופען אַ דאָקטאָר. ווען דער דאָקטאָר איז געקומען איז הערשקי נישט געוועזען אין דער היים, ער האָט די קראַנקע אונטערזוכט, זיך געגוי נאָך־געפרעגט וועגען איהר קראַנקהייט, ער האָט גע־וואָלט פערשרייבען אַ רעצעפּט, און געזוכט אין שליפלעדיל וואו די קראַנקע האָט איהם אָנגעוויזן אַ שטיקעל ריין פּאַפּיר אין איין אַלטער סליחה, האָט ער געטראָפען אַ פּאַפּירענעם הונדערטער. דער דאָקטאָר האָט דעם הונדערטער בעהיטזאַם בעהאַלטען אין קעשענע די קראַנקע האָט נישט בעמערקט. — ער האָט פערשריבען אַ רעצעפּט און געגעבען דער קראַנקער זיינ׳ס אַ וויזיט־קאַרטע, זי זאָל פאַר זיך לאָזען ברענגען די מעדיצין אויף זיין רעכענונג, אויך זאָל זי פאַר זיך לאָזען ברענגען פלייש און גוטען וויין און אַנדערע ערקוויקונגען וואָס ער האָט אויפגעשריבען אויף דער וויזיטקאַרטע. אַלעס אויף זיין קאָנטאָ און פערשפּראָכען מאָרגען ווידער צו קומען.

דער דאָקטאָר האָט געהאַלטען וואָרט. יעדען טאָג איז ער געקומען און איהר געגעבען די בעסטע מעדיצינען אין די בעסטע פּפלעגע. אַלעס אויף זיין רעכענונג. ביז 4 וואָכען איז די קראַנקע שוין געווען אים שטאַנד דאָס בעט צו פערלאָזען. דאָס איז בוודאי דער מלאך רפאל פערשטעלט אין גע־שטאַלט פון דעם דאָקטאָר וואָס איז געקומען פון דעם הימעל זי געזינד צו מאַכען, אין דעם זכות פון איהר קינד, — האָט די אָרימע פייגע מרים געזוגט,

און אַלע שכונות האָבען איהר צוגעשטימט. די וואָהלטאַט פון דעם דאָקטאָר מיט דער קראַנקער פייגע מרים האָט זיך געלאָזט הערען אין גאַנצען שטעדטיל. אין יעדער האָט דעם דאָקטאָר געבענטשט און געלויבט.

נאָר איינער איז איהם עם דאָקטאָר געוועזען אַ שונא. דאָס איז אונזער הערשקי. נאָר ער דער טיראַן דער פערפלוכטער דאקטאר האָט ביי איהם אַוועק־געריבט דאָס נייע ווייב מיט די הונדערטער נדן. אָבער ער האָט געמוזט שווייגען, אין הערצען איז ער דעם דאקטאר געוועזען אַ שונא, און מיט דעם מויל האָט ער געלויבט אין איהם געקושט די הענד פאַר דאַנק־באַרקייט.

הערשקי האָט זיך מקנא געוועזען און די בעסטע ווינען און גוטע יויכען וואָס זיין ווייב געניסט אויף דעם נאַרישען דאָקטאָרס רעכענונג און האָט זיך צו'ן איהר צוגעשאַרט, זי געשמייכעלט, און מיט איהר אין איינעם גע־לעבט אַ גוטען טאָג. אַזוי איז ער געזעסען פאַרנאַכט מיט זיין ווייב ביי אַ גוטער לאָקשען יויך, און אַ גלעזעל וויין, ווען דער דיענער פון דעם דאָק־טאָר האָט הערשקין איבערגעגעבען איין פאַרמאַכטען קאָנווערט. ווען הערשקי האָט דעם קאָנווערט אויף־געמאַכט האָט ער דאָרט געטראָפען אַ געגויע רעכנונג פון דעם בעטראג וואָס די גאַנצע קוראַציע פון זיין ווייב האָט בעטראָפען; זיינע וויזיטען, די אַפּטייק, די פלאַשען מיט וויין, און אַלע אַנדערע גענוס־מיטעל, וועלכע זיינען פערברויכט געוואָרען, זיין ווייב צוריק צו'ן איהרע קרעפטען צו ברענגען. אַם ענדע פון דער רעכנונג איז געוועזען אויפגעשריבען מיט גרויסע יודישע אותיות:

„אויף דעם גאַנצען בעטראג זענט איהר, ליעבער הערשקי, נישט שולדיג קיינעם קיין העלער אַפּילו, ווייל דער הונדערטער וועלכן איך האָב געפונען ביי אייך אין טישקעסטעל אין דער אַלטער סליחה האָט מספיק געוועזען אויף די אַלע געט׳ענע הוצאות.״ אונטערגעשריבען איז געוועזען דאָקטאָר וואָהל־געטין.

איך בין מזכיר נשמות

יום כפור, דער טאָג פון תפלה ובקשה, דער יודשער יחיד בעט נישט רק פאַר זיין אייגענעם „איך״, ער בעט פאַרן גאַנצען כלל, ער זוכט נישט קיין תקון־הנפש רק פאַר די לעבעדיגע. ער איז אויך מזכיר די נשמות פון די טויטע.

איך שפּרייז אַרום די בתי־ עולמות פון דער גאַנצער ערד, און פון די ימים און די יבשה, אַ פערבאָרגענע האַנד עפינט פאַר מיר אויף אַלע קברים פון די מיליאָנען מיליאָסען טויטע פון דער גאַנצער וועלט, און פון דער גאַנצער מענשהייט. איך צינד אָהן גרויסע וואַקסענע לעכט אין די קלויזען פון מיין האַרצען און איך בין מזכיר נשמות...

איך בין נישט מזכיר די נשמות פון די טויטע וואָס זענען געשטאָרבען ליגענדיג אויף זייערע בעטלאַך אַרומגערינגעלט פון פריינד און משפחה, אויף זייערע קברים זענען אויפגעשטעלט שטאָלצע מאַרמאָר מצבות, מיט הללויה׳דיגע נו(ס)חאות פון גאָלדענע אותיות... איך בין נישט מזכיר די נשמות פון די טויטע וואָס זענען געשטאָרבען דארך מצוה תעניתים און פרימער נזירות. נאָך זיי האָט מען געזוגט, און געמאַכט גרויסע הספדים, און פערגאָסען פיעלע אמתע אָדער פאַלשע טרערען...

נישט די נשמות פון טויטע וואָס האָבן געלעבט אין ראַשקאַש און גע־שטאָרבען דארך צופיעל זינדיגען. און האָבען זיי איבערגעלאָזט פעטע ירושות צו ליעב וואוילטאָג און געמיינהייט...

איך בין מזכיר די נשמות פון די מיליאָנען מיליאָסן הרוגים קדושים וואָס זענען געפאַלען אויף די שלאַכט־פעלדער דארך מיתות משונות, סקילה שרפה הרג וחנק, אַלס עולות־תמימות צו דעם אָפּגאָט מולך אין געשטאַלט פון דער בעזער גיפטיקער מלחמה.

איך בין מזכיר די נשמות פון די טויטע וואָס אויף זייערע קברים שאָקלען זיך פון דעם ווינד דינע צעפוילטע ברעטלאַך, מיט איין אָפּגעריי־בענעם פ״נ נאָך פון ציקאַליעטשעטע אותיות... איך בין מזכיר די נשמות פון די טויטע וואָס ליגען מן הצד. וואָס ליגען אונטער די פּאַרקענס, זיי זענען בעגראָבען געוואָרען קבורת־חמור, ווער ווייסט פּאַר וועלכע זינד!... אין די מיליאָנען נאַסע פינסטערע גריבער, וואָס זיי האָבען די ערד ווי אַ זיפּ צעלעכערט, ליגען מיליאָנען מיליאָסען טויטע.

ווער האָט זיי געציילט? ווער ווייס זייערע נעמען? ווער ווייסט זייערע זינד? ווער ווייסט זייערע טוגענד? וועמען האָט וועה געטון. וועמען האָט געשווידערט זייער סוף? זיי זענען דראָבנע רעגען טראָפּען אין דעם שטענ־דיגען רעגענס־גוס פון דער געשיכטע. קליינע זאַמדיגע קערנדלאַך אויף דעם באָדען פון אונזער עבר. איינציגע דומפּע טיק־טאַקען פונ׳ם צייט זייגער. גרוי איז געוועזען זייער לעבען. ווי גרוי ס׳איז דער שטויב פון זייערע קברים. שווער איז געוועזען זייער אָנהויב און ווער ווייסט — ווי אונגעריכט זייער סוף?...

ווער ווייסט — וועמען פון זיי ס׳האָבען די שווערע רעדער פונ׳ם טריומפ־וואָגען צערדריקט, און ווער ס׳איז פון די הויכע פּיראַמידען רישטאָוואַניעס אַרוב געפאַלען? וועמען ס׳האָט די שווערע אַרבייט דערשטיקט, און ווער ס׳איז פאַר הונגער געשטאָרבען.

ווער ווייסט וועמען ס׳האָט אַ קויל געטראָפען און ווער ס׳האָט דאָס צינגעל אַליין אָפּגעדריקט? ווער ווייסט — ווי פיעל פון זיי ס׳האָבען נאָך דער זון געבענקט, און ווי פיעל ס׳האָבען די זון אין האַרצען געטראָגען: ווער ס׳האָט מיט דעם לעבען העלדיש געקעמפט און ווער ס׳האָט דעם לעבען אונטערטעהניג געדינט? ווען זיי האָבען דאָס לעבען געבענשט און ווען זיי האָבען דאָס לעבען געשאָלטען?... מיליאָנען מיליאָסען אונבעוואוסטע

דאַלצהעקער און וואַסערטרעגער, כהנים און לוויים אין דעם הייכעל פון פערגאַנגענהייט.

שטימע נביאים, גרויזאַמע זענגער, וואָס אייערע טרויריגע ליעדער האָבען זיך געלאָזט הערען העכער ווי די שטורמדיגע מוזיק פון דער נאַטור. צופריעדענע קנעכט און מוהטיגע קעמפּער, אַלע וואָס האָבען געליטען און געבויט — געליטען און געבראָכען, געליטען און־ווילענדיג, אָדער נישט ווילענדיג געוועבט דעם פודעם פון דער אונענדליכקייט. איך בין מזכיר אייערע נשמות.

זלאטשוב, אלול תרע״ז

ר ו ת

מגלת רות איז פאַררעכנט אַלס איינס פון די הערצליכסטע ווערק פון אונזער ביבלישער היסטאָריע, איהרע קורצע שילדערונגען מיט דעם רייכען אינהאַלט, איהרע זיסע דייטליכע אויסדריקע, איהרע לעבעדיגע ביל־דער, איהרע נאַטירליכע טיפען. ווי זיי שטעהען פאַר אונזערע אויגען כהויה, ווי זע לעבען, ווירקען און האַנדלען, זיי זענען געשריבענע פאַקטען, אַ שטיק פון דער פאַרגאַנגענהייט, אַ בלאַט פון דער געשיכטע.

יערליך אין שבועות אין אונזערע בתי מדרשים, אין די שוהלען ווען מיר מישען די בלעטער פון דער דאָזיגער ערצעהלונג, ווען מיר פערטיפען זיך ביים לעזען צווישען די שוואַרצע געשריבענע אותיות, בעגענען מיר זיך מיט די יודיש אַקערבויערן פון יענע אונזערע אַלטערטימליכע צייטען, מיר זעהען בחוש ווי זיי שטעהען אין דער שניט־צייט אין זייערע אייגענע פעלדער מיט די זאַנגען אין די הענד און שניידען די שוין גערייפטע זאַנגען; מיר הערען דייטליך דאָס ליבליכע קול, ווי די שניטער בעגריסען זיך איינער דעם אַנדערן קלינגענד אין לשון הקודש: „ה׳ עמכם״. „יברכך ה׳!״

די דאָזיגע ערשיינונג הויבט אויף אונזערע פאַנטאַזיע הויך ביז איבער די לויטערע וואָלקנס אין אַ ריינעם קלאָרען הימעל: מיר פיהלען זיך פער־כשפ׳ט, פערוויגט אין אַ זיסען חלום פון אונזער פערגאַנגענהייט...

ווי געטליך האָט אויסגעזעהן דאָס בילד, ווי שעהן האָט זיך אויסגע־נומען די ערצעהלונג ווען זי איז דערצעהלט געוואָרען פאַר די מיליאָנען יודישע אַקערבויער וועלכע האָבען זיך פערזאַמעלט אים שבועות אים „חג הקציר״, אָדער „חג הביכורים״ — ווי די תורה רופט דעם יום טוב — קיין ירושלים עולה רגל זיין.

דער רייכער אינהאַלט פון דער דאָזיגער ערצעהלונג וואָס שטעלט פאַר: ווי אלימלך, אַ רייכער גוטבעזיצער, אַ בעל יחוס, שטאַלץ אין כאַראַקטער, האָט אוועקגעוואָרפען זיין אַקערבויערישן שטאַנד אין די פעלדער פון בית־לחם, יהודה, און ער איז געגאַנגען מיט זיין פאַמיליע קיין מואב, דאָרט

אין אַ פרעמדן לאַנד צווישן אַ פרעמדן פאָלק. און ביי אַ פרעמדער נאַציאָן זאָל ער זיך איינריכטן אַ קעניגליכען הויז. ווי רבי מאיר דייטעט דאָס וואָרט „אלימלך" — אלו הבא מלכת. זיין ערוואַרטונג איז אָבער געווען גענאַרט. זיין סוף איז געווען שרעקליך. אין דעם פרעמדן לאַנד איז ער אָרים און עלענד אָבגעשטאָרבען.

אויך זיינע צוויי זיהן, מחלון וכליון, וועלכע האָבען חתונה געהאַט מיט צוויי טעכטער פון מואב, ערפה און רות, אויך זיי זענען אין עלענד געשטאָרבן. איבערגעבליבען איז זיין ווייב נעמי. די פערביטערטע אלמנה אַליין אַן דעם שטאָלץ פון איר מאַן און אין דער טרייהייט פון קינדער.

נאָך צעהן יאָהר וואַלגערען זיך אין אַ פרעמד לאַנד איז נעמי אַהיים געקומען קיין בית־לחים, יהודה, פערביטערט, פערזונקען אין טיעפען עלענד. רות, איינע פון איהרע צוויי שניר, וועלכע האָט אויס ליעבע צום שוואָגער פערלאָזט איהר לאַנד, איהר פאָלק און איהר גאָט, און איז מיט איהר, מיט נעמי'ן, מיטגעגאַנגען קיין בית לחם, האָט אַרומגעוואַנדערט צווישען די פעלדער זאַמלען „לקט", אָדער „שכחה", צווישען די בינטלעך נאָך די שניטער. דאָרט האָט זי נעמי'ס אַ קרוב — בועז — בעגעגענט אין זיינע פעלדער אין בית לחם, ווען ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ווער זי איז? און וויסענדיג איהר טראַגישע געשיכטע האָט זי געפונען גנאָד און לייטזעהליגקייט אין זיינע אויגען. — געה נישט מיין טאָכטער, — האָט בועז צו איהר געזאָגט. — געה נישט זאַמלען אין קיין אַנדער פעלד. רק דאָ אויף מיינע פעלדער זאָלסטו נאָכגעהן נאָך די שניטער און קלייבען לקט איבער דער גאַנצער שניט־צייט. און ווען רות האָט איהם שפעטער, לויט דער עצה פון נעמי'ן, איין מאָהל אין שייער אויפגעפאָדערט ער, בועז, זאָל זי לויט געזעץ אַלס קרוב אויס־לייזען, דהיינו, ער זאָל זי נעהמען פאַר אַ ווייב, האָט איהר בועז צוגעשוואוירען אַז ער וועט עס אודאי טאָן. און ווירקליך: נאָכדעם ווי נעמי'ס אַ נאָהנטער קרוב, אַ געוויסער טוב האָט זיך עפענטליך פאַר די זקנים ערקלערט אַז ער קען רותן נישט אויסלייזען מיט דער איסור „בן אישה", האָט בועז רות'ן גענומען אַלס זיין פרוי און זי האָט מיט איהם געבוירן אַ זוהן, וועלכען ער דאָט אַ נאָמען געגעבען „עובד". נעמי האָט דעם זוהן ערצויגען אין איהר שויס. עובד איז געווען דער פאָטער פון ישי און דער זיידע פון דוד מלך ישראל...

אָט די אינהאַלטס פולע ערצעהלונג מיט איהרע אָריגינעלע טיפען האָבען דעמאָלט פאַר די יודישע פערזאַמעלטע אַקערבויערן אין ירושלים געדינט אַלס מוסטער פון מאָראַל, אַלס לעהרע און לעבעדיגען ביישפיעל, זיי, די יודישע אַקערבויערן, זאָלן למ"ה געוואָרענט זיין נישט צו פערלאָזען זייער אַקער־בויער שטאַנד, נישט אַוועקלעגען צ.ליעב שטאָלץ אָדער יחוס דעם אַקער־אייזען אויס זייערע הענד, ווי אלימלך האָט געטאָן; זיי זאָלען אדרבא פער־בלייבען ביי דעם נאַטור לעבען אויף דעם פרייען פעלד. דורך דער ערצעה־לונג האָבען זיך די פערזאַמעלטע אויך געפיהלט שטאָלץ מיט זייער אַקער־

בויערישען יחוס באשר דוד המלך, דער גרינדער פון דער קעניגליכער די־נאַסטיע, אין דער הייליגער רעזידענץ ירושלים, איז אַרויסגעקומען פון אַקער־בייערן, רות, די אָרימע באַבע, איז געווען איין אָרימע לקט־זאַמלערין אין די פעלדער פון בית לחם, יהודה...

מגילת רות, דאָס זעלבע בילד וועלכעס מ׳האָט דעמאָלט געשטעלט אַלס אַ לעבעדיגען ביישפיל פאַר די יודישע אַקערבויערן אַמאָל ווען זיי האָבען געבראַכט בכורים. אין דעם זעלבען בילד געפינען מיר אויך היינט אין אונזערע איצטיגע צייטען לויט דעם זינען נאָך אַ לעבעדיג בילד פאַר דעם יודען אין דעם יודענטוהם אין וועלכען ס׳ליגט אַ שטיק נביאה פאַר די קומענדיגע יודישע דורות...

אלימלך־ישראל איז אַרויס פון זיין לאַנד יהודה, אין פרעמדע לענדער, צווישען פרעמדע פעלקער, צווישען פרעמדע נאַציאָנען, האָט ער פערלוירען זיין רייכטום, זיין שטאָלץ, זיין יחוס; זיינע זיהן, די טויזענדער מחלון׳ס וכליון׳ס זענען אין גלות צווישען פערשידענע פעלקער צוגרונדע געגאַנגען, — ער אַליין, דער אַלטער ישראל (ישראל סבא) איז אויך געשטאָרבען, זיין פּאַטריאָטיזמוס, זיין זעלבסט אַכטונג איז אָבגעשטאָרבען: — געבליבען איז נאָר נעמי, — די כנסת ישראל, אַ פערביטערטע, פערוויסטע אלמנה אָהן דעם שטאָלץ פון איהר מאַן, אָהן דער טרייהייט פון איהרע קינדער, האָט זי זיך געוואָלגערט יאָהרען לאַנג. איז געגאַנגען פערהונגערט, פערשמאַכט, מיט דעם פייערטאָג אין דער האַנד פון טיר צו טיר. און געליטען שווערע נויט, רדיפות און פערפאָלגונגען אָהן אַ שיעור, ביז צום לעצטען דור, ווען די נויט איהרע האָט שוין דערגרייכט דעם ערגסטען פונקט: „באו מים עד נפש“. די ערשטע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד האָבען זיך אָנגעהויבען, זי האָט אָנגעהויבען צו פיהלען אַז די ערד ברענט אונטער איהרע פיס, זי קאָן זיך ניט מער האַלטען, האָט זי אָנגעהויבען צו דענקען אַז זי מוז פערלאָזען דאָס פרעמדע לאַנד, מואב, — דעם ביטערען, שווערען גלות; זי מוז זיך צוריק קעהרען צו איהר לאַנד יהודה.

אין דער אידעע זיך צוריק צו קעהרען צו איהר לאַנד האָט זיך רות — די נאַציאָנאַלע יוגענד — אָנגעשלאָסען, אָט די יוגענד וואָס איז געווען פרעמד צו דעם יודענטום, פרעמד און כמעט שוין פערגעסען. מיט דעם גאַנצען פייער פון איהר נשמה, מיט דער יוגענד ליעבע פון איהר האַרץ האָט זיך די יוגענד אָנגעכאַפּט אין דער הייליגער אידעע, מיט צו קעהרען מיט נעמי — די כנסת ישראל צו איהר אַלטער היים קיין ארץ ישראל. נישט קוקענדיג אויף דעם טייל פון דער יוגענד, וועלכע ווענדעט זיך צום יודענטום מיט דעם נאַקען, ווי ערפה האָט זיך דעמאָלט צו איהר שוויגער נעמי מיט דעם נאַקען געווענדעט. שווערט רות: „כה יעשה לי ה׳ וכה יוסיף, כי המות יפרים בני ובינך“.

בועז — דער ציוניסטישער רעיון פון דעם לשון — „בו עז“ — אין איהם איז די קראַפט — האָט צו יענער צייט אַפּעלירט צו נעמי׳ס קרובים,

די נאָהענטע קרובים זיי זאָלען די רות אויסלייזען, זיי זאָלען צוריקפיהרען ד נאַציאָנאַליטעט צום יודענטום „להחזיר העטרה לישנה", זיי האָבען אָבער געענטפערט ווי יענער קרוב דער פּלוני אלמני וואָס האָט זיך ענטפלעקט מיט דעם נאָמען „טוב" — גוט צו זיך אַליין — האָט געענטפערט צו בועז'ן. „פן אשחית את נחלתי": מיר קאָנען זיך נישט בעקענען עפענטליך צום יודענטהום. מיר זאָלען נישט פערדאַרבען אונזערע קאַריערע, נישט קאַליע מאַכען אונזער גאנסט ביים פריץ: — ביז דער ציוניסטישער רעיון צוזאַמען בעראייניגט מיט רות, דער נאַציאָנאַלער יוגענד, האָט געבוירען עובד, אַרביי־טער, יודישען אַקערבויער, די רעאַלע אַרבייט אין ארץ ישראל, נעמי די כנסת ישראל ערציהט דעם עובד אין איהר שויס, אין דער האָפענונג, אַזוי ווי פון יענעם עובד איז געבוירען געוואָרען דוד בן ישי, אַזוי וועט פון דעם עובד געבוירען ווערען די יודישע גאולה".

סאסוב, כ"ז אייר, תר"ע

די סדר־נאַכט

געדאַנקען פון ים הציוני

קוים פעשווינדט דער ערב־פסח־טאָג און עס קומט אָן די סדר־נאַכט, זעצט זיך דער אַלטער רב יעקב און אויך דער יונגער ישראל הויך אויף זיין אויסגעבעטעטען הסבה־בעט אַלס מושל, אַלס שררה, אַלס מלך. אַרום דעם טיש זיצען זיין קעניגליכע סוויטע, דאָס בני בית זיינס אויסגעפוצט רייך, מיט פייערליכע ערנסטע מינעס, מעשה מלכות.

ער קוקט זיך אַרום אויף דעם געדעקטען סדר־טיש, אויף דער קערה מיט די כוסות, און אויף זיין ליבען בני בית, און ער דערפילט פּלוצים די וויכטיגקייט פון דעם מאָמענט. ער פאַרגעסט אין זיין טעגליכער זאָרג, און מאָר זיינע געדאַנקען ראָלט זיך אויף אַ פאַרהאַנג פון דער וויטער פער־גאַנגענהייט, און ער דערזעט זיך אין יענער גרויער צייט צוריק מיט איבער דריי טויזענט יאָהר, ווען דער ייד איז געזעסען ביי דער ערשטער סדר־נאַכט אין מצרים, די לענדען אָנגעגאַרט, די שיך אויף די פיס, דעם וואַנדער־שטאָק אין האַנט, ווי ער האָט זיך געגרייט אַרויסצוגען מעבדות לחירות, — פון שקלאַפען־יאָך צו זיין פרייהייט.

און ער דערפיהלט אין דעם געהויבענעם מאָמענט אַז אייגענטליך איז דאָס דערגרייכען די נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט פון אונזערע אור־עלטערען דער וויכטיגער פאַקט וואָס מאַכט אונז יידען צו געדענקען דעם יום־טוב פסח, נאָך היינט, נאָך כמה טויזענדער יאָהרען; נישט די אַלע סימבאָלען מיט די חרוסת און די פאַטעטישע הגדה אָדער די קניידלעך, נאָר איינפאַך דער פּראָסטער פאַקט אַז פסח איז דער טאָג ווען די יידישע אומה איז געבוירן געוואָרן. מיר זיינען דעמאָלט געוואָרען אַ פאָלק.

אין דער דערוואַרטונג באַפרייט צו ווערען פון דעם גלות האָט זיך די קליינע יעוב׳ס פאַמיליע, קוים 70 נפשות, אין מצרים פאַרמערט און ענטוויקעלט צו אַ שטאַרקער נאַציאָן, וועלכע האָט איבערגעטראָגען דעם גאַנצען מרור פון מצרים, און אינטער די ביטערסטע שקלאַפען־יאָך און באַדריקונג נישט פאַרגעסען איר יחוס׳דיגען שטאַם, אאון די אוצרות פון איר נשמה, נישט פאַרגעסען און נישט אויפגעגעבען אירע מיטגעבראַכטע טראַדיציעס, זיך נישט געלאָזט פאַרשמעלצען צווישען אַנדערע פעלקער, נישט אַנגענומען זיינע זיטען, זיינע וועלטאַנשויאונגען, און ניט אנגענומען זיין רעליגיאָן. אין דעם וואָרט פרייהייט ליגט דער ייד אַריין זיין גאַנצע האָפנונג פאַר זיין גאַנצער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. קיין שום פאָלק אין דער וועלט פיהלט ניט אַזאַ ליבע צו פרייהייט און צו זעלבשטענדיקייט ווי דער ייד.

דאָס שטענדיגע וואַנדערען פון גלות צו גלות באַווייזט ווי דער ייד וועט גיכער אויף זיך נעמען די ערגסטע נויט און פיין, איידער צו פאַרבייגען זיין לעבענסגאַנג. און דערפאַר איז ניט קיין וואונדער וואָס מיר זעהען אים וואַנדערען פון איין גלות צום צווייטען. אָנגעהויבען מיט מצרים, און אשור, און בבל, ביז גלות רומא און שפאַניע, און פאָרטוגאַל, רומעניע, מאַראָקאָ און דאָס היינטיגע רוסלאַנד, פון קעשינעווער און קיעווער פאָגראָמען און אונטער אַלע שרעקליכסטע אומשטענדען האָט דער ייד נישט אויפגעהערט צו חלומען און צו פאַנטאַזירען וועגן פרייהייט.

דער וואָס זיצט ביי דער גמרא אין קלויז, אָדער דער וואָס שטודירט אין אוניווערזיטעט, אָדער דער וואָס זיצט און נייט ביי דער מאַשין, צו דער ייד וואָס האַנדעלט און וואַנדעלט, יאָגענדיג זיך נאָך אַן אָרימען גרייצער, אַלע ליבען זיי אויף אַ גלייכען אופן די פרייהייט. אַלע האָפען זיי אויף דער אויסלייזונג מיט אַ גלייכען ברען ווי דער ערשטער ייד וואָס האָט אַרויסגעוואַנדערט פון עגיפּטען.

און עס קומט אויס ווי אַ זעלבסט־פאַרשטענדליכע זאַך ביי אַ יעדען היינטיגען יידען ווען ער זעצט זיך אַנידער צו זיין סדר און ער הויבט אויף די קערה אין דער הויך, שרייענדיג אויס מיט אַזאַ פולער האָפענונג און זיכערקייט: „השתא עבדי, לשנה הבא בני חורין“. — איצט זיינען מיר שקלאַפען, אָבער איבער אַ יאָר וועלען מיר זיין קינדער פון פרייהייט. — און מערקווירדיק, עס דאַכט זיך מאַנכעס מאָל אויס אַז די ווערטער הערען אויף צו זיין אַ סימבאָל, אָדער אַ לייכטער וואונטש ביי אונז יידען, נאָר כמעט אַן איבערצייגונג, אַז מיר וועלען עס אַמאָל דערגרייכען אויף דער אמת.

סאסוב, י׳ ניסן, תר״ע

איך וויל באַמערקן אַז אין „די דריי דורות“ געפינט זיך בלויז אַ טייל פון מיין פאָטערס פעליעטאָנען. איך האָף אָבער אַז מיט דער צייט וועט זיך אויך געפינען אַ מעגליכקייט צו פאַרעפנטליכן די איבעריקע שריפטן, ווי אויך די נאָך איבערגעבליבענע לידער פון בערל בראָדער.

— בער מרגליות

III

בער מרגליות

אויטאָביאָגראַפישער איבערזיכט

איך בין געבוירן אין זלאָטשעוו אין דעם יאָר 1887, דאָס פערטע קינד נאָך דריי מיידלעך: ליבע, קרעסל און טויבע. מען האָט מיר אַ נאָמען געגעבן בערעלע, נאָך מיין זיידן בערל (מרגליות).

ווען מיר האָבן זיך אַריבערגעצויגן קיין סאָסאָוו בין איך אַלט געווען 4 יאָר. איך דערמאָן זיך ווי שוין דאַמאָלט פלעג איך שוין מיטגיין מיט מיין פאָטער אין שולע אין וועלכער ער האָט געלערנט.

צו 9 יאָר האָב איך געענדיקט אַלע 4 קלאַסן, און ווייל איך בין זייער קליין געווען, האָב איך נאָך אַ יאָר זיך אַרומגעבלאָנקעט אין דעם 4טן קלאַס, לייענענדיק ביכער אד״ג.

צו 10 יאָר האָב איך אָנגעהויבן אין זלאָטשעוו, ביי מיין פעטער, קראָכמאַל, צו לערנען זיך פאַר אַ גאָלדשמיט. צו דער זעלבער צייט האָבן אויך אַ פּאָר יונגעלייט פון סאָסאָוו, אָנגעהויבן גיין אין גימנאַזיע אויף דער איני־ציאַטיווע פון מיין פאָטער. איך געדענק, אַז איך פלעג זיך אָפּט, נאָך דער אַרבעט, אַריבערכאַפּן קיין סאָסאָוו צום טאַטן, ווען איך האָב געלעזן אַ שווער בוך און געזוכט הילף ביי אים. ניט איין מאָל האָט ער מיר געהייסן אָוועקלייגן אויף שפּעטער אַ פילאָזאָפיש, אָדער אַ קלאַסיש, ווערק, ווען ער האָט איינ־געזען אַז עס איז צו שווער פאַר מיר.

צו 13 יאָר האָב איך אָנגעשריבן מיין ערשט געדיכט אין דייטש, מיט דער מעלאָדיע צוזאַמען. אַרום דער צייט בין איך, דאַכט זיך, געוואָרן אַ פאַר־ברענטער יידישיסט. איך האָב דעמאָלט אָנגעשריבן מיין ערשטן פאָרטראַג וועגן דער יידישער שפּראַך, וואָס, ווי איך געדענק, האָט אַרויסגערופן שאַרפע דיסקוסיעס צווישן דער יוגנט. עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, צו איבערצייגן, אַז זשאַרגאָן איז אויך אַ שפּראַך מיט שפּראַכן גלייך.

אין אונדזער היים זיינען אַלעמאָל געווען פאַרשידענע טעטיקייטן אין וועלכע דאָס גאַנצע הויזגעזינד האָט זיך באַטייליקט. ווען עס איז געקומען צו זינגען, איז מיין מוטער געווען די ערשטע. דער טאַטע פלעגט זי רופן „כאַנטשע״ און אויך אַמאָל „כאַנטשעלע״, נאָר ווען ער איז עפּעס נישט צו־

פרידן געווען, פלעגט ער זי רופן „כאַנטשע־ברײנע״. מײן שוועסטער לינאַ (ליבע) איז געווען אַ שטענדיקע לעזערין פון דײַטשישע ראָמאַנען, און אויך פוילישע לײַכטע שריפטן. זי האָט אויך גוט דעקלאַמירט. קאַראַלין (קרעסל) איז געווען די זינגערין אין דער פאַמיליע. אויך איך האָב גוט געזונגען און כ׳האָב איבעראַל געזאַמלט נײַע פאָלקס־לידער. מײַן שוועסטער טאַני (טויבע) איז געווען די באַלעבאָסטע אין הויז. זי פלעגט מיטהעלפן דער מאַמען און איז אויך געווען די געסט־אויפנעמערקע.

מײַן ערשטער אַרויספאָר אויף דער וועלט איז געווען קיין פשעמישל, וואו איך האָב באַקומען אַרבעט אין גאָלדשמידערײַ בײַ אונדזער ווײַטן קרוב שליסעלבערג. מײַן אײַנדרוק וועגן פשעמישל, ווי איך געדענק, איז אַז ס׳איז געווען אַ „קאַלטע״ שטאָט. פון דאָרט בין איך געפאָרן קיין יאַראָסלאַוו — גאָר אַ וואויל שטעטל געווען. איך האָב דאָרט געהאָלפן גרינדן אַ פועלי־ציון פאַראײַן. איך געדענק, אַז בײַ די ערשטע וואָכן פון מײַן אָנקומען אַהין, ווען די ז.ש.פּ. (יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטײַ) האָט פאַררופן אַ פאַרזאַמלונג מיט גרויסע פּלאַקאַטן אין די גאַסן, בין איך, כאָטש אַ פרעמדער, דאָס ערשטע מאָל געקומען צו דער פאַרזאַמלונג און בײַ דער דיסקוסיע, צולעצט, זיך געמאָלדן צום וואָרט. איך געדענק נישט איצט וואָס איך האָב גערעדט, אָדער, וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט. איך געדענק נאָר דעם פאַקט, אַז בײַם אַהיים גײן האָבן אַ פּאָר חברים מיך באַגלײט ביז צו דער הויז, ווײַל די זש.פּ.ס. האָבן מיך געוואָלט שלאָגן, און אַ דאַנק דער וואַכזאַמקײט פון מײַנע חברים איז מיר גאָר נישט געשען.

איך דערמאָן זיך וועגן די זײער לעבעדיקע, אימפּאָזאַנטע פּורים־פײַערונג, מיט פּאַראַדן און מאַסקעס, וואו כמעט די גאַנצע שטאָט האָט זיך באַטײליקט, און וואָס האָט געדויערט גאַנצע 8 טעג. איך קאָן זיך נישט דערינערן צי איך האָב ערגעץ אַנדערש־וואו בײַגעוואוינט אַזאַ פײַערונג.

מײַנע שענסטע יאָרן האָב איך פאַרבראַכט אין קראָקוי, וואו איך האָב זיך אויף אַן אמת אַרײַנגעוואָרפן אין פאַראײַן־טעטיקײט. דאָרט האָב איך איבערגענומען פאַר אַ לענגערער צײַט די פירונג פון די יוגנטלעכע, וועלכע איז אין מײַן צײַט אויסגעוואַקסן אַלס אַ מעכטיקע אָרגאַניזאַציע. אין קראָקוי האָב איך אָנגעהויבן שרײַבן יידישע לידער און איך האָב אויך אָנגעשריבן צוויי דערציילונגען. איין דערציילונג האָט זיך געדרוקט אינדעם „יוגענטלעכען״, וואָס איז געווען אונטער דער רעדאַקציע פון יעקב קענער, און איין מעשהלע, „דער האָניק האָט זך אין גיפט פאַרוואַנדלט״ איז געווען געדרוקט אין דעם „יידישן אַרבעטער״, וואָס איז דעמאָלט אַרויסגעגאַנגען אין קראָקוי אונטער דער רע־דאַקציע פון שוסהיים.

אין קראָקוי האָב איך אויך געגרינדעט „אַ זעלבסט־בילדונג גרופּע״ מיט וועלכער איך, צוזאַמען מיט אַ האַלבער שטאָט יידן, זײַנען שטאַלץ געווען. עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט 5 מיטגלידער, אַרײַסגענומען פון דעם יוגנט־פאַרײַן, אַלס וויליקע און ערנסטע ייִנגלעך: פּנחס דעול, רײזער, שאַכנע זאגאַן

און קליפּער. מיר דאַכט זיך אַז אויך יוסף לעווי, וועלכער האָט שוין דאַמאָלט געשריבן גוטע לידער, איז אויך געווען צווישן זיי. די גרופּע איז נאַטירלעך אויסגעוואקסן. ביי מיר איז פאַראַן אַ בילד פון דער גרופּע וואָס באַשטייט פון 22 חברים. די שפּעטערדיקע פירער פון דער אַזוי צו זאָגן אַרבעטער אינטעליגענץ איז צום מייסטן געקומען פון דער דאָזיקער „זעלבסט-בילדונג גרופּע".

די זעלבסטבילדונג גרופּע

אין דעם בילד פעלן צוויי חברים, וועלכע זיינען נישט געווען אַנוועזנד ווען מען האָט די פאָטאָגראַפיע גענומען. דאָס זיינען: פּנחס דעיאל, וואָס וואוינט אין פּערו, און דער ביט-לאַנג פאַרשטאָרבענער דיכטער יוסף לעווי פון בערלין.

איך וויל נישט פאַרפעלן ביי דער געלעגנהייט צו דערמאָנען אַז זאָגאָן, לויט ווי איך האָב געלייענט אין די צייטונגען, איז געווען איינער פון די לעצטע קעמפער אין הערויאישן וואַרשע-אויפשטאַנד קעגן היטלערס באַנדעס. איך זייענדיק אין וויען, האָב איך זיך אַ סך באַטייליקט אין דער באַ-

וועגונג. אין אַלגעמיין האָב איך ליב געהאַט צו פאַרווײַלן אין ווין. עפּעס איז געווען אין די ווינער גאַסן, מיט די ברייטע טראָטואַרן און שיינע גערטנער, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ געפיל פון פרייען־באַוועגן און האָט געמאַכט אַז מענטשן זאָלן זיך פילן גוט, ווי ביי זיך אין דער היים.

איך וויל דערציילן אַ שטיק געשיכטע, וואָס איך האָב מיטגעמאַכט זייענ־דיק אין ווין. עס איז געווען דעם ערשטן מאַי (איך געדענק ניט אין וועלכן יאָר). בער באָרוכאָוו איז דעמאָלט אויך געווען אין ווין. מיר — דאָס הייסט די פועלי ציון — האָבן זיך דאַן צום ערשטן מאָל באַטייליקט אין דער מאַי דעמאָנסטראַציע אַלס אַ באַזונדערע גרופּע, מיט אַ באַזונדערער יידישער פאָן און לאָזונגען געשריבן אויף יידיש. אַלע דעמאָנסטראַנטן האָבן זיך דאַן צוזאַמענגעטראָפן אין אַ גאָרטן (דעם נאָמען פון גאָרטן געדענק איך ניט). מיר האָבן פאַרנומען אַ באַזונדער טיש און אָנגעהויבן זינגען יידישע לידער. נאַטירלעך האָט זיך אַנגעזאַמלט אַ גרויסער עולם אַרבעטער און מיט נייגע־ריקע בליקן האָבן זיי אונדז באַטראַכט. איינער האָט אַפילו געפרעגט פאַר וואָס מיר האָבן אויף אונדזערע פּלאַקאַטן אויפגעשריבן „קשר" און עס האָט זיך געפאָדערט אַ סך אויפקלערונגען צו געבן דעם ווינער אַרבעטער צו פאַרשטיין, אַז אונדזערע אויפשריפטן האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט „קשר".

די דעמאָלטיקע פירערס פון די ווינער אַרבעטער זייִנען שפּעטער צו־געקומען צו אונדז מיט ד"ר בויער אין דער שפּיץ, און האָבן אונדז אויפגע־פאָדערט מיר זאָלן אויפהערן זינגען, ווייל מיר ציען צו זיך די גאַנצע אויפ־מערקזאַמקייט פון דעם עולם. מיר, דאַקעגן, האָבן געטענהט, אַז ס'איז ביי אונדז אַ יום־טוב און מיר פרייען זיך מיט דעם ערשטן מאַי אויף אונדזער שטייגער.

אין באַצוג צו דעם האָט אונדז באָרוכאָוו דערציילט אַ מעשה פון אַ הון מיט אַ האָן: „ווען מען האָט זיי ביידע באַדאַרפט קוילען, האָט דער האָן געפאָדערט מען זאָל אים צוערשט קוילען, ווייל ער איז דאָך עפּעס אַ האָן; די הון ווידער האָט געטענהט, אַז זי לייגט די אייער, און צו איר קומט דער כבוד פריער געקוילעט צו ווערן. איז מען געגאַנגען צום רב און דער רב האָט געפּסקנט אַז מען זאָל צוערשט קוילען די הון, אַי דער האָן וועט דאָך פאַריבל האָבן? — טו, זאָל ער פאַריבל האָבן..."

אויף דעם רעכענונג האָבן מיר ווידער געזונגען, און ווען מען האָט אונדז געהייסן אַרויסמאַרשירן פון דעם גאָרטן, האָבן מיר מיט געזאַנג, און פּראָטעסט אַרויסגעמאַרשירט.

איך דערמאָן זיך אַז די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע אין דעם ווינער גאָרטן האָט אַרויסגערופן דעבאַטעס אין די צייטשריפטן וועגן דעם, וואָס מיר האָבן שוין לאַנג געפאָדערט פון דעם דעמאָלטיקן „אינטערנאַציאָנאַל", אַז ער זאָל אַנערקענען אַז עס עקזיסטירט אַ יידישער פּראָלעטאַריאַט. מיר האָבן די אַנערקענונג דערגרייכט אָבער ערשט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה פון 1914 בין איך אַריבערגעקומען קיין סאַסאָוו אַריבערצונעמען מייִנע עלטערן און מיין ברודער קיין קראָקוי,

מיט דער אויסרעכענונג, אַז דאָרטן וועלן מיר זיין פיל ווייטער פון דעם שלאַכט־פעלד, ווייל סאַסאָוו האָט זיך געפונען ביי דער רוסישער גרעניץ. אַלע מיינע שוועסטער זיינען שוין דאַמאָלט לאַנג געווען אין אַמעריקע. מיין ברודער שמעון, וואָס האָט שטודירט אין גימנאַזיע, איז נאָך זיין מאַטורע אויעקגענומען געוואָרן צום מיליטער. מיר האָבן אָבער באַשלאָסן צו בלייבן און מיר זיינען פאַרבליבן אין זלאָטשעוו מיט דער רוסישער אינוואַזיע.

פון אָט דער צייט שטאַמט דער גרעסטער טייל פון מיינע לידער. אויך מיין דראַמע „משיח" האָב איך געשריבן אין יאָר 1914. איך האָב זיך דאָן אַריינגעוואָרפן אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, געגרינדעט, אָדער, אייגנט־לעך אויפגעוועקט די אַלטע פאַרשלאָפענע פועלי ציון; געשאַפן אַ דראַמאַטישע טרופּע און אויך אויפגעפירט אַ פּאָר געלונגענע זאַכן. איך האָב געהאָלפן שאַפן אַ פאָלקסקיך. פאַרזאָרגט די אָרעמע מיט קאַרטאָפל און מיט מצות אויף פסח, און נישט־ווילנדיק בין איך אַריינגעצויגן געוואָרן אַלס אמתער כלל־טוער אין אַ אינטענסיווער טעטיקייט.

ווען די רוסן זיינען אַרויס, און לויט דעם אָנווייז פון די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן האָט זיך געגרינדעט דער „נאַציאָנאַל ראַט" מיט ד"ר גאָלד אַלס פּרעזידענט, בין איך געוויילט געוואָרן אַלס אַ פאַרטרעטער צום נאַציאָנאַלראַט. שפּעטער־צו האָט זיך ווידער געעפנט דער קולטוס־ראַט מיט ד"ר איידעלבערג אין דער שפּיץ. איך בין אויך נאָמינירט געוואָרן צום קולטוס, וואָס האָט אייגנטלעך גאָר נישט געטאָן אויסער וואָס ער האָט פאַרזאָרגט אַ פּאָר רעדל־פירער מיט רעדלפירעריי.

ווען די רוטענער זיינען געוואָרן די מאַכערס, האָבן מיר, די פועלי ציון, געגרינדעט אַ קאָנסום־פאַראיין, וועלכער האָט אַרומגענומען די האַלבע שטאָט, ווייל מיר האָבן באַקומען פון דער רעגירונג צוגעטיילט אַ סך אַ גרעסערע פּראָוויאַנט־פּאַרציע פאַר אונזערע מיטגלידער. אויך דער פאַקט וואָס מיר זיינען געווען אַזוי גוט און צאָלרייך אָרגאַניזירט, האָט פיל בייגעטראָגן צו אונדזער פּרעסטיזש מצד די פּאָליאַקן און רוטענער. איך גלויב, און איך גלויב מיט אַן אמת, אַז מיר אין זלאָטשעוו האָבן דערפאַר אויסגעמיטן די אַנטיסעמיטישע געפאַר, זייענדיק איינע פון די געציילטע שטעט, וואָס האָבן אויסגעמיטן אומרוען און פּאָגראָמען, כאָטש די פּעטלורצעס האָבן געבושטעוועט נישט ווייט פון אונדז. איך מוז לייִדער אָננעמען אַז כמעט איבעראַל זיינען די אומרוען באַאיינפלוסט און אינסטיגירט געוואָרן דורך דער אָרטיקער באַ־פעלקערונג. וואו די אָרטיקע איינוואוינער, סיי פּאָליאַקן און סיי רוטענער, האָבן געשוויגן און נית געקומען מיט דעם אויפהעצערישן וואונק, האָבן די רוסן נישט געוואַגט אָנצוהויבן פּאָגראָמען.

ס'איז מיר אין יענער צייט אויסגעקומען צו קומען אין באַרירונג מיט אַ סך אינטערעסאַנטע יונגע גרעאַטענע מענטשן (אין צייטן פון נויט וואַקסן זיי אויס, מען ווייסט נישט פון וואַנען...).

איך דערמאָן זיך אין דעם נאָמען „אַפּעלבוים". ער איז געקומען צו מיר מיט זיין הילף וועגן דעם קאָנסום־פאַראיין. איך האָב אים ביז דאָן פריער קיינ־

מאָל נישט געזען. אויך איז ער נישט געווען פון די אידעאַליסטן, וועלכע איך בין געוואוינט געווען צו זען אַרום מיר; אָבער ער האָט געהאַט אַ זייער פעאיקע קאָפּ. איך מוז צושרייבן צו אים גאָר אַ סך פון דעם קרעדיט, וואָס דער קאָנסום־פאַראיין איז אַנשטאַנען און אויך פונקציאָנירט.

ליידער קען איך זיך נישט אַציגד אַריינלאָזן אויסצורעכענען די אַלע שוויגס, פייערינגס, און צווערדלינגס, און די אַלע וואָס איך האָב שוין פאַר־געסן. אפשר וועט נאָך אַמאָל אויסקומען איבער זיי צו ריידן. דערווייל מוזן מיר ווייטער גיין...

צולעצט ווילט זיך אַ קוק טאָן אויף צוריק, און נישט ווילנדיק מוז מען מאַכן אַ סך־הכל פון דער אַזוי אינטערעסאַנטער און באַוועגטער צייט, וואָס האָט אַרויסגערופן פון אַלע ווינקעלעך די פּראָדוקטיווע געזעלשאַפטלעכע כחות, וואָס האָבן זיך נישט־גערופענערהייט געשטעלט אין די ערשטע רייען, דער אַלס פירער, אַן אַנדערער אַלס העלפּער און אַ דריטער אַלס מיט־באַטייליגטער. יעדער אויף זיין אופן האָט מיטגעהאָלפן מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט.

מיר יידן האָבן אַ גוטע אייגנשאַפט, אַז ווען עס קומט אַ צייט פון נויט און סכנות, טרעפן זיך אַלע מאָל יידן וואָס טוען אויס זייערע וואָכעדיקע מלבושים, לייגן אַוועק אַן אַ זייט זייער ניכטערע טעגלעכע באַשעפטיקונג, און ווערן כלל־טוערס, זיי ווערן גאָר אַנדערע מענטשן. אַזוי ווי זיי וואָלטן אָנגעטאָן ליכטיקע ברילן, דערזעען זיי צום ערשטן מאָל זייער שכן, ווערן נעענטער צו אים און הויבן אָן אים בעסער צו פאַרשטיין.

עס קומען מיר גראַד אויפן זינען די נעמען: ריטער, ראַללער, וואַלעדניקער און אויך אונזער יאַנקל רעכט אויף וועלכן מען האָט זיך אַלעמאָל גע־קאָנט פאַרלאָזן אויפצוואוועקן דעם עולם און נאָך אַ סך וואָס איך געדענק ניט מער ביים נאָמען.

דערפאַר זעען מיר אַזעלכע שיינע בילדער ווי מיר האָבן געזען אין זלאָטשאוו, ווען די שטאָט האָט אויפגעמאַכט די טירן פון זייערע וואוינונגען און האָט אַריינגענומען אַרום 300 יידן פון טאַלמאַטש, ווען מען האָט זיי געפירט קיין רוסלאַנד אַלס גייזעל; און איך געדענק, אַז קיינער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דער מצוה אַריינצונעמען צו זיך כאָטש איינעם פון זיי.

איך דערמאָן זיך, אַז ווען מיר, די יוגנט, וואָס האָט זיך דורך נויט אויסגעלערנט פאַרויסצודענקען, צוזעענדיק ווי די פּרנסות ווערן אַלץ ערגער און די אָרעמקייט הויבט אָן צו וואַקסן, זיינען מיר געקומען צו דעם באַשלוס אַז מיר קענען זיך ניט פאַרלאָזן אויף די אַלטע פירער, וואָס זייערע מעטאָדן זיינען געווען צו אָפּגעשטאַנען. מיר האָבן דערפאַר פאַרופן אין אונדזער פאַריין אַ גרויסע פאַרזאַמלונג און האָבן איינגעלאַדן עפנטלעך אַלע בעלי־בתים פון שטאָט.

און איך דערמאָן זיך, ווי עס וואָלט ערשט נעכטן געווען, ווי איבעראַשט מיר אַלע זיינען געוואָרן ווען אונדזער זאַל האָט זיך אָנגעפילט, אַזוי אַז מען האָט נישט געקאָנט פאַרמאַכן די טירן. און געקומען זיינען אַלע בכבודע אָנגע־זענע מענטשן.

מיר האָבן דעמאָלט צום ערשטן מאָל דערקלערט אונדזער פּלאַן אויף צו שאַפן אַ קאָנסום־פאַריין אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון באַזיס. און דער פאַר־לאַנג איז געווען, אַז די פאַרמעגלעכע מיטגלידער זאָלן זיך אין דער ערשטער צייט אָפּזאָגן פון געניסן פון פּראָוויאַנט, ביז דער פאַריין וועט זיך שטעלן אויף די פיס.

דער דערפאָלג איז געווען אַזוי גרויס, אַז שפּעטער מיט 3 חדשים, ווען די רוטענער האָבן איבערגענומען די מאַכט, האָבן מיר זיי שוין איבעראַשט מיט אַ פּאַקטישער אָרגאַניזאַציע, געריכטלעך לעגאַליזירט און אַ שוין פונקציאָ־נירנדיקן קאָנסום־פאַריין. אַזוי, אַז מיר האָבן, ווי שוין פריער באַמערקט, נישט נאָר באַקומען אַ גרעסערע פּראָצענט פער קאָפּ, פאַר יעדן פון אונדזערע מיט־גלידער, נאָר אויך אַ סך אַנדערע פּריווילעגיעס וואָס האָבן אין יענער צייט אַ סך אויסגעמאַכט.

היינט, קוקנדיק אויף צוריק, גלויב איך אַצינדערט אַז דאָס קומען צו דער פאַרזאַמלונג פון כמעט אַ האַלבער שטאָט מענטשן און דאָס אָנשליסן זיך אַלס מיטגלידער, פון מענטשן וואָס האָבן נישט געפילט די נויט — איז געווען נישט נאָר אַ ווילן צו העלפן און בייצושטייערן, נאָר נאָך מער — מיט זייער קומען האָבן זיי געגעבן אַן הסכמה, ס'האָט געהייסן אַ שאָקל טאָן מיט דעם קאָפּ אויף „יאָ, איר יונגע, איר טוט גוט. מיר זיינען מיט אייך צופרידן". און איך ווייס אַז אויך מיר, די יונגע, האָבן טאַקע דעמאָלט אַזוי געפילט און מיר זיינען שטאָלץ געווען מיט דער דאָזיקער באַשטעטיקונג אַז מיר טוען אַ גוטע זאַך, און ס'איז גאָר אַ גוטער געפיל, ווען מען קאָן זיך אַליין זאָגן: גוט געטאָן!...

בער מרגליות

ניו־יאָרק, 1956.

פּאָעמען און לידער פון בער מרגליות

וואָלט איך אַ וואָלט וויטמאַן געווען

וואָלט איך אַ וויטמאַן געווען,
געזונגען וואָלט איך פון דעם שוסטער,
פון דעם מוירער און פון דעם סטאָליער, —
יעדער מיט זיין ליד, פון זיך, און פאַר זיך.

עס זינגט דער האָט־מאַכער,
גלייך ווי די מוטער, זייער אייגען ליד,
דער היינט איז זייער אייגענער היינט;
דער אַנדערער שפּינט אויך נאָר זיין אייגן ליד,
כאָטש דיזעלבע וועלטער און דערזעלבער ניגון,
איז עס אָבער זיין אייגן שפּינען, לויט זיין געמיט.

יעדער לעבט זיין אייגן לעבן,
יעדער זינגט זיין אייגן ליד;
יעדער טרוימט זיין אייגענעם חלום,
יעדער איז אַן אונטערשיד.

יאָ, אויך איך הער אַמעריקע זינגען,
איך זע און הער זיי גרויס און קליין,
ווי זיי שפּינען און טרוימען דאָס לעבן
מיט ליבע און נחת, און אויך מיט געוויין.

אַ פּאָעט געבוירן איז אַ יעדער,
יעדער טרוימט און זינגט זיין ליד.
דורך דעם האַמער, צי דורך דער פּעדער
דריקט ער אויס דעם אונטערשיד.

און ווען עס קומט דער צווייטער מאָרגן
וועט ער שוין אַן אַנדערער זיין;
דאָס זעלבע ליד צו פרייד, צו זאָרגן
צום נעכטן פּאַסט עס נישט אַריין.

צי דורך אַרבעט, צי דורך זינגען,
צי דורך שווייגן, צי דורך שווינגען —
דו שפּינסט פּאָעטיש דיינע לידער.
לעבן הייסט, באַניי זיך ווידער.

יוני, 1955

אַ ווייכער פּוך

(איינדרוקן פונעם שטורעם פון מערץ, 1956/18)

פּעדער לייכט, אַ ווייסער שניי,
האָט אַנגעפילט די גאַסן,
דורך דיין פענצטער קוקסט צופרידן
צו דעם שטורעם דעם נאַסן.

ווי אַ אומפאַרהאפטער יום־טוב,
פרייען זיך די קינדער,
אויך די קעצלעך און די הינטלעך,
נחתדיק באַזונדער.

אַ ווייכער פּוך מחיהדיק,
מען דאַרף נישט גיין אין חדר,
אַ קנויל פון שניי מאַכט זיך לייכט,
און גיט זיך לייכט אַ שליידער.

עפּעס מאָדנע, ווי געשענקטע,
לויפט פאַרביי דער טאָג, די שטונדן;
אָן אַ סדר, אָן פאַרפליכטן,
דאַכט זיך גאָר ווי אויפגעבונדן.

אַ פּאָעמע פון אַ דיכטונג,
איז געקומען דיך באַגריסן,
דער וואָכן־גאַנג, ווי דורך צויבער,
איז געוואָרן איבערגעריסן.

דער שיקזאַל

(געשריבן אונטער דעם איינדרוק פון בערטאַס אָפּעראַציע)

אַ געפּלעפּטער און פאַרצווייפלט,
פאַרדריסלעך ווי אין נעץ געפאַנגען,
קוקסטו אין דעם שיקזאַלס פּנים,
פול מיט האפערדיקן באַנגען.

שרעקלעך, מיט פאַרווירטע בליקן,
פלוצלינג הייבסטו אָן באַגרייפן,
אַז בלינד, אין גאַנצן, און אַ ווילן,
טוט די קויל די לופט דורכשטרייפן.

קיינמאָל איז אַ זאַך פֿאַר אייביק,
סיי דאָס גוטע, סיי דאָס בייזע.
דיין שיקזאַל, און דאָס גאַנצע לעבן
דויערט נאָר אַ קורצע ווײַלע.

אין מיטן פֿון דיין אוממאַכט
דערזעסטו לייכט די לעבנס־תהומען,
שוואַך און קליין, און גלייך ווי גאָרנישט,
איז דיין ווילן און דיין טרוימען.

טוק זיך, טוק זיך מיט דער האָפֿנונג,
אַז דער שטורעם וועט שנעל פֿאַרווייען,
דיך וועט ער נאָר לייכט באַרירן,
און אפֿשר גאָר דיך גאַנץ פֿאַרזעען.

מוטיק וואַרטסטו גרייט צום ערגסטן,
אָטעמסט פֿרייער, און אויך גרינגער,
ווען דעם שיקזאַלס בייזע פֿויסטן
איז בלויז אַ שאָקל מיט אַ פֿינגער.

מאַי 2, 1956

אונדזער ציוויליזאַציע

פֿינקטלעך איינגעטיילט
אויף יאָרן און שטונדן
און אָנגעפֿילט די צייט
מיט לויטער סעקונדן.

נישט פֿאַרלירן חלילה
זאָל עפּעס די צייט,
איז מיט חכמה דער לוח
געוואָרן פֿאַרשפּרייט.

כּדי לייכטער צו מאַכן
זיין אַרבעט, זיין רוען,
וועט העלפֿן דער זייגער
די צייט זאָל נישט פֿליען.

דערפֿאַר איז ער איצטער
פֿאַרשקלאַפֿט און פֿאַרשמייעט,
פֿון זייגער, קאַלענדאַר,
און פֿון מוטערל צייט.

זיי לאָזן נישט שפּרינגען
נאָר גייען אין שפּאַן,
אין אויסגערעכנטן קרייז
און ווען צייט איז פאַראַן.

אויסער דעם טויט, וואָס קומט
נישט פרעגענדיק צו גיין,
איז אַצינדער זיין גאָט
דער צייט־שפּאַן אַליין.

די מאַשין וועט נישט לאָזן
דעם מענטשן אין אונדז
נשמהדיק טראַכטן,
אויב אָן אַ געווינס.

נישט אַ שריט אָן לאָגיק,
אָן כפל־כפלים,
געפאַנגען אין אַ נעץ
פון מאַטעריעלע רגלים.

דער מענטש איז אַליין שוין
געוואָרן אַ מאַשין,
אַלץ וואָס נאָר ניכטער
איז אין טומל פאַרטאָן.

דאַכט זיך מיר זיינען געבוירן
מיט גאָר אַנדערע צילן,
פאַר העכערן, טיפערן, „זיין",
גייסטיק, און רוחניות־געפילן!...

יאַנואַר 2, 1956

דער פריינד

געווען אַמאָל אַ מענטש אַ גוטער,
וואָס האָט געהאַט אַ ליבן פריינד,
הויך געשאַצט האָט ער זיין פריינדשאַפט,
ווען געשמייכלט צו אים פריינטלעך
און אַ וואונק נאָר אים געגעבן,
האָט ער פינקטלעך אויסגעפירט,
גלייך ווי ס'וואָלט געגאַן אין לעבן.

האָט ער מיט אַ פּראַגע אָפּטמאָל
צו זיין פריינד זיך געווענדט:
פאַרוואָס ביסטו צופרידן
מיט אַלץ וואָס קומט אין דיינע הענט?
פאַרמעגן איז ביי דיר נישט וויכטיק,
זאָרגסט זיך נישט פאַר דעם היינט, דעם מאָרגן,
יאָגסט זיך נישט נאָך כבוד, צי יחוס,
אויך פרעמד איז דיר די לאַסט פון זאָרגן.

פילע יאָרן אַז איך קען דיך,
האָסט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט,
און נישט געפרעגט פאַרוואָס, פאַר ווען,
אויך האָרט דיך נישט וואָס יענער זאָגט,
אויך נייַדיש זיין איז נישט פאַר דיר,
און צו די אַלע גוטע מעלות
פרעגסט דו קיינמאָל נישט קיין שאלות...

און לייכט פאַרשטענדלעך, פונקט ווי תמיד,
מיט פולער וואַכקייט מיך אָנגעקוקט,
ווי איינער רעדט: וואָס טויג דאָס פרעגן?
האָט ער, אָן אַ וואָרט, צו מיר געזאָגט.
יעדער האָט זיך זיין באַשטימונג,
ווען איך זאָל וויסן פון שטראָף און זינד
און פון געטלעכע עליונים,
וואָלט איך זיכער נישט געווען דיין הונט...

מאַי 30, 1956

סטעפּקע דער שבת-גוי

(די ליריק מיט דער מעלאָדיע האָב איך געשריבן צו דער פּיעסע „דער פליכטלינג" וואָס ים הציוני האָט אָנגעשריבן אין יאָר 1914)

ווען איך קום די הריבע הייצן
צו דעם יידן שבת פרי,
די באַלעבאָסטע טוט זיך פלייסן,
גרייט מיר פאָרויס אַלעס צו,
שפּענדלעך טרוקן, אַ מחיה,
נאָר אַ בלאָז ס'פלאַקערט שוין,
דאָס באַלעבעסל מאַטקע-שעיה
צאָלט מיר תיכף אויס מיין לוין.

רעפרעין:

דער לוין איז נישט מיאוס,
האַרב, אָבער זיס.
משקה, משקה, שבתאָווע משקה,
אַ פול גלעזל פון דער פלאַשקע
ווייסע חלה דאַצי
קריגט סטעפּקע שבת אין דער פרי.

פרייטיק ביי ר׳ פיביש בעדער,
דאָרט בין איך אַ גאַנצער לאָרד,
גייט די גאַנצע באָד אויף רעדער,
קוים בין איך ניט אויף מיין אָרט.
טאָ מאַך איך זיי אַ שוויץ,
אַז דער אָטעם זיי פאַרגייט,
מיטן בעזימל אַ שמיץ
אַזוי־ווי אין פסוק שטייט.

רעפרעין:

און אויף שבת אין דער פרי
זאָגט דער בעדער מיר צו
משקה, משקה, שבתאָווע משקה...
אאַז״וו.

ווער שמועסט ערב פסח, ווער איך
דאָרט אַ גאַנצער בעל־הבית,
אַ סוחר ראַפּטום אין דער גיך,
כאָטש פאַרשטיי איך ניט פאַרוואָס,
די פּראָפּינאַציע און די מיל
קויף איך פאַר אַ גאַנצן קרוין,
און באַקום איך פאַר דער שפּיל
אַ דאָפּלט־קריינדל פאַר אַ לוין.

רעפרעין:

און זיכער נאָך דאַצי
פסח אין דער פרי
משקה, משקה, יום־טובדיקע משקה
אַ פול גלעזל פון דער פלאַשקע
און אַ גאַנצע מצה דאַצי
קריגט סטעפּקע פסח אין דער פרי.

און דעם טרינקאל אין דער וואָכן —
ווער צעהאַקט אים, אַז ניט איך?
און דאָס וואַסער צו דעם קאָכן,
אָפּגלאַנצן אויך די שבת־שיך.
מעשענע לייכטער שבת־פרי
אָפּצוראַמען פון דעם טיש,
דאָס איז אַרבעט גאָר אָן מי —
איך באַקום דערפאַר שבת־פיש.

רעפרעין:
און אַ חוץ דאַצי,
שבת אין דער פרי
משקה, משקה, שבתאָווע משקה,
אַ פול גלעזל פון דער פליאַזשקי,
אַ שטיק חלה דאַצי,
קריגט סטעפקע שבת אין דער פרי.

אין דעם גרויסן טאָג יום־כפור
קריגן מיך די יידן ליב,
דענסטמאָל קום איך אויך צום רבין
אין דער גרויסער דאַוון־שטוב.
ביי די אַלע ליכט און ליכטלעך
פיל איך זיך פונקט ווי אַ גאָט,
איך לעש זיי אויס, פאַרריכט די למיילעך,
דענסטמאָל בין איך שיכור־לוט...

רעפרעין:
ווייל פון דער פרי
גיס איך אַלץ נאָר צי
משקה, משקה, יום־טובדיקע משקה,
אַ פול גלעזל פון דער פליאַזשקע
און אַ שטיק לעקעך דאַצי
קריגט סטעפקע יום־טוב אין דער פרי...

איינזאַם פון מיין הויף

איינזאַם פון מיין הויכער הויף,
רוף איך צו דיר געליבטע מיין,
קום: אויבן איז אַ גאָלדענער טייך,
אויבן איז אַלץ מיין און דיין.

זיך אָפּשיידן מוז דער מענטש
פון דעם מענטשנס קליינע צילן,
נישט אין טאָל, און ווייט פון שטויב
קען מען זיך אין זיך דערפילן.

קומען ווילסטו איך זאָל צו דיר,
דיך פון טאָל אַרויסצופירן,
ווען דו קענסט אַליין, ניט גיין,
וועסטו זיך, גאָר לייכט פאַרלירן.

קום איך ווען צו דיר אין טאָל,
ווען איך וועל זיך שטאַרק פאַרבענקען,
ווייס: פאַרפאַלן איז מיין ציל,
דיר מוז איך מיין „איך״ פאַרשענקען.

1913

דער שלייער דעקט גאָר ניט צו

זיס איז דאָס לעבן
ווען עפּעס אַ שטרעבן
באַוועגט דיר כסדר
דיין מוח און געפיל.

זיס איז דאָס לעבן
ווען אונטער זיין שלייער
סודות זיך וועבן
בנמעת און שטיל.

זיס איז דאָס לעבן,
בלייבסטו ביים שטרעבן,
נישט פרעג נאָך אַ תוך,
און צייל נישט דיין מי.

זיס איז דאָס לעבן,
הויב נישט דעם שלייער;
דער שלייער דעקט ווייניק,
דעקט גאָר נישט דיר צו.

1913

אַט־אַ דאָס שטיבעלע

(צו זינגען מיטן ניגון פון אַ מאַלאָרוסישן פאָלקסליד)

אַט־אַ דאָס שטיבעלע ציכטיק און ריין,
דרינען אַ מיידעלע ליבלעך און פיין,
דרינען ביים לעמפּעלע זיצט זי פאַרטראַכט,
וואַרט אויף איר נאַטעלע ביז שפּעט אין דער נאַכט.

דאָס אַלטיטשקע באבעלע זיצט אין דער זייט,
אויף אַ קליינינקן בענקעלע די פיס אָנגעשפּאַרט,
אַ פעדעמדיק זעקעלע האַלט זי אין האַנט,
דאָך שטריקט זי שוין לאַנג נישט, נאָר קוקט אויף דער וואַנט.

דער זייגער העגנט דאָרטן, קוים קוים וואָס ער גייט,
די לבנה באַשיינט אים פונעם פענצטער פון ווייט,
דאָס מיידעלע עפּנט די ליפּעלעך קליין,
נאַטעלע קומט נישט, ער לאָזט אונדז אַליין.

גאלעגאָרע, 15/12 1917

דער ליגן און דער אמת

ליגן וועט זיך קיינמאָל נישט אויסמישן,
ווי בוימל מיט וואַסער צוגלייך.
דו וועסט אים שוין קיינמאָל נישט אָפּווישן,
ווייל אמת איז זיכער ניט שייך.

און דאָך גלוסט זיך אַמאָל זאָגן אַ ליגן,
גלאַט אַזוי, פאַר שפּאַס, אָדער אַ שפּיל.
„אמת" איז, ווי עס דאַרף צו זיין אַפּנים,
צו וואָכעדיק און ווייט פון געפיל.

דער שוואונג פון דעם ליגן וואָס לאָזט זיך מאָלן
און מיט פאַטאָס דורך פאַרבן צעשפּרייטן,
פאַנטאַסטיש, געפליגלט, פריי זיך באַוועגן
און נישט געבונדן מיט אמתקייטן.

נאָר איין זאַך איז פריקרע, וואָס שטענדיק
וויל מען דעם ליגן פאַרגלייכן —

מיט אמת, געבויט נאָר אויף פאַקטן,
וואָס וועט זיי שטענדיק אויסווייכן.

דערפאַר איז ליגן נישט זיכער, און וואַקליג,
באַהאַלטן, מען זאָל נישט דערזען,
און וועלנדיק פאַרטושן, פאַרגלעטן
וועט ער נאָך מער זיך פאַרדרייען.

יוני 2, 1956

* * *

גליק און אומגליק, שמאַרץ און ליידן
איז אַ צושטאַנד, נאָר אַ שיין
פון דיין אויסענווייניקן שטרעבן,
פון דיין יאָגעניש אַליין.
זעלטן ווען עס האָט באַדייטונג
און באַרירט דיין „איך", דיין זיין.

געדאַנקען

געשריבן אין זלאטשאוו, 1915, בשעת דער רוסישער אינוואַזיע)

בילדער, בילדער, ציען, ציען,
כאַפּט מיין האַרץ אַזש אָן אַ שרעק,
די געדאַנקען פליען, פליען
אָן אַן ענד און אָן אַ ברעג.

יעדן טאָג נייע קרבנות
מיין נשמה האַרט ווי שטאָל,
קוקט זיך צו ווי אָן רחמנות
פאַלן מענטשן אָן אַ צאָל.

אין מיין שטיבל, האַרט ביים פענצטער
זיץ איך און איך קוק און טראַכט,
פליען קוילן, פאַלן מענטשן,
איינער האָט אַ זיג געמאַכט.

פאַלן מענטשן, פליען קוילן,
די לופט, פיל איך, רויכיק שמעקט;

צי בין איך פון דעם פולווער רויך,
אפשר אויך שוין אָנגעשטעקט?...

האָט דער קול פון די האַרמאַטן
אפשר מיך שוין אָנגערעדט?
וואָס כ׳וואָלט וועלן יעדן טויטן, —
כ׳זע אין מענטשן נאָר אַ שד?

דורך מיין פענצטער, אין מיין שטיבל,
הער איך ווי דער ווילדער רעדט:
„מענטשן, מענטשן, ווער מיר מענטשן,
בעל־כרחו וואַרף איך אייך אַ גט!״

די פוילקייט צו דענקען

אַלץ ווי געווען היינט ווי נעכטן,
און אויך אַזוי דער מאָרגן,
ווידערהאָלסט די זעלבע וויצן
און זאָרגסט די זעלבע זאָרגן.

דיר פאָרויס גייט כסדר איינער,
הינטער דיר גייט נאָך אַ צווייטער,
שפּאַנסט אין אויסגעטראָטענע וועגן
ווי אויף שפּראָצן פון אַ לייטער.

דו לאָזט נישט צו קיין נייע זאַכן,
וואָס קענען דיין באַקוועמקייט שטערן,
אויף פריקרע זיינען דיר געדאַנקען,
וואָס צווינגען דיך אַריינצוקלערן.

דער דענקער גריבלט, זוכט באַשטענדיק,
ווערט קריטיקירן, אומצופרידן,
ער גאַרט און לעכצט צו נייע וועגן,
באַגערט נאָר דאָס וואָס איז פאַרשידן.

ער, דער דענקער, לאָזט נישט רוען,
ווערט שטענדיק דיך דערמאָנען,
און אָנווייזן אין דער גיכן
אויף פעלערן וואָס פאַראַנען.

נישט אויסצוהאַלטן — וואָלט איך זאָגן,
ווען איך פיל נישט טיף אין האַרצן
אַז גערעכט איז ער, דער שטערער,
נישט אַלץ איז גוט וואָס ווערט נישט שנאַרצן.

נישט אַלץ איז אמת, וואָס איז גלאַטיק,
נישטאָ קיין פאַרשריט און אַ שטרעבן,
כאָטש באַקוועם איז שלאָף און רוען,
איז קריטיש דענקען נויטיק — כ'לעבן.

מאַי 19, 1956

כ׳וואָלט געוואָלט

(געשריבן אין זלאטשאוו, 1915, בשעת דער רוסישער אינוואַזיע)

כ'וואָלט געוואָלט אַריינוואַרפן זיך
פון דער וועלט
אין סאַמע מיט,
און שרייען הויך פון האַרצן טיף:
וואָס איר טוט
איז שלעכט, ניט גוט.

כ'וואָלט געוואָלט אויסקרעכצן זיך
מיט דונער
און מיט בליצן,
מיין זיפץ זאָל טיף אין האַרץ ביי אייך,
אַ וואונדיק לאך
אויסקריצן.

און זאָל די וואונד, איך וואָלט געוואָלט,
מער ברייט
און ברייטער ווערן,
דאַן וועט זיך אפשר פון אייער אויג
פאַר ווייטאָג
גיסן טרערן.

דענסטמאָל וועט איר וועלן ביינאַנד
באַקרעכצן
מיט מיר די וועלט,
זיפצן וועט איר, קרעכצן ביטער
און שעלטן
אַוואו איך שעלט...

פון די צוזאַמענגענומענע ברעקלעך

אַ קאַפּעלע צרות, אַ קאַפּעלע לייד,
אַ קאַפּעלע טרויער, אַ קאַפּעלע פרייד,
קנאה און שנאה און ביטערער שטרייט,
דאָס איז פון לעבן די גאָלדענע קייט.

דאָס לעבן אַ מענטש אונטער דער זון,
כאַטש פאַמעלעך — אַ וועבענדע שפּין,
טרייבט דיך ווייטער פאָרויס נאָר, פאָרויס,
אַ רגע נאָר, און פאַרטיק, און אויס.

די פּאָעזיע פון אַרבעט

(פריי איבערזעצט פון פּויליש)

נישט נאָר דער וואָס שירים שרייבט,
און מאָלט די שיינקייט פון נאַטור,
מיט פאַרביק שיינעם קלאַנג,
איז אַ פּאָעט.

נישט נאָר דער וואָס באַשרייבט
דעם אויפגאַנג פון דער זון,
דעם סוד פון בענקענדיקן שווייגן
אין דיין זכרון פריש דערוועקט —
איז אַ פּאָעט.

איך קען אַ שענערע פּאָעזיע,
וואָס בליט אין מענטשנס ברוסט,
מיט אַ הימליש הייליק פייער
וואָס דורות איבערלעבן וועט.
זי קריצט געטלעך צאַרטע צייכנס
אויף דעם מענטשנס פּנים,
און מאַכט אים פאַר אַ פּאָעט.

זי דערהויבט אים צו דער הויך
פון דעם קינסטלער, דעם זשעניע,
און מאַכט אים גאָט אַליין דערזען
אין זיין ממשות פּאָעזיע.

קראָקוי, 15 יאַנ., 1913

גאָט איז אין דיר

גאָט פון הימל איז אין דיר,
ניט זוך אים אין דעם שם־המפורש
אויך נישט אין הימל ערגעץ־וואו,
זוך אים אין דיין גייסט, דיין שורש.

ניט זוך אים מיט דיין פּראָסטן שכל,
אין לאָגיש דענקען איז ער נישטאָ,
ערגעץ וואו אויף העכסטע הויכן,
אין תהומיק טיפקייט איז ער דאָ.

פאַרכאַפּט אין רעיונות טיפע,
מיט ציטריק אויסגעשטרעקטע הענט,
האָפסטו אַז נשמה גופא
וועט ווייזן זיך אויף איין מאָמענט.

ווען התפּעלותדיקע תפילה
מיט אַ רוחניותדיקן גלויבן
זוכן, גאַרן צו דער גאולה,
האָסטו זיך צו אים דערהויבן.

איך האָב קיין צייט

(געווידמעט א. בערנשטיין און אַלבאָם)

איך האָב קיין צייט,
מיין פריינד, מיין פריינד,
צו שפילן זיך אין פאָרמען,
איך האָב קיין צייט
צו בוקן זיך
געגנעהנען זיך צו נאָרמען.

מיין וועג איז לאַנג,
איך יאָג מיט האַסט,
איך קען זיך ניט אָפּשטעלן;
עס טרייבט מיך ווייט,
איך האָב קיין צייט,
איך קליינלעך צו געפעלן.

וואָס צווינגט איר מיך
צו גיין זיג־זאַג:
שטעלט מיך אָפּ, — עס לויפט די צייט,
צו מעסטן מיר —
אַ יעדן שפּאַן;
אַך, זעט, — מיין ציל רופט מיך פון ווייט.

אַך, שטערט מיר נישט,
לאָזט מיך לויפן,
זייט נישט דער צוים פון שטרעבן,
אָ, שטערט מיך נישט,
זעט, מיין גייסט
רופט מיך צום נייעם לעבן.

זלאטשאוו, 1915

האַרבסט

וואו אין מיסטן וויל ער ווייזן
דיך דערמאָנען און אָנזאָגן
אַז דער ווינטער איז גאָר ווייט נאָך —
נישטאָ פאַרוואָס זיך צו באַקלאָגן.

זעט ווי הערלעך מיינע פאַרבן,
כאָטש די צייט פון פרוכט פאַריבער,
איז פאַראַנען אין מיין שאַרבן
אוצרות פיל, ס'לויפט אַזש איבער.

ניט געזאָרגט פאַר קעלט און ווינטן,
צי פאַר בלעטער וואָס פאַרוויאַנען,
באַזאָרגט בין איך מיט דיקע רינדן
וואַרעמקייט גענוג פאַראַנען.

אייביק נאָר פאַרטאָן אין שיינקייט,
נעילהדיק איז האַרבסט געלעגנדן,
אָנגעפּילט מיט לויטער ריינקייט,
ניט ווי זומערדיק פאַרשוועגדן.

מאַנכעס מאָל נאָר ווילט זיך גלויבן,
אַז מתיקות האַרבסטלעך גלוסטן,

קאָן נאָך העכער דיך דערהויבן
ווי דעם זומערס פולע ברוסטן.

זומערדיקע זאַטקייט שפּילן
וועט דיין חומר נאָר פאַרזאָרגן;
גלייך זיי נישט צו האַרבסט־געפילן,
וואָס נשמה האַלט פאַרבאָרגן.

אָקטאָבער, 1956

פּלאַטאָנישע ליבע

און טו איך מיין אַרבעט,
און דריי איך מיין ראָד,
דאַן שטייסטו מיין ליבסטע פאַר מיר,
און פּערלט דער שוויס מיר,
ס׳ציטערט מיין בלוט —
דאַן פיל איך מיין ליבע צו דיר.

פאַרוואָלקנטס מיין אויג זיך,
גיסן זיך טרערן
אין מיטן מיין דרייען; איך דריי
און טו איך נאָר בענקען,
אומעטיק קלערן,
פאַרגעס איך דאַן לייכטער מיין ווי.

איך וויל דיר נישט נאָענט זיין,
זאָלסט מיר נישט שטערן.
מיין בענקען און קלערן פון דיר,
וויל ביט אין דיין נאָענטקייט, נאָר
אין מיינע טרערן
געפינט זיך מיין ליבע צו דיר.

דער צייכען אויף דיין פּנים

און דענקסטו, מיין מיידל,
פרום, ערלעך און גוט,
גיט קונציק אַ מלאך
אויף דיין פּנים אַ שניט.

ווייך אַ שניט פון גוטסקייט
געצייכנט אויף דיין פּנים,
אין דיין נאָענטקייט אַ צויבער
אַ ריח פון שבת־בשמים.

און פולט דיין געמיט זיך
מיט ליידנשאַפט בענקען,
איינסטינקטן פון תאוה
דו ווילסט זיך פאַרשענקען.

אויף דיין פּנים ווייזט זיך
אַ קליינינקער צייכן,
וואָס באַגלייט דיך באַשטענדיג
וועט אייביק נישט ווייכן.

און ווילסטו אָפּנאַרן, אָה, מיידל, —
עס וועט נישט געלינגען, אַ ניין!
אַ מלך האָט, קענטיק, פאַרצייכנט
אויף אייביק דיין פּנימל שיין.

1916

מענטשלעכע חלומות

פויגעלעך פליען אַהין און צוריק —
וואַזשנע שליחות פאָרויס נאָר, פאָרויס;
חלומות געבוירן אָקאָרשט, אַצינד,
באַגייסטערט אין פינקטלעך פירן זיי אויס.

מענטש ווי אַ פויגל וועט קיינמאָל ניט זיין:
זיין חלום מוז אָרנטלעך זיך פירן;
צייט, ווי אַ זייגער מוז ווערן צעטיילט —
אָן אַ חשבון ווערט ער זיך נישט ריר̈ן.

אַלעס מוז שטימען און זיין אויף אַן אָרט,
מ׳מוז זיך דאָך פירן מיט לייטן גלייך;
זיין חלום מוז וואַרטן אָפּט גאָר לאַנג,
ווייל פּראַקטיק און שכל איז דאָך ניט שייך.

ציטלעך און וואַגיק און נישט מער באַפליגלט,
קיין וואונדער וואָס ער דערקאַנט אים נישט מער,
אַ פאַרוויאַנעטע רויז איז איצטער זיין טרוים;
ס'איז נישט מער זיין חלום, נישט מער זיין באַגער.

אויגוסט 13, 1955

* * *

געפינסטו אין דיר, אין דיין אייגענעם שטיבל,
קיין אמת, קיין יושר אין דיר,
ביי יענעם, ביים שכן, פאַרגעס, אַ פאַרגעס,
זיי זוכן אים אָקאָרשט ביי דיר.

1913

דאָס אייביקע נאַרן

די טראַגעדיע וואָס מיר רופן לעבן,
איז אַ מאָדנער געמיש פון חלומות מיט וואָר,
זיי וויקלען און גאַרן זיך צו פאַרוועבן,
זיי בילדן צוזאַמען אונדזער לעבנס־שנאָר.

און וועבט זיך דאָס שנירל פריידיק און מונטער,
איז דאַכט זיך אַלץ געלונגען און גוט;
ווי אַ גלאַטיקער שליטוועגס גליטשט זיך אַרונטער,
נישט וויכטיק דער ברעג, ווען זיס דאָס געמיט.

אַזוי נאַרן מיר זיך און שפרייזן און שפאַנען,
פאַרוואונדערט אַביסל, און אַביסל מיט שרעק;
נאַשן אַביסל, און ווען כוח'ס פאַראַן,
דערלויפן מיר, דאַכט זיך, אָט־אָט צו אַ ברעג.

יולי, 1955

זיבעציק

זיבעציק יאָר; דאַכט זיך בלויז איבערמישן
איין בלאַט פון דיין לעבנס־בוך,
און ווייטער לעזן גלייך ווי תמיד.
דאָס קאָן זיך זיין ווען דו ביסט פערציק,
אָדער פופציק,
נאָר נישט ביי זיבעציק!...

בײַ זיבעציק מוסטו כאַטש אויף איין רגעלע
אַ קוק געבן אויף צוריק,
צו דײַן לאַנגן, ווײַטן וועג,
וואָס שלענגלט זיך שמעלער און שמעלער,
ביז עס פאַרענדיקט זיך
אין אַ קליין פּינטעלע.

דאָס איז דער וועג פֿון אַלע דײַנע נעכטנס,
וואָס קוים דו זעסט, און קוים זיי צו דערפֿילן.
דאַכט זיך גאָר דײַן גאַנץ פאַרמעגן פליט אַוועק
מיט אָט דער לאַנגער סטעזשקע.
און מיט אַ געפּיל פֿון כאַפּן צוריק,
ציילסט דו דײַנע פאַרגאַנגענע יאָרן.

אָפּגעהאַקטע ברעקלאַך פֿון פאַרגאַנגענע טעג,
וואָס דו ווילסט פאַרבינדן אין איין
גאַנצן לעבנס־שנור.
אָן מיט אַ געפיל פון נישט־זיכערקייט,
דערזעסט דו פלוצלינג, ס'איז גאָר נישט דאָס.
וואָס דו האָסט געהאַט אין זינען.

מאָדנע, אַזוי וואָגיק איז דײַן וועג פֿון נעכטן.
און מיט נישט זיכערע געפּילן
האָסטו דערזען דאָס נישט־דערזאָגטע.
דאָ צו פאַריכטן, און דאָרט צו פאַרגלעטן.
אַזוי פּיל רינגעלעך פעלן דאָך
צו דער גאַנצער קייט...

עס פאַרדריסט דיך, און דו באַטראַכסט מיט זאָרגן
און אויך מיט בענקשאַפט,
דאָס קליינע פּינטעלע גאָר ווײַט דאָרט
ביים אָנהויב פֿון אַלע דײַנע נעכטנס:
דאָרט פעלט עפּעס!...
אפשר אַן אות, אָדער גאָר אַ וואָרט אַ גאַנצעס...

צו זיבעציק: ווען דער מאָרגן פאַרלירט זײַן גלאַנץ,
און דער נעכטן איז אַזוי נאָענט געוואָרן,
ווילט זיך נישט איבערלאָזן
אַ געפּעלערטן עבר.
און אַזוי הויבסטו אָן דײַן בענקען און זאָרגן,
וואָס מיר אַלע רופן לעבן, — צו זיבעציק...

אַפּריל 10, 1956

דער מענטש אין דיר

פון יאָדער אין זריעה
באַנייט זיך אַלץ וואָס לעבט;
אויף דער ערד און אין דעם וואַסער,
און וואָס אין לופטן שוועבט.

פרעגט זיך דאָך מיט רעכט די שאלה:
וואָס־זשע איז דאָ צו שטאַלצירן.
אויב דער מענטש איז גלייך מיט אַלע,
מיט זיין זאָרגן און אויפפירן.

באַווייזט דאָך מוראַשקע און בין
די קונץ פון בויען און פּלאַנירן,
שפּינען נעצן, בילדן נעסטן,
גאָר אָן שולן און אָן שטודירן.

דו ווערסט ווערן מענטשלעך אַנדערש,
איז דער ענטפער שאַרף און קלאָר,
דורך דיין שפּראַך, דורך פאַרשטיין
און דורך מענטשלעכער קולטור.

דורך זוכן דאָס גוטע אין אַלעם
ווערט דער מענטש אין דיר דערהויבן,
דורך זוכן יושר און אמת
מיט אַן איינגעשפּאַרטן גלויבן.

יולי 27, 1956

* * *

זע מיך ווי איך בין
און נישט ווי דו ווילסט
איך זאָל זיין.

וועסט דו נישט אַנטוישט זיין
ווען דו וועסט מיך דערזען
ווי איך בין.

פאַרגעס אַן זיך, ווען דו קומסט צו מיר,
ווערסטו זיכער אַוועקגיין
צופרידן מיט מיר.

און מעסט מיך ניט מיט זיך —
ווייל קיינער איז נישט דאָס, וואָס דו
דענקסט ביי זיך.

זע מיך ווי איך בין
און נישט ווי דו ווילסט
איך זאָל זיין.

25 סעפט., 1955

* * *

נישט דאָרט איז דער אמת
וואו קאָכיק דאָס לעבן
אין מיטן דער ברויזנדער כוואַליע;

אויך ניט אין פּאַלאַצן,
געפּוצטע סאַלאָנען,

ביי די פאַרשווענדער פון מיליאָנען —
איז אמת אַ שפּיל בלויז,
אַ ליאַלקע אַ שיינע פאַרפּוצט.

ערגעץ אין ענגע געסעלעך
מיט קליינע פאַרשמוצטע שייבעלעך,
פאַרוואָרפן, מיט בלאָטע פאַרמעקט,
געפינט זיך דער יושר פאַרשטעקט.

קראָקע, 1909

ניט געבוירן אין אַ הייבל

איך טויג צו גאָר ניט, זאָגט מיין ווייבל;
איך אַליין זע אויך דאָס איין —
ניט געבוירן אין אַ הייבל,
אויך ביי דער אַרבעט פּראָסט און קליין.

זיינוול איז אַ גאַנצער קנאַקער,
דער קאָפּ ביי אים שאַרף ביז גאָר,
אויך צום אָנזען — אַ פאַרשווינדל.
אין שטוב פון כל־טוב, איז דאָך קלאָר:

װען איך הער אים ריידן, שמועסן,
צי ביי קאָרטן, צי גלאַט אַזוי,
ס׳מוז נישט װילנדיק פאַרדריסן;
אַקעגן אים, מיין לעבן גרוי.

דאָך צי װאָלט איך גלאַט פאַרביטן
אויף איין רגע אים מיט זיך? —
סיי מיין װייבל, איך בתוכם
װילן, כ׳לעבן, בלייבן „איך".

פעב. 3, 1956

אַ פונק איז די ליבע
(געװידמעט מיין בערטאַן)

אַ פונקט איז די ליבע, װאָס קומט אָן צו פליען
פון איינזאַמע בערג אין אַן איינזאַמער שעה;
פאַרזייט זיך אַ קערנדל, זאָל זיך עס בליען
און פלאַטערט זיך װייטער, און פאַרטיק, נישטאָ.

מיר פילן אַ ציטער, מיר שפירן אַ בענקען,
דאָך װייסן מיר זעלטן װאָס דאָ איז געשען.
פאַרבאַרגן נאָר טוען זיך הערצער פאַרשענקען,
ניט װיסנדיק װעט זיך אַ גאָט דיר געגען;

און צייטן פאַרשװינדן, און יאָרן פאַרגייען,
עס פאַלן נישט איין מאָל די בלעטער פון בוים;
עס טוען באַזונדער די בלימלעך באַנייען
און טרוימען דערװייל זיך פון ליבע אַ טרוים.

ביז איינמאָל, װען צייטיק עס זיינען די בליטן,
שוין זאַפטיק די פרי, צו שװער שוין די לאַסט,
װי פלוצלינג טרעפן זיך דאַן ביידע הערצער
און בילדן צוזאַמען אַ גאָלדענע קװאַסט.

פאַרבינדן זיך הערצער, װערט פאַרטיק דאָס בלימל —
פון אייביקן פונק איז געװאָרן אַ בוים.
זי קערניצט די כוחות פון אייביקן ברונעם,
פון שמערצלעך פאַרבענקטן ליבעס־טרוים.

זלאָטשוו, 1917

* * *

מיין גאַרן און מיינע חלומות
פאַרפירן וואָלטן מיך, ווער ווייסט ?
ווען ציוויליזאַציע און קאָנווענציע
בינדן ניט מיין פרייען גייסט.

* * *

אָ, אייביקע פלאַכקייט,
די פאָן פון קולטור,
מיט הויכע אידעאַלן
פאַרפוצטער גלאַזור...

האַלב וויינענדיק, האַלב לאַכנדיק

אין אַ נאַכט אַ שטילער,
האַלב טרוימענדיק, האַלב וואַכיק,
ביסטו צו מיר געקומען,
האַלב וויינענדיק, האַלב לאַכיק.

אין אַ נאַכט אַ שטילער
געפונען און פאַרלוירן,
אַ ווייטיק האָט מיין האַרץ
אין מיר זייט דאַן געבוירן.

אין אַ נאַכט אַ שטילער,
האַלב טרוימענדיק, האַלב וואַכיק
האָב איך דיך פאַרלוירן
האַלב וויינענדיק, האַלב לאַכיק.

זלאטשעוו, 1916

דער סוד

מיין מיידל פרעגט אַמאָל ביי מיר
כ'זאָל איר דעם סוד דערקלערן,
פאַרוואָס, ווען איך קוק אויף איר,
מוז זי גאָר רויטלעך ווערן.

טו איך גלעטן אירע האָר —
איז מאָדנע זיס ביים האַרצן;
קוש איך זי, דאַן פילט זי גאָר
אַ פריידיק גליקלעך שמאַרצן.

— זאָג מיר — בעט זי ביי מיר שטיל
און גלעט מיר מיינע באַקן —
כ'קען דאָך יונגלעך אַזוי פיל,
פאַרוואָס ביי דיר נאָר טאַקן?

— דיין נשמה, — זאָג איך, — האָט —
און קוק איר אין די אויגן, —
שוין אַנטפּלעקט דעם טיפן סוד.
צו וואָס זשע טויג דאָס פרעגן?...

1913

אַ רגע פון אַ רגע

דאָס פאַרגאַנגענע שוין פאַרצערט
און די צוקונפט נאָך נישטאָ!
בלויז אַ רגע פון אַ רגע
איז דער מאָמענט פון חיה־שעה.

בלויז דער טייטש פון דעם „געוועזן"
וואָס קענסט נישט כאַפּן מער צוריק,
דיין „אַצינדערט" איז שוין אַוועק,
ער דויערט נאָר איין אויגענבליק.

וואָס־זשע לוינט זיך צו באַקלאָגן
אויף אַ ביטערן געדאַנק,
ווייסט דאָך זיכער קוים דעריאָגן
בלויז אַ סימן פון זיין קלאַנג.

אויגוסט 7, 1956